STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00361

ALE VERK FUN DAVID FRISHMAN

David Frischmann

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth Berlowitz
in memory of
Charles Berlowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
פון דוד פרישמאן

אלע ווערק פון

דוד פרישמאן

פינפטער באנד

פערלאַג לילי פרישמאַן

בריעף פון רוסלאנד

ערשטער טייל

דריטע אויפלאגע

װאַרשאַ — ניו־יאָרק 1939

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman
1939
Printed in Poland

ערשטער בריעף

פרייהייט אין רוסלאַנד — עס איז ווי מען וואָלט מיר זאָגען: זון אין סיבּיריען. נאַרישע מענשען! יאָהרען, אומענדליכע יאָהרען מוזען פערבּייגעהן ביז אַ נאַטור פון אַ קלימאַט ענדערט זיך אַביסעל, שטעלט אייך פאָר, אַז מענשען זענען געפאַלען אויף די פער-צווייפעלטע עצה, צו הייצען דערוויל יענע סטעפּעס דורך פייער פון אויוועגס. מען האָט אין אויסלאַנד נאָך אַלץ נישט קיין בּעגריף פון רוסלאַנד און פון זיינע „אמת'ע" מענשען און פון זייער טאַטאַרישער נאַטור און אפילו די, וועלכע זיצען דאָ עטליכע יאָהר און שיקען אַהיים זייערע בּעריכטען און זייערע קאָרעספּאָנדענצען, זעהען נישט ווייטער פון זייער נאָז און פערשפּרייטען די פאַלשסטע בּעגריפען. אין בּעסטען פאַל, ווען מען זאָל שוין אַפילו גאָר קריגען די פרייהייט, וועט עס זיין אַ פּאַפּירענע פרייהייט און אין דער זאַך גופא וועט זיך ווענוג וואָס האָבּען געענדערט. אפשר וועט עס גאָר זיין נאָך שלעכטער; ווענינגסטענס די ערשטע צייטען. עס וועט זיין צוגעקומען אַ נייער יאָך, דער יאָך פון דער פרייהייט — אַ מין געזעץ, וואָס די פּאָליציי וועט עס נעהמען אין האַנד אַריין און וועט דערמיט פּייניגען גרויס און קליין, אַלט און יונג, און וועט זיך מאַכען דע-רויס אַ נייע קוועלע, כדי צו נעהמען „וזיאַטקעס" (שוחד). עס וועט זיין צוגעקומען אַ מין יאָך, ווי דער יאָך פון מיליטער-פּליכט. די פּאָ-ליציי וועט מיר צושיקען אַ פּאָוועסטקאַ (אויפפאָדערונג), אַז אין דעם און דעם טאָג צו דער און דער שעה זאָל איך זיך שטעלען אין דער פּאָליציי, אום צו ערפילען די „פליכט פון פרייהייט". קאָזאַקען וועלען קומען און וועלען מיך שלעפּען צו דער פרייהייט, מיט נאַגייקעס וועט מען קומען און מען וועט מיך יאָגען צו דער פרייהייט. פערשידענע שטעמפּעל-פּאַפּירען און פערשידענע שטייערען וועל איך האָבּען אָבּצו-

צאָהלען פאַר די פרייהייט, פערשידענע געלדער און פערשידענע „וויזאַטקעס" וועל איך האָבען צו געבען, כדי מען זאָל מיך אַביסעל צורוה לאָזען מיט דער פרייהייט, — בקיצור, איך וועל אַביסעל פרייער אָבאָטעמען, אַז איך וועל שוין זיין פטור די פרייהייט. און נישט נאָר דאָס אַליין: אַלס יוד וועל איך האָבען דאָפּעלט צו ליידען פון דער פרייהייט. די אַנטיסעמיטישע בלעטער וועלען קומען און וועלען אויס-ווייזען אַזוי ווי ביי דער מיליטער-פליכט, אַז דער יוד, דער גנב, נאַרט אָב די רעגירונג און געהט ארום די געזעצען און נאַרט זיך אַרויס פון דער פליכט פון דער פרייהייט. ער מאַכט זיך פאַר אַ קאַליקע, ער האַקט זיך אָב אַ פינגער, ער זעצט זיך אויס עטליכע צייהן, ער מאַכט זיך בלינד אויף איין אויג, אָדער ער טרינקט ריצין-אייל, אום צו זיין נישט פעהיג אָדער נישט ברויכבאַר פאַר דער פליכט פון דער פרייהייט אין די אויגען פון דער פּאָליציי. אין רוסלאַנד, זעהט איהר, פערשטעה איך נישט אַנדערש די פרייהייט ווי נאָר זיין געצוואונגען צו איהר, און דאָס טאַקי דורך קאָזאַקען און נאַגייקעס. מען דערצעהלט, אַז פעטער דער גרויסער האָט אַריינגעבראַכט פון די מערב־לענדער די קולטור קיין רוסלאַנד, און האָט צום סוף געוואָלט, אַז אין הויף זאָלען די הויכ-לייט אויך קאָנען טאַנצען, האָט ער צו זיי גענומען קאָזאַקען מיט נאַ-גייקעס און האָט זיי צייט געגעבען 24 שעה כדי אויסצולערנען די נייע תורה. מען האָט געשלאָגען און מען האָט געטאַנצט, פון הינטען האָט מען געשלאָגען און פון פאָרענט האָט מען געמאַכט רעווערענצען און די פאַס פון מענועט.

דערווייל אָבער מאַכט מען אין רוסלאַנד דורך צייטען, וואָס דער, וועלכער ערלעבט זיי נישט מיט זיין אייגענעם קערפּער און מיט זיין אייגענער נשמה, קאָן זיך פון זיי קיין שום פאָרשטעלונג נישט מאַכען. איך לייען אין אַ אויסלענדישער צייטונג אַ בעריכט, אַז מיר לעבען דאָ אין טויט-שרעק. ניין עס איז נישט אמת, מען האָט שוין לענגסט פערגעסען זיך צו שרעקען. מען איז שוין עפּעס גלייכגילטיג געוואָרען. איך געדענק, איך האָב אין מיין קינדהייט אַ סצענע געזעהן, וועלכע האָט זיך אין מיין נשמה איינגעביסען און איך קאָן זי קיינמאָל נישט פערגעסען. עס איז אין אונזער שטאָדט די כאָלערע געוועזען. ביי אונזער שכן, אַ יוד אַ חסיד, איז זי אַנגעקומען שבת. דער יוד איז געוועזן אַנ-

געשהון אין זיין שבת׳דיגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע; ער האָט גראָד געהאַלטען ביים עונג שבת און האָט זיך געפרעהט און געלאַכט. ביז מאָנטאָג זענען ביי איהם געשטאָרבען פיער קינדערלעך און זיין ווייב. ער האָט זיי אַלע מקבר געווען אין דער שבת׳דיגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, און ווען איך האָב איהם דינסטאָג געזעהן, איז ער אַלץ נאָך געגאַנגען אַזוי אָנגעטהון און איז אַלץ נאָך געווען בשמחה׳עט און האָט געלאַכט. איך קאָן דאָס דאָזיגע פּנים ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג נישט פערגעסען. זעהט איהר, אין רוסלאַנד האַלט מען שוין אַזוי ווייט, אַז טויטע פאַלען רעכטס און לינקס, ווי די פליעגען, די וואָס מען האָט אַמליעבסטען ווערען געשאָסען פאַר די אייגענע אויגען, און מען געהט אָפט אָנגעטהון אין די בגדי-שבת און מען לאַכט אָפט אויפ׳ן קול. עפּעס ווי אַ מין שגעון איז געקומען איבער אַלע. מען איז שוין עפּעס אַזוי גלייכגילטיג און פערשטיינערט געוואָרען און מען ווייס שוין גאָרנישט מעהר, וואו מען האַלט. כדי נאָר ווי עס איז אַ בעגריף צו געבען פון דעם דאָזיגען צושטאַנד, מוז מען כאָטש אויבערפלעכליך און אָהן רעטושירונג אַ פאָטאָגראַפיע געבען פונ׳ם מעת-לעת לעבען, פון די 24 שעה טעגליך, אין דעם היינטיגען רוסלאַנד.

ביינאַכט פון מינוט צו מינוט די שווערע טריט פון די מיליטער-פאַטראָלען, און אָפט אַ שאָס אָדער אַ שיסעריי, איינציגווייז האָט זיך דיין אויער געוועהנט דערצו און דו שלאָפסט שוין. פּלוצלינג אַ ווילד קלאַפּען ביי דיין טהיר און אַ ווילד קול זאָגט דיר הינטער דער טהיר, אַז מען ברענגט דיר אַ טעלעגראַם. טעלעגראַם — די דאָזיגע קאָמעדיע איז שוין גוט בעקאַנט און מען ווייס שוין, וואָס עס בעדייט. בלייך און ציטערדיג מאַכסט דו אויף די טהיר, עטליכע פאָליציאַנטען, עטליכע סאָלדאַטען און אַ קאָמיסאַר שיטען זיך אריין: אַ הויז-זוכונג. דרויסען אויף די טרעפּען און אין הויף ביי אַלע טהירען אין טויערען נאָך אַ שטיק צעהן, צוואַנציג מיליטער. מען הויבט אָן צו זוכען ביי דיר. פון די בעטען שלעפּט מען אַרויס דיין ווייב אָדער דיין שוועסטער אָדער די קינדערלעך. די קינדערלעך וויינען, די סאָלדאַטען ברעכען אויף אונגעדולדיג די שענק, מען פערדרעהט דיר אַלץ מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף. מען טרעטט דיר אויף דאָס בעטגעוואַנד, מען רייסט דיר אויף די פּאָדלאָגע, מען

צעלעגט דיר די אויוזענס אין אַלע שטובען. עס דויערט אַ שעה פינף, זעקס. גאָט צו דאַנקען, מען האָט גאָרנישט געפונען. מען זאָגט דיר — עס איז געווען על-פי טעות און מען האָט גאָר געמיינט דיין שכן. אגב, זאָגט מען דיר, דאָס דיין שוועסטערעל, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 17, איז פערדעכטיג און מען פיהרט זי, מען האָט געפונען ביי איהר עפּעס אַ צעטעל, זי האָט געזאַמעלט צווישען חבר׳טעס ביז שוין אַ רובעל צוויי פאַר די רעוואָלוציאָנערען פון ביאַליסטאָק. אינדערפריה שטעהסטו אויף און דו ווילסט דיר נעהמען דיין צייטונג צו לעזען. דיין צייטונג בעקומסטו נישט מעהר, מען האָט דאָס בלאַט ביינאכט קאָנפיסקירט און דעם רעדאַקטאָר האָט מען איינגעזעצט. דו געהסט אַרויס אין גאַס אַריין, דו געהסט אַביסעל פערטראַכט און קלערסט וועגען דיין פרנסה. פּלוצלינג ווערט אַ געלויפעריי און דו לויפסט אויך, דו הערסט עטליכע שאָסען און דו בעהאַלסט דיך אין אַ טויער. אַ שעה שפּעטער ווערסטו געוואָהר, אַז דיין געשוועסטער-קינד איז דערשאָסען געוואָרען, בלויז צופעליג, מען האָט געציעלט אויף איינעם, וואָס מען האָט איהם גערופען „שטעה" און ער האָט זיך נישט באַלד אָבגעשטעלט, און געטראָפען האָט מען דיין געשוועסטער-קינד. דו געהסט אַ שריט ווייטער, און אַ פּאַטראָל שטעלט דיך אָב. מען בעזוכט דיך פון קאָפּ ביז צו די פיס, און אגב קוקסטו דיך אַרום שפּעטער, אַז עס פעהלט דיר דיין פּאָרטמאָנעע און אַ גאָלדען זייגערעל. דו געהסט אַריבער איבער די גאַס שוין בשלום און קומסט אַריין צו דיינעם אַ סוחר, מען איז דיך מכבד מיט אַ פּאָר-טפעל פּראָטעסטען, און אגב דערצעהלט מען דיר, אַז אין פינף, זעקס נייע שטעדט זענען געווען נייע פּאָגראָמען און דיין ביסעל האָב און גוטס איז נישט מעהר ווערט קיין קאָפּעקע. דו געהסט פון דאָרט אַריין צו אַ צווייטען, דו הערסט דאָרט דאָס נייעס, אַז אין לויף פון די לעצטע פיער טעג זענען אַרויסגענומען געוואָרען אין דער פּאָליציי העכער 3000 אויסלענדישע פּעסער און אַז דער עולם לויפט ווי פון אַ פייער אַרויס פון רוסלאַנד. די אָרימע עמיגרירען, די רייכערע פאָהרען אַרויס. עס פאַלט אויף זיי אַ גאָט׳ס כתה. דו קומסט אַהיים און הערסט, אַז מען האָט דיר דערוויל דיין זוהן גענומען און אַוועקגעזעצט אין ציטאַדעל. דיין זוהן איז עפּעס ווירק-

ליך „אַריינגעמישט“, און טויט-שטראָף דורך שיסען אָדער הענגען אי. נישט איינע פון די זעלטענע זאַכען; דיין ווייב ליעגט און הל״ש׳ט, דו מוזט לויפען ווידער אין דער גאַס אַריין; עפּעס אַ שכן קומט צו דיר אַריינצולויפען און זאָגט דיר, אַז אַט קומט ער פון דער גאַס, אַז היינט טאָר מען נישט מעהר אַרויס, עס איז סכנת-נפשות: עפּעס אַ באָמבע האָט מען געוואָרפען און אַ ראָטע קאָזאַקען איז אָנגעקומען און יעצט גיסט זיך בלוט אין די גאַסען. דו ציטערסט אַ מינוט און בלייבסט און פערגעסט באַלד און ווערסט גלייכגילטיג. עס קלינגט ביי דיר. דו מאַכסט אויף די טהיר און עס קומען אַריין אַ שטיק עקס, אַכט קאָמוניסטען אַנאַרכיסטען, אָדער גלאַט באַנדיטען. איינער שטעלט זיך ביי דער טהיר, אייגער ביי דער אייזערנער קאַסע, איינער ביי דער הינטער-טהיר, איינער דאָ איינער דאָרט, און צוויי האַלטען דיר ברוינינגס-רעוואָלווערען פאַר׳ן קאָפּ. מען פערלאַנגט פון דיר 500 רובעל און מען שיסט אויס — שפּעטער אַביסעל קומט אַ דעפּוטאַציע פון דיינע אַרבייטער. עפּעס ווידער אַ נייער שטרייק. די הוספה, וואָס דו האָסט געגעבען פאַריגע וואָך, רעכענט זיך נישט און מען פערלאַנגט נייע קאָנדיציעס און הויפּטזעכליך פערלאַנגט מען, אַז דו זאָלסט פערגרעסערען דיין פאַבריק און די צאָהל פון די אַרבייטער. דו טענה׳סט און בעווייזסט, אַז דו ביזט אַליין אַ פּראָלעטאַריער, און מען לאַכט פון דיר. ענדליך איז די נאַכט געקומען און דו געהסט נאָך אַרויס אויף אַ מינוט צו אַ שכן, עס איז אַ נויטיגער גאַנג, אין דער איילעניש האָסטו פערגעסען דיין פּאַספּאָרט מיטצונעהמען, און דער ערשטער פּאַטראָל, וואָס טרעפט דיך פיהרט דיך אַוועק אין פּאָליציי אַריין. ביינאַכט, ווי דו זיצסט צוזאַמען מיט עטליכע הונ- דערט מערדערס און קעשענע-גנבים, הערסט דו פּלוצלינג, אַז אויף דער גאַס איז שמחה וששון: אַ רעוואָלוציע איז אויסגעבראָכען און עטליכע הונדערט מענשען זענען געפאַלען. עס וועט נאָך עטליכע טעג דויערען, ביז דו וועסט וויסען, צי עס איז נישטאָ דערונטער פון דיין הויז-געזינד. דאָס איז דער קיצור שולחן-ערוך פון אַ טאָג לעבען אין רוסלאַנד!

מען וואַרט און מען ווייס אַליין ניכט אויף וואָס, מען האָפט און מען ווייס אַליין נישט אויף וועמען, מען הויבט די אויגען צו

אַלע פיצר עקען פון דער וועלט און מען גלויבט אַליין נישט, אַז עס איז דאָ אַן׳אויסוועג. און דאָך זאָגט מען זיך, אַז היל׳ף מוז קומען, ז׳ מוז! אָנפאַנגס איז דער משיח אויף וועלכען מיר האָבען געוואַרט אין האָפנונג און אין אַנגסט, געווען די דומאַ. נישט אַזוי וואָס מיר האָבען געגלויבט, אַז די דומאַ וועט קומען און מיט איין פעדער-שטריך ענדערען גאַנצע וועלטען — ניין, אַזוי נאַאיוו זענען נאָר די אויסנאַהמס-נאַראָנים געוועזען, די וואָס גלויבען אין פּאַרלאַמענטען און קענען די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָבען אַזוי ליעב אומעטום צו מאַכען אַנאַלאָגיעס און פערגעסען דערביי, אַז דאָ האָט מען צו טהון נישט מיט פראַנצויזען, נאָר מיט טאַטאַרען, מיט וואַנדאַלען, מיט אַזעלכע וואָס נאָך אין יאָהר טויזענד-נײַנהונדערט און זעקס קאָנען זיי נישט אַנדערש ווי אַריינשלאָגען נעגעל אין מענשליכע קעפּ און אויפשניידען בייכער פון קינדער, און אַרויסרייסען צונגען ביי נאָך לעבעדיגע מענשען.

ווען מיר האָבען געגלויבט אַביסעל אין דער דומאַ, איז עס נאָר געווען, וואָס מיר האָבען דיזעלבע בעטראַכט עפּעס ווי אַן׳אמת׳ע פרייע פרעסע, עפּעס אַ צייטונג וואָס מען קאָן איהר פאַרט נישט אַזוי לייכט דאָס מויל פערמאַכען און וואָס דאָס ביסעל אייראָפּאַ און די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט וועט זי מוזען לעזען און וועט לעזען און זעהען. מיר האָבען מינוטענווייז אָבגעזיפצט און אָבגעאָטעמט פון אונזערע אונמענשליכע צרות. אוי, אוי וועט דאָס זיין אַביסעל אַ צייטונג, און אויגען וועלען די אַבאָנענטען אין אייראָפּאַ און אַמעריקא מאַכען פראַסט ווי משוגענע! אָט, האָבען זיי דאָ אַ רוסלאַנד אונטער דער נאַז, אַ לאַנד, אין וועלכען זיי שטעקען אַריין זייערע מיליאַרדען, און מיט וועלכען זיי שליסען אַליאַנסען און מיט וועלכען זיי זוכען פריינדשאַפט צו מאַכען, און וויסען פון זייערע הענד און פיס, מיט ועמען זיי האָבען דאָ צו טהון און אַז דאָס איז דאָס געפעהרליכסטע, מיט ועמען זיי שפּיעלען זיך און אַז באמת וואוינט האַרט נעבען זיי אַ ראַסע, וואָס אַלע וואַנדאַלען און אַלע באַרבאַרען און אַלע ווילדעסטע שבטים פון אַלע צייטען האָבען געמעגט געהן צו זיי אין דער שולע. איידער די דומאַ איז געווען, האָבען מיר אָפּט געהערט מיינונגען, אין אייראָפּאַ. און אפילו פון די

ליבעראלסטע בלעטער, אז די הערען רעוואלוציאנערען אין רוסלאנד זענען ליידער צו עקסטרעם און געהען אפט צו ווייט און פערלאנגען צופיעל און שטערען דאדורך די רעגירונג, וועלכע האט זיי געגעבען, און וועלכע גיט זיי אלץ וואס איז דערווייל נאר מעגליך צו געבען. מיר האבען עס דא געלעזען און מיר האבען געפלעגט צו פלאצען פאר צרות. יעצט וועניגסטענס איז דאס אויסלאנד אביסעל ערשיטערט געווארען אין זיין גוטמוטיגען גלויבען. דער איינציגער משיח אויף וועלכען דאס פאלק אין רוסלאנד ווארט אין זיין אונמענשליכען אומגליק, איז די עפענטליכע מיינונג אין אויסלאנד. די איינציגע האפנונג, וואס מילדערט נאך אמאל זיינע ליידען אויף מינוטען, איז דער בטחון, אז דער טאג וועט קומען, וואס איירעפא און די ציווילעזירטע וועלט וועט זיך מוזען אריינמישען. דאס פאלק אליין וויים נאך נישט אין וועלכער פארם דאס וועט זיין, און אויף וואס פאר אנ'אופן דאס וועט געשעהן, אבער טונקעל און אונבעשטימט שוועבט דאס דאזיגע פאר זיינע אויגען, און ער ווארט און האפט און בענקט נאך דעם.

אזוי איז געווען דאס פורכטבארע בלוט-באד פון ביאליסטאק. וואס ווייסט איהר דערפון, ווען איהר לייענט וועגען דעם? וואס קאנט איהר דערפון וויסען? איך האב א טייל דערפון אליין מיט מיינע אויגען געזעהן. איהר וואלט עס מוזען אליין זעהן, כדי צו וויסען וואס עס איז געשעהן אין יאהר טויזענד ניינהונדערט און זעקס אין ליכטיגע העלע טעג ווערהענד די זון האט געשיינט. די רעגירונג מיט איהרע מיליטער-קרעפטען איז בעפאלען א גאנצע שטאדט און האט זי אויסגעשאכטען, און ווי געשאכטען! מיט די אונמענשליכסטע, גרויזאמסטע, בארבארישסטע עינויים קשים, וואס א פאנטאזיע קאן זיי זיך נאר אויסמאלען!

פערצייהט מיר, איהר מערטירער, פערצייהט מיר, איהר שאטענס, וואס איהר שוועבט נאך ארום איבער אלע ווינקעלעך, פערצייהט מיר אויך איהר, איבערגעבליבענע יתומים'לעך און אומגליקליכע אלמנות און פערוואגעלטע טאטעס און מאמעס! דער שמערץ איז נאך ניי און איך ווער רויט און מוז אראבהענגען די אויגען — אבער פערצייהט מיר, איך קאן נישט אנדערש; איך פיהל א מין שאדענ-

פרייד, אַז עס איז אַזוי געקומען. ענדליך, ענדליך וועט אייראָפּא הערען און וועט בעגרייפען. אייער טויט, דער טויט פון איבער הונ-דערט מענשען, און די וואונדען פון הונדערטער פערוואונדעטע, און די שמערצען פון טויזענדער, וועלכע זענען געבליבען, איז נויטיג געווען. ענדליך וועט מען דרויסען בעגרייפען און וויסען ווי ווייט עס האַלט דאָ. אייראָפּא האָט זיך געריהרט. אינטערפּעלאַציעס זענען געווען אין די פּאַרלאַמענטען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער. אויך ענגלאַנד האָט שוין אָנגעהויבען צו רעדען. אַ הילף מוז קומען, זי מוז.

צווייטער בריעף

וואַרשא איז זיך צולאָפען. אין לעצטען דאָנערשטאָג איז אויס-געפאַלען דער פעטער-פויל-יום-טוב און אין דעם טאָג האָט מען גע-זאָגט ווער זיין דער פאָגראָם. אין פאָריגען יאָהר ווען מען האָט זיך געריכט אַמאָל אויף אַ פאָגראָם, איז די זאַך געוועזען נאָך נישט אַזוי שרעקליך: אַ פאָגראָם האָט מען געוואוסט ווערט געמאַכט פון כולי-גאַנעס, און געגען כוליגאַנעס איז פאַרהאַנען, ווי עס איז, נאָך עפעס אַ שטיקל עצה — דער זעלבסט-שוץ. עטליכע טויזענד יודען מיט נוים וועלען שיצען. יעצט ווען מען רעדט פון אַ פאָגראָם, דאַן הייסט עס; אַ זיכערער טויט מיט אונמענשליכע עינויים; אַ פאָגראָם, ווייס מען, ווערט יעצט געמאַכט „בהכשר הרב דפה״ — פון דער רעגירונג אַליין און דורך דעם מיליטער, און געגען מיליטער מיט ביקסען און שווער-דען און האַרמאַטען און פולעמ־אָטען איז קיין עצה נישטאָ. אַ מהומה איז געקומען איבער הונדערטער טויזענדער מענשען. עטליכע טעג איז דער עולם געווען עפעס ווי פערשטיינערט און האָט אַרומגע-שוועבט ווי די שאָטענס, שטום און בלייך, מיט אַ געגליווערטען שרעק. פלוצלינג, גאָר אין די לעצטע טעג, איז מיטאַמאָל אַ נערוועזע לע-בעדיגקייט געקומען איבער אַלע און ווי אַ שגעון איז געפאַלען איבער גרויס און קליין. מען האָט אָנגעהויבען לויפען איבער קאָפּ אין פוס. פינף, זעקסהונדערט אויסלענדישע פאַספּאָרטען זענען אין לויף פון אַ טאָג געגומען געוואָרען. די רייכערע זענען געלאָפען קיין אויסלאַנד. די אָרימערע זענען געלאָפען וואוהין זייערע אויגען האָבען זיי געטראָ-גען, די אָרימע זענען אַרויס נאָך מיטוואָך ביינאַכט, אין די נאָהנ-טע דערפער, אין זומער-וואוינונגען און דער רעשט האָט אָנגעהויבען זיך אַרומצוקוקען נאָך קעלערס און בוידעמס, וואו מען זאָל זיך קאָנען פערגראָבען. אַ מאַמע, האָב איך געזעהן, האָט אַרויסגעריסען פון

וויצגעל אַ שלאָפענדיג קינד, און האָט עס אָנגעהויבען פלוצלינג שטאַרק צו קושען און האָט שטיל געוויינט. אויף דזיעלנא-גאַס זענען פון אַ הויף, וואו עס וואוינען צוויי־הונדערט יודען, הונדערט מיט אַכציג אַנטלאָפען. אַ יוד אַ שכן, וועלכער האָט אַ גאַלאַנטעריע-געשעפט, איז געשטאַנען דעם גאַנצען מיטוואָך-טאָג און האָט פּערפּאַקט בעזונדער יעדעס שטיקעל און האָט זיך מכין געווזען. אויף דער גאַס זענען דעם גאַנצען מיטוואָך הונדערטער דראָשקעס געפלויגען, געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען און זאַכען. די באַהנהויפען זענען געוועזן איבערפולט. עס האָבען נישט געקלעקט קיין בילעטען פאַר פּאַסאַזשירען. אין די וואַ-גאָנען איז געווען ענג צום אומקומען. וואַרשא איז זיך צולאָפען.

און אָפּט כאַפּ איך זיך דערביי, ווי איך זיץ, דעם קאָפּ אָנגע-שפּאַרט אויף דער האַנד, און איך קלער און קלער: רבונו של עולם! איז דאָס נישט אַ בייזער חלום? וואָס טהוט זיך דאָ מיט אונז און וואו זענען מיר? דאָס איז מיין רעכטע האַנד און דאָס איז מיין לינקע. מיר זענען נישט אין מיטעל-אַפריקאַ ביי די ווילדע, און דאָס האָט פּאַסירט נישט אין פינסטערען מיטעל-אַלטער. וואָס טהוט זיך דאָ? אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אין מיטעל-אייראָפּאַ, אין דעם בליהענדיגען וואַרשא אַנטלויפען הונדערטטויזענד מענשען פלוצלינג אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען — פאַר וואָס? ווייל מען האָט מורא, אַז מענשען זאָלען נישט איבערפאַלען און הרג׳נען, מען האָט מורא, אַז די רעגירונג, די א י י ג ע נ ע רעגירונג, זאָל נישט איבערפאַלען און הרג׳נען און וואו איז די ציוויליזאַציע? און וואו איז די מענשליכקייט? און וואו איז אייראָפּאַ? און פאַרוואָס רעדט מען נאָך פון מענשען-פרעסערס אין די ווילדע מדבריות? — פאַר עטליכע וואָכען האָבען מיר געלייענט ווי אין איטאַליען איז דער וועזוף אויפגעבראָכען און הונדערטער טויזענדער מענשען זענען געלאָפען זיך ראַטעווען. אויך האָבען מיר געלייענט פאַר עטליכע וואָכען, ווי אין סאַן־פראַנציסקאָ איז אַן ערדציטערניש געוואָרען און הונדערטער זענען געלאָפען וואו-הין די אויגען האָבען זיי געטראָגען, אום דאָס לעבען צו דערהאַלטען. און דאָרט האָבען מיר געהאַט צו טהון מיט נאַטור-כוחות, מיט ווילדע עלעמענטען! אין די רעגירונגען זענען געקומען פון ארבע כנפות הארץ און האָבען געשיקט קאָנדאָלענץ-טעלעגראַמען קיין איטאַליען און

קיין אַמעריקאַ, און האָבען אויסגעדריקט זייער טיעף מיטלייד איבער דעם אומגליק, וואָס די נאַטור האָט אָנגעמאַכט. אין וואַרשאַ אָבער איז נישטאָ קיין וועזוף, און אויך ערד-ציטערנישען קומען אין דער געגענד קיינמאָל נישט פאָר — אין וואַרשאַ איז נאָר פאַרהאַן אַזעל-כעס, וואָס איז ווילדער פון די ווילדעסטע עלעמענטען: אַ רעגירונג מיט קאָזאַקען און האַרמאַטען. און פאַר דער דאָזיגער ווילדער נאַטור-קראַפט, וואָס האָט אָנגעהויבען פלוצלינג אויפצוברעכען, זענען דעם צלפטען יולי 1906 הונדערטער טויזענדער מענשען געלאָפען וואו נאָר זייערע אויגען האָבען זיי געטראָגען. עס וואָלט נאָך פאַסען, אַז די רעגירונגען פון ארבע כנפות הארץ זאָלען אויך דאָ אַהערשיקען קאָנדאָלענץ-טעלעגראַמען איבער דעם אומגליק, אַנטקעגען וועלכען אַלע מענשליכע קראַפט איז צו שוואַך. צו וואָס נאָך די ליגענס? צו וואָס די קאָמעדיעס? וואָס דרעהען זיי נאָך מיט זייער מענשליכ-קייט און מיט די מענשען-רעכטען און מיט פרידענס-קאָנפערענצען און מיט שוץ-פעראיינען פאַר חיות? קאָנען זיי זעהען, ווי נעבען זיי, האַרט ביי דער נאָז, ווערען טאָג-טעגליך הונדערטער מענשען גע-שאָכטען און געמאַטערט און ענטווירדיגט און קאָנען גאָרנישט דערצו טהון, אָדער עס לויהנט זיי זייער פאָליטישער עסק נישט דערצו עפּעס צו טהון — טאָ זאָלען זיי וועניגסטענס שווייגען.

בין־כך־וכך טהוט די דומא דאָס איהריגע, און אין דער היינטי-גער וואָך איז פיעל גערעדט געוואָרען איבער דער אידישער פראַגע. די דומא-קאָמיסיע, וועלכע איז געשיקט געוואָרען קיין ביאַליסטאָק האָט אָבגעגעבען דין-וחשבון. די מעשיות, וועלכע ווערען דערצעהלט פון ביאַליסטאָק, זענען אַזוי שרעקליך, אַז זיי שטייגען איבער אַלע פריוואַטע נאַכריכטען, וועלכע מיר האָבען ביז יעצט בעגעגענט אין ציי-טונגען. זעלבסטפערשטענדליך, טהוט אויך די רעגירונג דאָס איהריגע: זי האָט פערעפענטליכט אַ בעריכט וועגען ביאַליסטאָק, וואָס איז גע-שריבען אין דעם בעקאַנטען נוסח פון שטענדיג. מיט רעכט בעמערקט די צייטונג „ריעטש”, אַז דער דאָזיגער בעריכט האָט געקאָנט ווערען אָנגעשריבען אין פעטערבורג אַליין, אויך ווען די רעגירונג וואָלט נישט געהאַט געשיקט אַ דעלעגאַט קיין ביאַליסטאָק, און אַפילו גאָר איינגאַנ-צען פאַר׳ן פאָגראָם. עס איז דער אייגענער נוסח, ווי ער איז געוועזען

אָנגעשריבען נאָך קישיניעוו, האָמעל, זשיטאָמיר, קיעוו, אָדעס און הונדערט אַנדערע פּאָגראָם-שטעדט: „עפּעס אַ צופאַל איז געווען, עס האָט איינער אויסגעשאָסען, און מען האָט געמיינט, אַז עס איז אין די פּראָצעסיע אַריין, און אַזוי ווי רעוואָלוציאָנערען זענען דאָ אין ביאַליסטאָק געגוג, האָט מען זיך גענומען נוקם זיין אָן זיי. נאַטירליך, האָט דאָס מיליטער נישט דערלאָזט, עטליכע מענשען זענען אומגעקומען פוןביידע זייטען.“ איבריגענס, איז די רעגירונג מבטיח צו שיקען אַהין נאָך איין עקסטראַקאָמיסיע פון סענאַטאָרען. חוץ דעם גיט די רעגירונג אין אַלערהעכסטען נאָמען אַ דאַנק דעם מיליטער פאַר זייער גוטע אַרבייט.

אָט דאָס אונגעפעהר איז דער נוסח פון דער רעגירונגס-פּראָקלאַמאַציע. צו וואָס די רעגירונג שרייבט דאָס אַזוי, ווייס קיינער נישט, גלויבען גלויבט דאָך איהר קיין איינציגער מענש נישט, און חוץ דעם זענען דאָך דאָ גענוג מענשען, וועלכע האָבען אַלעס געזעהען מיט אייגענע אויגען, און אַ חוץ דעם איז דאָך דאָ אַ דומא-קאָמיסיע, און אַ חוץ דעם האָט אַפילו דער דעלעגאַט פון׳ם מלוכה-ראַט אַליין זיך אָנפאַנגס פערפלוידערט און האָט אַלעס אויסגעזאָגט. אָבער אלה תולדות רוסלאַנד! אַ רעגירונגס-בעריכט אָהן אַ ליגען טאָר נישט זיין! נאַטירליך איז געקומען שפּעטער דער דעפּוטאַט יאַקאָבסאָן אין דער דומא און האָט געזאָגט: „ערשט נאָך דעם בעריכט פון דער רעגירונג, האָב איך פערשטאַנען, אַז איך בין גאָרנישט אַזוי מאַכטלאָז, ווי איך האָב אַ-עמאָל געגלויבט. איך האָב ערשט יעצט פערשטאַנען די בקשות פון די פאַמיליעס פון די געהרג׳טע און פערוואונדעטע, צו דערצעהלען, וואָס און ווי אַלעס איז געשעהן.“ און דער אייגענער יאַקאָבסאָן, איינער פון דער דומא-קאָמיסיע, רופט מיט אַ קרעכציגער שטימע: „די פּאָליציי צוזאַמען מיט דעם מיליטער האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם. אומעטום, וואו פּאָליציי און מיליטער זענען נישט געווען, איז אויך קיין פּאָגראָם נישט געווען! אין דער סוראַסקא-גאַס, וואו עס וואוינען לויטער יודישער פּראָלעטאַריאַט, איז קיין פּאָגראָם נישט געווען — ווייל דאָס מיליטער און די פּאָליציי, וועלכע האָבען מורא פאַר אַ שאָס, האָבען פּראָכט מורא געהאַט דאָרט צהין זייער נאָז אַריינצושטעקען.“ און ווייטער זאָגט דער אייגענער יאַקאָבסאָן: „דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם

איז געבויט לויט דעם בעקאנטעם מוסטער, וואָס דער פירשט אוראָסאָוו האָט אונז מגלה געווען: די רעגירונג האָט איהם געמאַכט מיט דער הילף פון געדונגענע באַנדעס: דער חיליק איז נאָר, וואָס אין דעם לעצטען פאָגראָם האָט אויך דאָס מיליטער שוין עפענטליך מיטגעאַר- בייט." און יאַקאָבסאָן ענדיגט מיט די ווערטער: „צום ערשטען מאָל קאָן יעצט די יודישע בעפעלקערונג דורך מיין פערמיטלונג זיך ווענדען צו אייך, איהר פערטרעטער פון דעם רוסישען פאָלק, כדי איהר זאָלט וויסען, אַז נישט דאָס רוסישע פאָלק אָרגאַניזירט פאָגראָמען, דאָס איז אַ געמיינע מסירה. דאָס רוסישע פאָלק איז אַ געגנער פו פאָגראָמען; עס וועט זיך צו אייך, כדי איהר זאָלט אַרויסזאָגען, דאָס די מענשען, פון וועלכע עס בעשטעהט דאָס יעצטיגע מיניסטעריום, קאָנען נישט בלייבען ביי דער רעגירונג, נאָר מוזען אָבגעגעבען ווערען צום שטראָף- געריכט.

דריטער בריעף

די דעפעשע פון פעטערבורג, וועלכע איז היינט דורכגעפלויגען די גאַנצע וועלט ברענגט די דאָזיגע טרויעריגע נאַכריכט: „לויט אַן אוקאַז פון'ם צאַר איז די דומא דעם 21-טען יולי געוואָרען פונאַנדערגעלאָזען. די נייע דומא וועט ווערען צונויפגערופען דעם 5-טען מערץ 1907. די בעדינגונגען, לויט וועלכע די נייע וואַהלען וועלען ווערען דורכגעפיהרט, וועלען ערשט שפּעטער בעקאַנטגעמאַכט ווערען, גארעמיקין איז אין דעמיסיע, זיין שטעל פערנעהמט סטאָליפּין, וועלכער בלייבט אויך יעצט מיניסטער פון אינערען. פעטערבורג איז ערקלערט אין „שטאַרקער אויפזיכט". (גאַנץ קיעווער גובערניע איז ערקלערט אין קריעגסצושטאַנד. דער גרעסטער טייל פון די מיטגלידער פון דער דומא איז אַרויסגעפאָהרען קיין פינלאַנד, אום דאָרט זיך בעראַטען"...

ובכן האַלטען מיר שוין ווידער ביים אָנפאַנג. ה' נתן וה' לקח — דער צאַר האָט געגעבען אַ דומא און דער צאַר האָט גענומען. עס איז נאָר אַ חסד פון זיין ליעבען נאָמען, וואָס מען איז מבטיח, אַז אַ נייע דומא וועט צונויפגערופען ווערען אין 1907. ווער עס קען רוסלאַנד, וואָלט זיך גארנישט וואונדערען, ווען ער וואָלט לעזען, אַז די נייע דומא וועט ווערען צונויפגערופען אין 1917 אָדער 1927. צעהן יאָהר פריהער אָדער צעהן יאָהר שפּעטער שפּיעלען קיין ראָלע נישט אין רוסלאַנד, וואו אַלץ וואָס ווערט געגעבען, ווערט געגעבען נאָר פון אייגענער גנאָד, און נישט ווייל עס קומט און נישט ווייל אַ פאָלק האָט עס פערלאַנגט און האָט עס זיך גענומען. צעהן יאָהר פריהער אָדער צעהן

יאָהר שפּעטער שפּיעלען דאָך אויך קיין ראָלע נישט בּיי עפּעס אַ סאַטראַפּ אין אַזיען, וואָס, וויל ער — טהוט ער זיך אַזוי, און וויל ער — טהוט ער זיך אנדערש. ס'איז נאָר איין אומגליק, וואָס אייראָפּא פערשטעהט נאָר אייראָפּעאיש און האָט נאָר אייראָפּעאישע בּעגריפען און איבּערזעצט זיך אַלעס נאָר אין איהרע אייגענע בּעגריפען. ווען זי לייענט דאָס וואָרט „דומא", איבּערזעצט זיך דאָס אין „פּאַרלאַמענט", און „פונאַנדערלאָזען" הייסט בּיי איהר „פונאַנדערלאָזען" אויף אייראָפּעאיש, און „נייע וואַהלען" הייסען בּיי איהר „נייע וואַהלען" לויט דעם בּעגריף פון אייראָפּא — און דעריבּער האָב איך מורא, פערשטעהט מען דורכגעסען אין אייראָפּא גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך דאָ בּיי אונז. זיי מיינען, אַז זיי האָבּען צו טהון מיט דייטשלאַנד, אָדער עסטרייך, אָדער זיי האָבּען צו טהון מיט נאַפּאָלעאָן דעם דריטענס אַנ'אויפלעזען פון אַ פּאַרלאַמענט און זיין עצה פון אַ מיליטער-דיקטאַטור. דאָס איז אַלעס זעהר שעהן און איז פּאַרלאַמענטאַריש און קומט פאָר אין דער בּעסטער געזעלשאַפט — אָבּער ווען מען בּעציהט דאָס דאָזיגע אויף רוסלאַנד, דאָ געהט איינ'ם אַ פּראָכט אַריבּער איבּער דעם לייבּ און דאָס בּלוט ווערט גערונען אין די אָדערען. דאָ בּיי אונז אין רוסלאַנד בּעדייט נישט די פּאָליטיק פאַר'ן פאָלק — אַ פּאָליטיק, בּיי וועלכער דאָס פאָלק קאָן זיך זיצען אָווענדס אין לאָקאַל בּיי אַ גלאָז בּיער און לייענען די דאָזיגע דעפּעשען און זיך צוהיצען און טרינקען און פּלוידערען איי-ער מיט דעם אַנדערען וועגען דער פּאָליטיק; דאָ בּיי אונז בּעדייט אַלעס — לעבּען און טויט. בּיי אונז ווערט געגעבּען אַ דומא — און הונדערטער קאָזאַקען רייטען דורך יעדע גאַס און עס פאַלען הונדערטער קרבּנות און הונדערטער פאַמיליעס בּעקלאָגען די „פרייהייט"; בּיי אונז ווערט געשלאָסען אַ דומא — און צוואַנציג שטעדט ווערען ערקלערט אין קריגסצושטאַנד און טייכען בּלוט פליסען און אַ בּליהענדיגע געגענד ווערט פּלוצלינג אַרויסגעריסען ווי אַ סדום אָדער אַנ'עמורה. אַ קלייניגקייט — מיר לייענען אַ דעפּעשע פון פּעטערבּורג, אַז די דומא איז פונאַנדערגעלאָזען — און דאַגעגען לייענען מיר בּאַלד, אַז פּעטערבּורג איז ערקלערט אין שטאַרקען אויפזיכטס-צושטאַנד, און בּעזונדערס לייענען מיר אויך אַ נאַכריכט, אַז אַכט גוואַרדיע-פאָלקען זענען בּיינאַכט געשיקט געוואָרען פונ'ם לאַגער אין קראַסנאָיע-סעלאָ קיין פּעטערבּורג, אום צו

זיין גרייט און אין פעטערבורג הערשט אַ פּאַניק, ווי אין אַ טעאַטער אין וועלכען עס איז בעת דער פאָרשטעלונג אַ פייער אויסגעבראָכען. ביי אונז אַריינגעהן אין אַ דומא איז סוף-כל-סוף ווי אַריינגעהן אַלס בענדיגער אין אַ קליאַטקע פון ווילדע חיות, און דער וואָס איז אין דרינען בעוויזט סוף-כל-סוף נישט מעהר ווי נאָר קונצען און בראַוואור-שטיקלעך און אַליין איז ער נישט זיכער קיין איינציגע מינוט מיט זיין אייגען לעבען. דערפאַר איז עס דאָך רוסלאַנד, און עס איז אַ „רוסישע" פרייהייט און אַ „רוסישע" דומא און אַ „רוסישע" קאָנסטיטוציע. עפּעס קומט עס מיר פאָר, ווי די מעשה מיט יענעם שדכן, וועלכער האָט הונדערט פּרימאַ-שידוכים פאַר אַנ'איינגעצ'עקשנ'טער בת-יחידה, און אַז זי וויל ניט'ס און זאָגט, אַז זי וועט חתונה האָבען נאָר פון ליעבע, נעהמט ער אַרויס זיין נאָטיץ-ביכעל און ער ערקלערט איהר, אַז ער האָט פאַר א'הר גראָד אַ געפּאַסטען שידוך פון ליעבע אויך. מען האָט פאַר אונז אין רוסלאַנד געהאַט „פון פרייהייט אויך". לויט דעם פּאַראַגראַף און לויט דעם און דעם זאַקאָן און לויט דעם און דעם געזעץ זענען מיר פריי אויך. אַ גליקליך לאַנד, וואו עס איז פאַרהאַנען אַ פּאַראַגראַף און אַ קאָזאַק מיט אַ נאַגייקע אויף אַלצדינג, און אַפילו אויף פרייהייט!

און מאָרגען וואָס וועט זיין? און איבערמאָרגען? — עס קאָן זעהר געמאָלט זיין, אין דער נעכסטער דעפּעשע וואָס מיר וועלען בע-קומען, וועט שטעהן: „פעטערבורג איז ערקלערט געוואָרען אין ריעגסצושטאַנד". און דאַן ווידער מיט אַ דעפּעשע שפּעטער: „גאַנץ רוסלאַנד איז ערקלערט געוואָרען אין בעלאַגערונגס-צושטאַנד". יעדער, וואָס וועט זיך ווייזען אין גאַס, וועט ווערען געשאָסען. און דאַן ווידער מיט אַ דעפּעשע שפּעטער: „די מיליטער-דיקטאַטור איז געגע-בען געוואָרען איבער גאַנץ רוסלאַנד. טרעפּאָוו איז דיקטאַטאָר". און דאַן ווידער: „די געוועזענע מיטגלידער פון דער געוועזענער דומא ווערען געזוכט, און אומעטום וואו זיי ווערען געפונען, ווערען זיי 1) אויפגעהאָנגען, 2) געשאָסען, 3) פערשיקט אין סיביריען און 4) געהרג'עט און געשלאָגען מכות-רצח פון יעדען אוריאַדניק און פון יעדען קלענס-טען פּאָליציי-בעאַמטען אין מינדעסטען שטעדטעל, וואָס וויל זיך נוקם זיין פאַר די דברים רעים, וואָס די דאָזיגע פּריצים האָבען גערעדט

בימי גדלותם אויף די פאָליציי און אויף היייליגע הערען פון דער ביוּ-ראָקראַטיע". דערוויל, נאַטירליך, זענען אַזעלכע דעפּעשן נאָר פּאַנ-סאַזיעס, אָבער ווייט פון אמת זענען זיי פאָרט נישט. אין אַ טעלעגראַם פון פעטערבורג האָבען מיר שוין היינט געלייענט: „נאָכדעם ווי עס איז געוואָרען פעסטגעשטעלט, אַז דער מערדער פון גענעראַל קאָזלאָוו איז אַ יוד, האָט טרעפּאָוו ווידער אָנגעהויבען מיט דער גאַנצער קראַפט זיין אַגיטאַציע געגען די יודען. מען האָט מורא פאַר נייע פּאָגראָמען. פינף פּאָלקען מיליטער זענען פונם לאַגער געשיקט געוואָרען קיין פעטערבורג".

ווערענד איך שרייב די דאָזיגע ווערטער, קומען אָלץ מעהר און מעהר פרישע טעלעגראַמען אָן פון פעטערבורג. עס איז אינטערעסאַנט אין די דאָזיגע טעלעגראַמען אויך דער אופן, ווי אין רוסלאַנד ווערט אַ דומא פונאַנדערגעלאָזען. ס׳איז עפּעס אויף עכט רוסיש; איך גלויב נישט, אַז דער נישט-רוסישער לעזער וועט זיך מאַכען די ריכטיגע פאָר-שטעלונג דערפון. צוערשט איז אינטערעסאַנט די שעה: פיער אַ זייגער פאַרטאָגס איז דער אוקאַז בּעקאַנט געוואָרען. גאַנץ פעטערבורג איז בּע-לאַגערט פון מיליטער. שבת ביז צוועלף ביינאַכט איז אָנגעקומען מיליטער אָלץ מעהר און מעהר: אינפאַנטעריע, קאַוואַלעריע, גוואַרדיע אויף די פערד, הוזאַרען, אולאַנען און טויזענד אַנדערע. אַרום דער דומא זענען אויסגעשטעלט הוזאַרען מיט בּלאַנקע שווערדען. די דומא אַליין איז געשלאָסען; די פּאָליציי בּעוואַכט אַלע טהירען און טויערען, און אַריין און אַרויסגעלאָזען ווערען נאָר דער פּרעזידענט און די וויצע-פּרעזידענטען פון דער דומא. די מענשען וועלכע האָלטען דאָרט דעם בּופעט, זענען ביינאַכט אויפגעוועקט געוואָרען פונם שלאָף און מען האָט פון זיי צוגענומען די שליסלען און מען האָט זיי געהייסען אַרויסנעה-מען זייערע כלים און זייערע זאַכען. דער פּרעזידענט פון דער דומא, גאָלאָווין, ווערט געוואַכט ווען מען מעגען דעם פונאַנדערלאָזען פון דער דומא ערשט איינדערפריה, ווי דער וויצעפּרעזידענט, פּירסט דאָלגאָרוקאָוו, דערצעהלט איהם דאָס דאָזיגע נייעס. דער סעקרעטאַר פון דער דומא, פּירסט שאַכאָווסקאָי, וואַרט פון איינדערפריה ביז דריי אַ זייגער נאָכמי-טאָגס, ביז מען וועט קומען פונ׳ם מלוכה-ראַט און מען וועט אָבנעהמען פון איהם אַלע פּאַפּירען און אַלע אַקטען פון דער דומא, און אַז ער קאָן זיך נישט דערוואַרטען, געהט ער אַוועק און לאָזט אַלעס אויף גאָט׳ס

בעראַט. די מיטגלידער פון דער דומא, וועלכע האָבען אין דער דומא ליעגען אויף זייערע פּריוואַט-קאָרעספּאָנדענצען, האָבען זיך מורא צו ווייזען. אין דער רעדאַקציע פון „מיסל" ווערט פון פּאָליציי געמאַכט אַ רעוויזיע. דער רעדאַקטאָר זעלבסט, הערר סאַלאָמקאַ, איז אַ מיטגליד פון דער דומא און ביי איהם אין דער רעדאַקציע איז געראַד אַ פערזאַמלונג פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער-פּאַרטיי. דער רעדאַקטאָר בעהאַלט אין זיין אַרבייטסצימער דריי זעהר וויכטיגע מענשען פון דער פּאַרטיי. צוויי, ווי זיי זעהען, אַז עס איז שלעכט, שפּרינגען אַרויס דורך אַ פענסטער און אַנטלויפען. זעהר וויכטיגע פּאַפּירען ווערען פון דער פּאָליציי געכאַפּט און קאָנפיסקירט. דאָס גאַנצע לעבען אין פעטערבורג איז ווי אויסגעשטאָרבען. מען האָט מורא צו קוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען די גאַסען זענען לעער און טויט-שטיל.

און יעצט וואָס וועט ווערען? — נאַטירליך, אַז די דעפּוטאַטען פון דער דומאַ האָבען זיך ענטשלאָסען אין דער זיצונג פון שבת צו יענעם געפעהרליכען שריט, צו געבען אַ מאַניפעסט צום פאָלק, האָבען זיי דאָך גצמוזט געגוי וויסען וואָס זיי טהוען. זיי האָבען דאָך געוואוסט, אַז דער דאָזיגער שריט וועט ציהען נאָך זיך דאָס פונאַנדערלאָזען פון דער דומא, און ווען זיי האָבען עס פאָרט געטהון, האָבען זיי עס דאָך מן הסתם געוואָלט; מן הסתם האָבען זיי דאָך געוואוסט ווי ווייט דאָס פאָלק שטעהט שוין גרייט בחרבו ובקשתו און ווי ווייט די אַגראַר-רעוואָלוציע איז שוין פערטיג און ווי ווייט מען קאָן זיך שוין פערלאָזען אויף דער בעוואָפענטער מאַכט פון די אַרבייטער. יעצט וועט דאָך בלוט רינען אין די גאַסען — און פאָרט האַלטען מיר דאָך ערשט ביי די ערשטע שורות פון דער הקדמה צו דער רעוואָלוציע. איך האָב נאָר מורא, אַז די דומאַ, וועלכע האָט ביז יעצט געפיהרט מיט זעהר פיעל טאַקט די פּאָסיווע פּאָליטיק, האָט פאָרט געמאַכט אַ צו איבערגעאיילטען שריט און האָט זיך געלאָזט צו איהר מאַניפעסט פּראָוואָצירען פון מענשען, וועלכע האָבען נאָר דערויף געוואַרט, אום פון איהר פּטור צו ווערען.

און פאָרט איז אַ שאָד די דאָזיגע דומא! דען ווען אויך זי האָט גאַנץ גאָרנישט פּראַקטישעס געגעבען, האָט זי פאָרט געגוג נוצען גע-

בראַכט דערמיט, וואָס זי האָט געהאָלפען אייראָפּא אויפקלער׳ען איבער אונזער אמת׳ען צושטאַנד. איינציגע גלענצענדע רעדעס וועלען נישט פערגעסען ווערען, ווי למשל די רעדע פון ווינאַווער איבער דעם פאָר־וואורף, וואָס די רעגירונג מאַכט דער יודישער יוגענד, אַז זי איז רעפ־וואָלוציאָנער. „איהר האָט אונז אין ענגשאַפט אריינגעקוועטשט, אין עלענד און אָהן שום רעכט. איהר האָט אונז צום אָפּפער אהינגעוואָר־פען צו די ווילדע ליידענשאַפטען פון דער פינסטערער מאַסע, וועלכע איהר האָט אָנגערייצט אויף אונז. און דאַן קומט איהר און זאָגט: צווי־שען אייך זענען פאַרהאַנען מענשען, וועלכע ווילען זיך נישט מעהר לאָזען דריקען, גיט זיי אונז אַרויס, וועלען מיר אויפהערען אייך צו הרג׳ענען! איהר מוזט אָבער פערשטעהן, אַז יעדע געדולד פּלאַצט אַמאָל, און איהר האָט גאָרנישט דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז אונזער יוגענד, וואָס האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעזעהען, ווי זייערע עלטערען האָ־בען געליטען, זאָל יעצט קומען פריעדליך און רוהיג און זאָל אויס־שטרעקען דעם האַלז און זאָל זיך לאָזען קוילען. איהר אַליין האָט גע־מאַכט די יוגענד פאַר רעוואָלוציאָנערען!״ — אָדער די נאָך גלע צענ־דערע רעדע פון ראָדיטשעוו געגען דער רעגירונג, וועלכע וויל בכל אופן שהוא דעם אמת פערגראָבען און נישט הערען און נישט לאָזען הערען, וואָס די דומא-קאָמיסיע דערצעהלט פון ביאַליסטאָק. „כּאַרוואָס פיהרט די רעגירונג פּאָלעמיק מיט אונז? פאַרוואָס האָבען די דומא־דעפּוטאַטען אין ביאַליסטאָק געאַרבייט ווי פּריוואַט-מענשען, ווי ציי־טונגס-קאָרעספּאָנדענטען? ווייל זי שטרעבט נישט צו דעמזעלבען וואָס מיר שטרעבען, ווייל זי שטרעבט דערצו, אַז דער נאַקעטער אמת זאָל נ י ש ט אַרויסקומען. יעדער רוסישער טשינאָווניק ווייס, אַז עס איז פאַרהאַנען איין אמת, וועלכען ער טאָר נישט אויסזאָגען און אַז פאַר יעדען געזאָגטען ליגען וועט ער ווערען גוט בגלויהנט. יעדער טשינאָוו־ניק, וועלכער איז געשיקט געוואָרען קיין ביאַליסטאָק, ווייס, אַז ווען ער וועט שיקען צום מיניסטער פון אינערען אַ ליגנערישע נאַכריכט, און אַפילו ווען דער ליגען וועט דאַן אַרויסקומען, קאָן ער אויך דאַן ווערען חבר פון מיניסטער סטאָליפּין. יעדער טשינאָווניק, יעדער גובער־נאַטאָר ווייס דעמזעלבען אמת, וועלכען דער פּירשט אוראָסאָוו האָט אויסגעזאָגט, און קיינער פון זיי וואַגט נישט דעמזעלבען אויפצודעקען.

דאָס גאַנצע אינערען-מיניסטעריום ווייס, אַז דאָס לייכטסטע מיטעל צו ווערען דער הויפּט־מיטאַרבייטער פון סטאָליפּין איז: אָנצוהויבען זיין קאַריערע פון ליגנערישע נאַכריכטען. אַזוי האָט מען זיך נוהג געווען אין דעם דעפּאַרטאַמענט פון דעם יוסטיץ-מיניסטער מוראַוויעוו און אַזוי איז מען זיך נוהג יעצט אין דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און דער רעגירונגס־צייט פון סטאָליפּין. און וואָס מיינט איהר? קאָנען מיר זיך דערוואַרטען אַן־אמת פון דעם דאָזיגען מיניסטער סטאָליפּין? איך מיין, ניין. מען זאָגט אונז, אַז דאָ אין דער דומא זענען געפאַלען ווערטער וועלכע בעליידיגען די עהרע פון׳ם מיליטער. זיי, וואָס זיי אַרבייטען נאָר מיט היילף פון ליגענס, זיי רעדען אין׳ם נאָמען פון׳ם פּאַטריאָטיזם! זיי, וואָס דאָס גאַנצע פּאָטערלאַנד ליעגט ביי זיי אין די קאַזאַרמעס, זיי רעדען פון פּאָטערלאַנד! די אמת׳ע בעליידיגער, וואָס בעליידיגען די עהרע פון אונזער מיליטער און פערדאַרבען עס און מאַכען עס אומגליקליך, זענען יענע דאָרט, וואָס רופען אָן זייערע זינד מיט דעם נאָמען „ערפילונג פון דער פליכט צום פּאָטערלאַנד״.— נישט אין דעם „בערוהיגען״ פון דער אינערליכער מלחמה ליעגט די גבורה פון׳ם מיליטער. ניין! איהר ווייסט וואָס גבורה איז טייטש. גבורה איז מוט, רחמנות אויף׳ן פיינד. אין דער א י נ ע ר ל י כ ע ר מלחמה, וועלכע הויבט זיך יעצט אָן צום אומגליק פון דעם מיליטער, איז דער העלד, דער סאָלדאַט, געשטאָרבען און נישט געהרג׳עט געוואָרען. די מענשען, וועלכע בעפעהלען דעם רוסישען מיליטער נישט קיין רחמנות צו האָבען אויף מענשען־לעבענס, מאַכען דאָס מיליטער צום שונא פון׳ם אייגענעם לאַנד.— מיינע הערען! מיר און דאָס גאַנצע לאַנד געפינען זיך אין אַ טראַגישען צושטאַנד. שוין צוויי חדשים, ווי מיר רופען: הערט אויף בלוט צו פערגיסען, הערט אויף ליגען צו זאָגען, הערט אויף צו האַלטען די מדינה אין אַ נעק פון ליגענס און טיראַנישער מאַכט; ווען איר קאָנט דאָס נישט, טאָ געהט אַוועק — נאָר זיי האָבען זיך נישט געריהרט. מיינע הערען! איז דאָס נישט אַן׳אוטאָפּיע? מענשען שטעהען אין דער שפּיץ פון אַ פאָלק פון הונדערט מיליאָנען און גע־פינען זיך אין אייביגען קריעג און אייביגער פיינדשאַפט מיט זיינע אייסגעוועהלטע, דען דאָס איז דאָך אַ מלחמה געגען אונז, געגען דעם רוסישען פאָלק אַליין! — קאָן מען אַ רעגירונג ווייטער פיהרען אָהן דעם

ווילען פון דער דומא? צו וואס זאלען מיר ווארטען? היינט איז נאך צייט, דא האבען מיר 500 נאכריכטען פון די פערשידענסטע ערטער און מיר וויסען, אז די רעגירונג זאגט ליגען. מיר וויסען דאך דעם אמת'ען אמת. מיר האבען שוין די סימנים פון'ם שטורעם און ווען די אלע קולות וועלען צוזאמענקומען, וועלען זיי די איבערמאכט צוקלא-פען און וועלען חרוב מאכען די מדינה, וועלכע געפינט זיך יעצט אין די הענד פון די, וועלכע מאכען זי אומגליקליך דורך זייערע ליגענס. אין'ם נאמען פון דער אייגענער עהרע, אין'ם נאמען פון דער ליעבע צו אן'אמת'ער רעגירונג און אין'ם נאמען פון'ם רוסישען פאלק מוזען מיר יעצט זאגען דעם מיניסטעריום: הערט! איהר, איהר זענט שולדיג אין די פאגראמען, איהר זענט שולדיג אין דעם אומגליק פון'ם לאנד, איהר זענט שולדיג אין זיין ירידה. אז איהר האט נישט קיין יושר, אז איהר האט נישט קיין פאטריאטיזם, טא פארשטעהט איהר, וועניג-סטענס, אזויפיעל, אז עס איז נאך פארהאנען א מאטעריעלער כח? אדער ווילט איהר זיך דורכאויס בעגעגנען מיט איהם פנים אין פנים? איהר מוזט אבער וויסען: ווען דער דונער וועט זיך שוין לאזען הערען און איהר וועט דאן זאגען: מיר וועלען געהן — דאן קאן זעהר גע-[illegible]אלט זיין, אז עס וועט שוין זיין אביסעל צו שפעט!"

צווישען די פרוכטען, וואס די דומא האט געבראכט ביז יעצט, מוזען מיר רעכענען די ווירקונג, וואס אזעלכע רעדעס האבען געהאט ביי אונז און הויפטזעכליך אין דער פרעמד.

פיערטער בריעף

די שבעת ימי המשתה, די ערשטע זיבען טעג נאָך דעם פונאַנ־דערלאָזען פון דער דומא, זענען אריבערגעגאַנגען „רוהיג". אַזוי ווע־ניגסטענס האָב איך געלייענט אין די אָפיציעלע טעלעגראַמען, וועלכע די רעגירונג לאָזט זיך שיקען פון אַלע פראָווינצען כוג'ם גאַנצען לאַנד און וועלכע זי שיקט ווידער פונאַנדער אין אַלע עקען פון דער וועלט, און אַזוי ווי אַנדערע קוועלען האָבען מיר יעצט נישט — דען כמעט אַלע פרייע צייטונגען זענען געוואָרען פערמאַכט אָדער געהען ארויס ערשט נאָכדעם ווי זייער ערשטער נומער איז אַריבער בשלום אַ כשר'ע בדיקה (מיר האָבען נעמליך דאָ, ביי אונז אין רוסלאַנד, זינט ניין חדשים פרעסע-פרייהייט!) זענען אונז געבליבען, גאָט צופאָר, נאָר יענע אָפיציעלע נאַכריכטען און מיר מוזען זיי גלויבען. מיר מוזען אויך גלויבען אַז דער נייער פרעמיער-מיניכטער סטאָליפין איז אַ זעהר, זעהר ליבעראַלער מאַן און זיין מיניסטעריום וועט זיין אַ זעהר, זעהר ליבע־ראַלעס — דען אַזוי שטעהט אין די אָפיציעלע נאַכריכטען. מיר מוזען אויך גלויבען, אַז אַלע אָנפיהרער פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי זענען אריינגעפאַלען אין די רעגירונגס-הענד און מיט זיי צו־זאַמען זענען אריינגעפאַלען אויך אַלע זייערע וויכטיגסטע דאָקומענטען, אַזוי אַז יעצט איז שוין קיין שום ספק נישט, דאָס דער סוף פון דער גאַנצער רעוואָלוציע איז שוין געקומען — דען אַזוי שטעהט אין די אָפיציעלע נאַכריכטען. מיר מוזען אויך גלויבען, אַז אין דער בעקעריי פון דער נייער רעגירונג באַקען זיך שוין אַלע רעפאָרמען און באַלד וועלען פערטיג ישועות טובות פאַר די פויערים און ישועות טובות פאַר די יודען, אויבוואויל די דאָזיגע יודען זענען רעוואָלוציאָ־נערען און האָבען עס נישט פערדיענט, אַז מען זאָל זיי בעהאַנדלען ווי מענשען — דען אַזוי שטעהט אין די אָפיציעלע נאַכריכ־ן. מיר מוזען אויך גלויבען אין דעם, וואָס דער גענעראַל קוילבאַרס האָט

געשאַנטפערט דער יודישער דעפּוטאַציע אין אָדעס, אַז „ער וועט נישט קאָנען אָבהאַלטען די סאָלדאַטען פון מאַכען אַ פּאָגראָם, ווייל די סאָלדאַטען זענען אַזוי שטאַרק אין כעס אויף יודען, דערפאַר ווייל זיי זענען רעוואָלוציאָנערען" — דען אַזוי האָבען מיר געלייענט אין די אָפיציעלע טעלעגראַמען. און אויך אין דעם דאָזיגען מוזען מיר גלויבען: אַז די פּויערים פיהלען זיך יעצט שוין גליקליך און צופרידען נאָכדעם ווי זיי האָבען נאָר געהערט, אַז די רעגירונג האָט מבטיח געווען אויף איהר עהרענוואָרט, אַז זי, די רעגירונג, וועט זיי שוין געבען לאַנד גענוג, און מעהר וועלען די פּויערים שוין נישט צינדען און ברענען און ראַבעווען די גיטער און די פעלדער פון די פּריצים — דען אַזוי פערזיכערען אונז די אָפיציעלע מעלדונגען. בקיצור, רוסלאַנד איז, לויט די אָפיציעלע מעלדונגען, דאָס גליקליכסטע לאַנד פון דער גאַנצער וועלט. רוסלאַנד איז ווי עס ווייזט זיך אויס, אַזוי גליקליך, אַז מען מעג שוין אַפילו רעדען פון אַ נייער הלואה אויך. אמת, אַז מען קוקט אַביסעל אַריין, האָט דאָס אַלעס עפּעס אַ שטיקעל עהנליכקייט מיט די מעשיות פון די אָקטאָבער-טעג אין'ם פאָריגען יאָהר און נאָך די באַריקאַדען-טעג אין מאָסקווא. אויך דענסמאָל האָבען מיר פּלוצלינג בעקומען טאָג און נאַכט בשורות טובות, אַז אַלעס איז שוין גאָט זיי דאַנק רוהיג, אויך דענסמאָל האָט זיך געהערט אָהן אַנ'אויפהער, אַז וויטע איז דער ליבעראַלסטער מאַן אין גאַנץ אייראָפּאַ. אויך דענסמאָל האָבען די אָפיציעלע טעלעגראַמען גאַנץ אונטערטעניגסט געמעלדעט, אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין מאָסקווא איז אינגאַנצען שוין מיט קאָפּ און קראָגען און מיט די לאַנגע האָר און מיט די באָמבעס און רעוואָלווערען און מיט אַלע וויכטיגע פּאַפּירען, אַהיינגעפאַלען אין די הענד פון דער רעגירונג. די טענה „אַז אַלעס איז רוהיג", איז אין רוסלאַנד נישט ניי; אויך פון שיפּקאַ איז דאָך געקומען די בעקאַנטע מעלדונג, אַז אין שיפּקאַ איז אַלעס רוהיג. דאָס איז רוסישע פּאָליטיק — חכמת יון.

עס איז די קללה וועלכע רוהט אויף רוסלאַנד, וואָס ביי איהר ווערט באַלד אַלעס „רוהיג"! פּלעווע איז צוגעגאַנגען צו זיין רעזשים — און אַלעס איז געוואָרען רוהיג; דורנאָוואָ איז צוגעטרעטען צו זיין רעזשים — און אַלעס איז געוואָרען רוהיג; דובאַסאָוו איז געקומען

קיין מאָסקווא — און אַלעס האָט זיך אין פיער און צוואַנציג שעה בעַ־רוהיגט, און יעצט קומט סטאָליפין צו דער מזרח־וואַנד — און פּלוצלינג איז אומעטום גאָר שלום ושלוה און רוה. עס איז דאָס אומגליק פון אַ רעגירונג, וועלכע איז אַזוי בלינד אין זעהט נישט און פערשטעהט נישט, אַז אַ בעוועגונג פון אַ סך צעהנדליגער יאָהרען, אַ פייער, וואָס צייטענווייז ברעכט עס העל אַרויס און פערפאַרבט רויט דעם הימעל מיט דער ערד, און צייטענווייז טליעט עס בעהאַלטענערהייט און גראָבט אונטער אַלע זיילען און אַלע שטיצען אויף וועלכע דאָס לאַנד רוהט, אַזאַ בעוועגונג אָדער אַזאַ פייער בערוהיגט זיך נישט פּלוצלינג צוליעב איינער אָדער צוליעב דער אַנדערער מעשה, וואָס איז געשעהן. עס איז זעהר נאַאיוו פון אַ רעגירונג, וועלכע רעדט זיך איין, אָדער וועלכע וויל אַנדערע איינרעדען, אַז אַזאַ בעוועגונג הענגט אָב פון איינצעלנע מענשען. און האָט מען עטליכע צעהנדליג אָדער הונדערט אָדער אַפילו טויזענד פון זיי צוגענומען — און אַפילו ווען מ׳האָט זיי צוגענומען צוזאַמען מיט די אייביגע „זעהר וויכטיגע פּאַפּירען“ — איז שוין די גאַנצע בעוועגונג דערשטיקט, און אַ רעוואָלוציע פון צעהנדלי־גער יאָהרען ווערט אָבגעמעקט, ווי אַ שענקער מעקט אָב אַ ציפער פון קרייד מיט אַ שפּיי אויפ׳ן פינגער. עס איז זעהר נאַאיוו פון אַ רעגי־רונג, ווען זי מיינט, אַז דערמיט וואָס זי וואַרפט צו עטליכע טויזענד אומגליקליכע יודען פאַר די חיה׳שע אינסטינקטען פון דעם פינסטערען המון און לאָזט זיי אויסקוילען און לאָזט זייער בלוט לעקען, האָט זי שוין דעם דאָזיגען פינסטערען המון אָוועקגעפיהרט אין אַ זייט און איהם געמאַכט פערגעסען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג. שוין פינף און צוואַנציג יאָהרען, ווי די רעגירונג געברויכט דאָס דאָזיגע מיטעל, און זי האָט דערמיט גאָרנישט דערגרייכט; די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז נישט שוואַכער, נאָר אדרבא, שטאַרקער געוואָרען. אין הונדערט און דרייסיג שטעדט האָט די דורנאָוואָ׳שע רעגירונג נאָך די אָקטאָבער־טעג געלאָזט מאַכען פּאָגראָמען, און גרויל־טהאַטען זענען געשעהען, אַנטקעגען וועלכע די גרויל־טהאַטען פון אַלע באַרבאַרען אין אַלע פינ־סטערע צייטען ווערען בלאַס. — און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זינט דעמאָלט מיט הונדערט פּראָצענט זיך פערשטאַרקט. אין וויפיעל־זשע שטעדט האָט בדעה דער ליבעראַלער מיניסטער סטאָליפין, דער העלד

פון כאַראַטאָוו, צו לאָזען מאַכען פּאָגראָמען, אום, ווי ער מיינט, צו זיין ציעל צו קומען? אין צוויהונדערט מיט זעכציג? אין פינף־הונדערט מיט צוואַנציג? אין אַלע שטעדט פון גאַנץ רוסלאַנד?

עס איז מערקווירדיג: ווייל די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט נישט געענטפערט אויף דעם פונאַנדערלאָזען פון דער דומא זאָפאָרט מיט אַ גענעראַל-שטרייק אָדער מיט באַריקאַדען אָדער מיט עהנליכע זאַכען, ווי אַ סך האָבען דאָס ערוואַרטעט, לכן לערענט מען פשט, אַז אַלעס איז רוהיג. די דאָזיגע, וועלכע האָבען ערוואַ ט ט אַ תשובה מיט קולות וברקים, זענען, ווי עס ווייזט זיך אויס, מענשען, וועלכע זענען געוועהנט צו טעאַטער-עפעקטען, צו זאַכען מיט׳ן קנאַל און מיט׳ן קנאַק, און אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז עפּעס ביי זיי אַזאַ מין דיאַלאָג, אַז קוים האָט איינער אָבגעטענה׳ט, האָט דער צווייטער זאָפאָרט זיין שטיך-וואָרט. עס איז אפשר דאָס קלוגסטע, וואָס די רעדעל-פיהרער האָבען געמאַכט זייט וואָכען און חדשים, דאָס וואָס זיי האָבען יעצט נישט געענטפערט יענע קנאַקעדיגע תשובה און האָבען זיך נישט געלאָזען רייצען און טהון עפּעס פאַר דער צייט. זיי האָבען שוין גענוג געזינדיגט דערמיט, וואָס זיי האָבען אין די דעצעמבער-טעג געלאָזען זיך פערפיהרען און זענען אַרויסגעשפּרונגען פאַר דער צייט. צוויי מאָל דעמזעלבען פעהלער האָבען זיי נישט געטאָרט מאַכען.

ניין, אין רוסלאַנד איז יעצט נישט רוהיג: די רעוואָלוציאָנערען זענען דערווייל צוריקגעקעהרט צו זייער סיסטעם מיט די באָמבעס. אין העלען ליכטיגען טאָג ווערען מענשען איבערפאַלען און געהרגעט. פּאָליציאַנטען ווערען נישט מיר נישט דיר דערשאָסען. אין לויף פון דער דאָזיגער איינציגער וואָך זענען אין וואַרשאווער קאַנט נישט וועניגער ווי פיער אייזענבאַהן-צוגען אָבגעהאַלטען און בעראַבעוועט געוואָרען. מעהר ווי 100,000 רובעל זענען ביי די דאָזיגע פאָרפאַלען גענומען געוואָרען. אויף דער גרעניץ-וואַך ביי טשענסטאָכאָוו האָט מען געשאָסען, און געהרגעט זענען געוואָרען צוויי גענעראַלען און עטליכע אָפיצירען און סאָלדאַטען. צווישען דעם מיליטער קאָכט זיך און ראָיעט זיך; אין פּראָקלאַמאַציעס צום מיליטער נאָך דעם פונאַנדערלאָזען פון דער דומאַ ווערט מיט אַ מערקווירדיג קלאָרער און איבערצייגענדער שפּראַך ערקלערט, אַז דער דאַזיגער סאָלדאַט וועלכער שיסט יעצט אויף

זיינע ברידער אין דער גאַס, וועט נאָך זיין דיענסטצייט דאָך אַהיימגעהן און וועט דאַן ווידער געהן אין פּראָסטע קליידער ציוויל אָנגעטהאָן און עס וועט זיין אַ נייער סאָלדאַט, וועלכער וועט שיסען אין איהם אַריין. צווישען די פּויערים איז די בעוועגונג נאָך אַזוי שטאַרק ווי פריהער, און אפשר נאָך שטאַרקער. דער רעגען האָט אין אַ טייל גע־געגענדען אויך דאָס לעצטע ביסעל תבואה פערפלייצט און דעם לעצטען ביסען צוגע׳גזלט, אַזוי אַז די פערביטערטקייט צווישען די פּויערים איז טויזענדמאָל שטאַרקער געוואָרען. וועלכען איינדרוק עס האָט אויף זיי געמאַכט דאָס פונאַנדערלאָזען פון דער דומאַ, ווייס מען נאָך נישט, אָבער עס איז קלאָר, אַז דער מאַניפעסט פון די געוועזענע דומאַ־מיטגלידער, ווען ער וועט אָנקומען צו זיי, וועט ביי זיי לייכט פועל׳ן דאָס, וואָס יענע דומאַ־מיטגלידער פערלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלען אויפהערען צו צאָהלען שטייערען, און זיי זאָלען ביים נייען פּריזיוו נישט צושטעלען זייערע זיהן צו ווערען סאָלדאַטען. ביז דענסמאָל וועלען זיי אָבער נישט אויפהערען צו צינדען און צו ברענען גיטער און פעלדער פון די פּרי־צים, און נישט וועלען אויפהערען צו ראַבעווען און צו כאַפּען אַלצדינג וואָס וועט זיי פאַלען אין די הענד אַריין. דאָס איז די „רוהה“.

און אויך פון דער אַנדערער זייט זעהט זיך שוין גענוג אַרויס צו וועלכען סיסטעם מען האָט זיך דאָרט גענומען און וואָס עס איז צו ערוואַרטען אין דער נעכסטער צייט: אַלע פרייערע צייטונגען ווערען פערמאַכט, און אַזוי ווי די דומאַ איז אויך שוין נישטאָ, איז כמעט קיין שום פריי וואָרט נישט מעהר צו ערוואַרטען. הונדערטער מענשען ווערען ווידער טאָג־טעגליך אַרעסטירט; אין פּעטערבורג, אין מאָסקוואַ, אין וואַרשא און כאַרקאָוו זענען אין די לעצטע טעג העכער זעקס הונ־דערט אין די טורמעס געזעצט געוואָרען, און צווישען זיי געפינען זיך אַ סך בעוואוסטע און וועלט־בעקאַנטע מענשען. די פּאָליציי און די מי־ליטער־פּאַטראָלען זענען אין פיעל שטעדט פערשטאַרקט געוואָרען, און וועלען וואָסאַמאָל מעהר פערשטאַרקט ווערען, און דאַן וועלען קומען די וואַהלען, וואַהלען „בהכשר הרב דפה“, אונטער דער אויפזיכט פון דעם נייעם „ליבעראַלען“ מיניסטעריום און מיט דער הילף פון דעם מיליטער און פון פּאָליציי און פון געהיים־פּאָליציי. אַ גרויל וועט יע־דען מענשען אַריבער איבער די ביינער, ווען מען וועט זיך דערמאָהנען

אז מען מוז וועהלען און אז יעדער שריט ווערט געפיהרט פון קאזאַ־קען און בעוואַכט פון געהיימע אַגענטען, און אַז אַ דומא וועט דאַן צוזאַמענקומען, וועלען זיצען אין איהר אויסגעדיענטע ניקאַלאַיעווסקע סאָלדאַטען, און אויסגעדיענטע און נישט אויסגעדיענטע ביוראָקראַטען, און אָנפיהרער פון כוליגאַנעס און די רעדעלפיהרער פון דער שוואַר־צער מאה און כדומה אַזעלכע פאַרשוינען — לויטער „ליבעראַלע" מענ־שען לויט דעם זין פון דעם נייען מיניסטעריום, און אייראָפּא וועט דאַן זעהן, אַז מיר האָבען פּלוצלינג אַ ליבעראַלע דומאַ און זי לעבט פאַרט בשלום ובשלוה מיט דער רעגירונג, און עס וועט זיין שמחה וששון, און מי יודע אויב מען וועט נישט כאַפּען עפּעס אַ ניי שטיקעל הלואה אויך. עס איז, ווי מען זעהט קיין האָר נישט אַנדערש, ווי עס האָט זיך געפיהרט אין פלעוועס צייטען און אין וויטעס צייטען און אין פיעל אַנדערע צייטען. און דען עס וועט אינמיטען דרינגען אַמאָל ווידער ווערען אַ שטיקעל מכשול, וועט מען ווידער געבען דעם פאָלק אַ גלעט איבער די מאָרדע, און מען וועט איהם צוּוואַרפען עפּעס אַ שטיקעל רעפאָרם און מען וועט דערמיט אָבנאַרען אויף עטליכע וואָכען אָדער עטליכע חדשים דאָס לאַנד און די וועלט — און אַזוי וועט זיך דרעהען דאָס רעדעל. און אַזוי וועט עס זיך דרעהען ביז — ביז דאָס פאָלק וועט זיין רייף געוואָרען, און ביז עס וועט פּלוצלינג דערקענען זיין אייגענעם פירכטערליכען כח — און דאַן וועלען זיך גיסען טייכען בלוט אין די גאַסען. אַזוי זעהט אויס ביי אונז די „רוה".

נאַטירליך וועלען אינצווישען געמאַכט ווערען אויך די אַלטע עקספּערימענטען פון פּאָגראָמען. פּראָבען דערפון האָבען מיר שוין גע־זעהען אין אָדעס און אין אַנאַטאָליווקא. פערשטעהט זיך, אַז מען וועט זיי שוין נישט מאַכען מעהר אַזוי גראָבליך און אומגעשיקט, ווי מען האָט עס געמאַכט למשל אין ביאַליסטאָק, אַז אַ האַלבע וועלט האָט אָנ־געהויבען באַלד שרייען. ניין, אַ נאַר טאָר מען נישט זיין. סטאָליפּין אין זיין טעלעגראַם צו די גענעראַל־גובערנאַטאָרען און צו די גובער־נאַטאָרען זאָגט: אַז טהוען זאָלען זיי לויט זייער אייגענער איניציאַ־טיווע, און אונטערשיידען זאָלען זיי צווישען דער געזעלשאַפט און צווי־שען די פיינד פון דער געזעלשאַפט, און אונטערדריקען זאָלען זיי מיט אַלע

מיטלען און מיט יעדער קראַפט די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, און פּאַרט זאָלען זיי קיין גוואַלד-טהאַטען נישט טהון (שבור את החבית ושמור את יינה!) און הויפּטזעכליך זאָלען זיי זיין קלוג. ובכן וועט מען שוין זיין קלוג אויך. אין אָדעס האָט מען געזעהן, אַז דערוויל געהט עס נאָך נישט אָהן גרויסע גוואַלדען, האָט מען גיך אַ סוף געמאַכט. אַ טעלעגראַם פון אַ פּרעמיער-מיניסטער צו גובערנאַטאָרען איז אַ גרויסע זאַך. נאַטירליך האָט גענעראַל קוילבארס געטענה'ט, אַז ער קאָן נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די סאָלדאַטען, ווייל די סאָלדאַטען זענען אַזוי שטאַרק אין כעס אויף יודען צוליעב זייער רעוואָלוציאָנערען גייסט. אָבער די הויפּטזאַך איז דאָך דער סוף: דער סוף איז געווען דאָס די סאָלדאַטען האָבען אַרויסגעלאָזען פּראָקלאַמאַציעס, אַז דאָכ אַלעס איז שוא ושקר, און אַז זיי זענען קיינמאָל נישט געווען אין כעס אויף די יודען צוליעב זייער רעוואָלוציאָנערען גייסט און אַז זיי װאָלטען קיינמאָל נישט געצהן געגען די יודען, ווען מען וואָלט זיי נישט מיט געוואַלד געהייסען. בסך-הכל האָבען די „אמת רוסישע לייט", וועלכע אַרבייטען פאַר דער רעגירונג, אין לעצטען חודש מעהר ווי צוויי מיליאָנען בראָשורקעס און אויך אין דעם ערך פּראָקלאַמאַציעס פערטיילט, כדי צו העצען דעם עולם געגען די יודען — און דער גובערנאַטאָר פון מינסק האָט אַרויסגעלאָזען אַ צירקולאַר צו דער פּאָליציי און צו די פּריסטאַוס, אַז ער בעט, מען זאָל די אמת רוסישע לייט „נישט מאַכען קיין שוועריגקייטען" ביי זייער אַרבייט צווישען דעם פאָלק אין די דערפער. דער מינסקער גובערנאַטאָר האַלט זעהר פון אַ דבר מצוה, און ווייס וואָס עס הייסט ביטול תורה! איבריגענס האָט אויך סטאָליפּין אַליין, אין די פיער טעמים, וועלכע ער האָט דער-מאָהנט, פאַרוואָס די דומא איז אונטערגעגאַנגען, בפירוש געזאָגט, אַז איין טעם איז, ווייל די דומא האָט זיך אַריינגעמישט אין פּריוואַטע שטעדטישע פּאָליציי-הנהגות, ווי ביאַליסטאָק, וואָס האָט גאָרנישט גע-הערט צו איהר. ווי עס ווייזט זיך אויס, וויל מען באין אופן נישט אַז מען זאָל זיך מישען אין אַזעלכע זאַכען, און אַז אַזעלכע זאַכען וועלען נאָכאַמאָל געשעהן, וועט שוין אַלעס איבערגעהן פיין און שעהן. עס ווערט איינעם גערונען דאָס בלוט אין די אָדערען, אַז מען דערמאָהנט זיך וואָס קאָן ווערען!

אַ שטיקעל סימן פאַר דעם גייסט וועלכער הערשט אין דעם יעצטיגען ליבעראַלען מיניסטעריום, איז אויך דאָס, וואָס די „נאָוואָיע ווראעמיאַ" (סטאָליפינ׳ס אַ ברודער איז דאָרט אַ שטענדיגער מיטאַרביי-טער, און מען האַלט די דאָזיגע צייטונג פאַר דעם מיניסטערס אָרגאַן) איז געקומען באַלד נאָכדעם ווי סטאָליפין איז געוואָרען פרעמיער-מיניס-טער, און דאָט אין צוויי בייערדיג געשריבענע אַרטיקלען פערלאַנגט, צו מען זאָל אַלע יודען אַרויסטרייבען פון רוסלאַנד.

פינפטער בריעף

אונזער ביוראָקראַטיע האָט נעבעך קיין מזל ניטס. איך מיין נישט וואָס זי קאָן באין אופן נישט צוזאַמענקריגען עטליכע מענשען, וועלכע זאָלען וועלען מקבל זיין אויף זיך דאָס אומגליק צו ווערען מיניסטאָרען, אַזוי ווי עס איז שוין פאַריבער 2 וואָכען, וואָס מיר האָבען קיין מי־ניסטעריום נישט. ניין, איך מיין גאָר די מעשה מיט הערצענשטיין. עס איז זעהר אַנ׳אינטערעסאַנטע מעשה. נישט ווייט פון פעטערבורג איז פאַרהאַנען אַ פינלענדיש שטעדטעל מיט זומער־וואוינונגען, וואָס הייסט טערעיאָקי, און דאָרט איז דעם לעצטען דינסטאָג, 9 אַ זייגער אָוועגד, פּראָפעסאָר הערצענשטיין פלוצלינג געשטאָרבען. דאָס הייסט — געשטאָר־בען איז ער נישט, נאָר געהרג׳עט איז ער געוואָרען. ווי ער איז גע־גאַנגען שפּאַצירען מיט זיין ווייב און טאָכטער, איז אויף איהם פון אַ פערשלאָסען הויז צוויי מאָל געשאָסען געוואָרען, און דער בעריהמטער, געוועזענער דומא־דעפוטאַט איז געפאַלען, מילא, געהרג׳עט ווערען אין רוסלאַנד געהערט דוקא נישט צו די זעלטענע זאַכען, וועלכע מען מוז זוכען אין אַ מוזעאום. אמת, פּראָפעסאָר הערצענשטיין איז געוועזען אַ זעהר ליבעראַלער מאַן, אַ בר־סמכא אין אַגראַר־זאַכען און אין דיני־ממונות, אַ מענש, וואָס האָט געמאַכט אומגעהויער פיעל אויפזעהן מיט זיין בעריהמטער רעדע אין דער דומא, און די רעגירונג האָט מורא געהאַט פאַר איהם ווי פאַר אַ פייער, און האָט געציטערט פאַר די סודות, וואָס דער דאָזיגער פאַרשוין קאָן נאָך חלילה וחס דערצעהלען — גאָר דאָס איז נאָך נישט שייך צו זאָגען: עס איז געשעהן אַ נס און פּראָפעסאָר הערצענשטיין איז, געהענדיג שפּאַצירען, פלוצלינג געשטאָר־בען, אָדער בעסער געזאָגט, ער איז פלוצלינג געשטאָרבען געוואָרען. מוז זיך אָבער מעשה־שטן דערביי טרעפען אַ שטיקעל אומגליק. אין פעטערבורג איז פאַרהאַנען אַ בלעטעל, אַ רעאַקציאָנער ציימונגעל מיט

דעם נאָמען „מאַיאַק" און די דאָזיגע שמאַטע האָט שוין 5 אַזייגער נאָכמיטאָג אין דעמזעלבען דינסטאָג — אַלזאָ 4 שעה איידער די מעשה איז געשעהן — געבראַכט די נאָכריכט, אַז פּראָפעסאָר ה ע ר צ ע נ-ש ט י י ן א י ז ד ע ר ש אָ ס ע ן ג ע וו אָ ר ע ן. עס איז מערקווירדיג זוי גוט און ווי גיך אונזערע רעאַקציאָנערע און אונזערע אָפיציעלע און אָפיציעזע צייטונגען זענען אינפאָרמירט! מען ווייס געוועהנליך ביי אונז 2 שעה פריהער, ווער עס וועט געבוירען ווערען, און מען ווייס פיער שעה פריהער, ווער עס וועט שטאַרבען! עס איז די מעשה מיט דעם דיספּוט צווישען דעם דייטש און דעם רוס. דער דייטש וועלכער איז שטאַרק אויף די אַלוויסענהייט פון זיין זשאַנדאַרמעריע און ריהמט זי, אַז על-פּי-רוב, ווען עפּ געשעהט אַ גנבה, ווייס זי און געפינט דיזעלבע נאָך אינ'ם זעלביגען טאָג, און דער רוס ווערט דערפון גאָרנישט נתפּעל און ענטפערט, אַז ביי איהם ווייס די זשאַנ-דאַרמעריע פון אַזאַ גנבה על-פּי-רוב נאָך אַ טאָג פריהער איידער זי איז געשעהן. עס איז אָבער יעדענפאַלס אַביסעל אונפּאָרזיכטיג געוועזן פון דעם „מאַיאַק" און פון גאָך אַזעלכע האַלב-אָפיציעלע צייטונגען. אם ירצה השם ביי אַנ'עהנליכען פאַל אין דער צוקונפט — און אַזעלכע צהנליכע פאַלען מ ו ז ע ן דאָך לוידער געשעהן — זאָלען זיי זעהען די נאָכריכטען צו ברענגען לכל הפּחות 5 מינוטען נ אָ ך דער מעשה, דען אין געגענפאַל וועט מען זיי אַריינקוקען אַביסעל צו טיעף אין די קאָרטען.

עס איז מערקווירדיג, אַז אויך אין מאָסקווא האָט מען געוואוסט פון הערצענשטיינס טויט שוין אַ צוויי שעה פריהער, איידער די מעשה איז געשעהן, דען דער דעפּוטאַט יאָלאָס האָט שוין אום 7—8 אַ זייגער אָנגעפרעגט די רעדאַקציע פונ'ם „ריעטש", וואָס עס הערט זיך וועגען הערצענשטיין. איבריגענס האָבען עטליכע פּעטערבורגער צייטונ-גען יענעם טאָג ערהאַלטען בריעף, אין וועלכע עס איז געשטאַנען אַזוי: „היינט איז דער יום-טוב פון הערצענשטיינס טויט, באַלד וועט אויך זיין דער יום-טוב פונ'ם טויט פון די אַנדערע לינקע קאַדעטען".

איך האַלט נישט מיט די, וועלכע בעשולדיגען די ביוראָקראַטיע דירעקט אין הערצענשטיינס מאָרד, אָבער — איך דערמאָהן זיך אין אַ וואָרט אויס „מאַריא סטואַרט": „דיזער מאָרטימער איז אייך געשטאָרבע

צו דער ריכטיגער צייט". דער אמת'ער אמת איז, אז הערצענשטיין איז געווען איינער פון די געפעהרליכסטע גע‍גנער פון דער רעגירונג. ער איז געווען אפשר דער געבילדעטסטער פאליטיקער, וואס רוסלאנד האט גע-האט און דער גרעסטער פאכמאן אין אגראר-פראגען. אין דייטשלאנד האט ער געהאט שטודירט די נאציאנאלע עקאנאמיע און איז געווען א תלמיד מובהק פון וואגנער און שמאלער. דאן האט ער געארבייט עט-ליכע יאהר אין פעטערבורג אין א לאנד-באנק, פון וועלכער ער איז געווען א דירעקטאר. נאכדעם איז ער געקומען קיין מאסקווא, וואו ער איז געווארען פראפעסאר און האט געהאלטען נאציאנאל-עקאנאמישע פארטראגען. צום סוף איז ער געוועהלט געווארען אין די דומא, און אין די לעצטע צוויי-דריי טאג פון זיין לעבען האט ער זיך גראד בע-שעפטיגט מיט דעם פלאן צו שרייבען א נייעם, גרויסען מאניפעסט צו די פויערים אין'ם נאמען פון די מיטגלידער פון זיין פארטיי. אזוי לאנג ווי ער איז געווען אין דער דומא, האט מען אלץ מורא געהאט פון יענער זייט, אז ער זאל נאר נישט פרעגען ביי זיי דין-וחשבון פון די מיליארדען, וואו זיי זענען געבליבען. וועגען איהם זאגט מען, אז ער איז געווען דער איינציגער מענש אין דער דומא, וועלכער איז געווען אימשטאנד ארויסצוגעפינען דעם אמת אין די פערדרעהטע חשבונות פון דער ביוראקראטיע וועגען דער פערוועגדונג פון די געלדער. ער האט אנגעהויבען צו ווערען געפעהרליך; זיין אויטאריטעט איז געווען אזוי גרויס, אז ער אליין וואלט געווען אימשטאנד נישט צו דערלאזען רוסלאנד צו א נייער הלואה. און דא טרעפט איהם אבער פלוצלינג א שטיקעל סיבה און ער שטארבט. אלע מיטגלידער פון דער קאדעטען-פארטיי זענען באלד ביי דער נאכריכט פון זיין טויט ארויסגעפאהרען קיין טעריאקי. זיין לויה האט געזאלט זיין אין מאסקווא. היינט איז אונז אבער מודיע א טעלעגראם פון פעטערבורג, אז די רעגירונג האט פערבאטען אריבערצופיהרען דעם טויטען קיין מאסקווא, און האט א בעפעהל געגעבען, אז ער זאל בעגראבען ווערען אין טעריאקי. די רעגירונג זארגט פאר די רוה אין לאנד.

בין-כך-וכך מאכט דאס אומגליק גרויסע שפרייזען. נאך מיט אכט טאג צוריק האבען אלע אונזערע אפיציעלע צייטונגען און אויך כמעט אלע דייטשע צייטונגען געוואוסט צו דערצעהלען פון דער

גרויסער רוה, וואָס הערשט אין רוסלאַנד, און ווי דאָס פונאַנדער-לאָזען די דומא האָט גאָר קיין רושם נישט געמאַכט, און האָבען אינז נביאות געזאָגט, אַז אַלעס וועט אַריבער בשלום. יעצט מוזען זיי זיך אַביסעל שעהמען; זיי זענען נאָך פאַלשערע מענשען ווי פאַלשע נביאים. אין סוועאַבאָרג, צווישען די מאַטראָזען אין פלאָט, איז די רעוואָלוציע פלוצלינג העל אויפגעפלאַקערט. אין סעוואַסטאָפּאָל, אין קראָנשטאַדט, און כמעט אין פעטערהאָף אַליין איז עס ווי אַ העליש פייער אויסגעבראָכען. פון רעוועל מעלדעט מען די רעוואָלוציע, די גאַנצע געגענד פונ׳ם באַלטישען ים האָט זיך רעוואָלוציאָנירט; די מאַטראָזען שיסען די אָפיצירען און די גענעראַלען, און בעפעסטיגען זיך. פון מיליטער אין קאַווקאַז קומען נאַכריכטען, איינע שרעקליכער ווי די אַנדערע. אין וואַרשא האָט זיך די אַרטילעריע געבונטעוועט און די האַרמאַטען האָבען אויפגעמאַכט זייערע מיילער און האָבען געשפּיגען מיט קאַרטאַטשען. אין אָטוואָצק, אין אַ זומערוואוינונג נעבען וואַרשא, איז אין איינעם פון די לעצטע טעג געהרג׳עט געוואָרען מאַרגראַפסקי, דער געהילף פון דעם וואַרשאָווער גענעראַל-גובערנאַטאָר. פון די דערפער קומען אַלץ מעהר און מעהר שרעקליכע ידיעות וועגען אַגראַרישע פּאַגראָמען. ביסלעכווייז איז אויך שוין דער שטרייק אויסגעבראָכען. און ווי עס ווייזט זיך אויס, קומט באַלד דער גענעראַל-שטרייק. באָמבעס ווערען געוואָרפען ווי די אַרבעס, און טאָג-טעגליך לייענען מיר, ווי אייזענבאַהן-צוגען זענען בעפאַלען און אויסראַבירט געוואָרען. פון קיעוו מעלדעט מען היינט, ווי מען האָט געפונען 7 באָמבעס ביי אָפיצירען, און פון פּולטאַוואַ קומט די נאַכריכט, ווי די פּאָליציי האָט ענטדעקט באָמבעס ביי יודען. אַ דעפּעשע פון סוועאַבאָרג דערצעהלט אונז היינט, אַז 300 מאַטראָזען, בונטאָווטשיקעס, זענען מיליטער-געריכטליך דערשאָסען געוואָרען. בקיצור עס איז שווער צו זאָגען, אַז אין רוסלאַנד איז זעהר רוהיג.

די רעגירונג טהוט אָבער דערווייל דאָס איהריגע: זי „בערוהיגט“. דערזעלבער סטאָליפּין, וואָס קאָן בשום אופן קיינעם נישט קריגען, וועלכער זאָל וועלען אַריינטרעטען אין זיין מיניסטעריום, ווייל קיינער וויל נישט שפּילען די קאָמעדיע פון אַ ליבעראַל און טהון בעת מעשה די אַרבייט פון אַ רוצח, דער אייגענער סטאָליפּין,

וואָס לויט אַ טעלעגראַפישער מעלדונג פון פעטערבורג, האָלט ער גאָר אַליין שוין ביים אָנגעבען זיך אין דעמיסיע, — דער אייגענער סטאָליפּין טהוט זיך דערווייל דאָס זייניגע און „בערוהיגט". אַפילו אין די בעסטע צייטען פון פלעווע און אין די שענסטע טעג פון דורנאָוואָ זענען די טורמעס און די תפיסות אין רוסלאַנד נאָך נישט געווען אַזוי איבערפולט ווי אין די לעצטע צוויי וואָכען. הונדערטער מענשען ווערען יעדען טאָג גענומען. מען זאָגט אַז די צאָהל פון די פּאָליטישע געפאַנגענע פון לעצטען האַלבען חודש איבערשטייגט 10,000. די רעאַקציע פון דעם דאָזיגען „ליבעראַלען" מיניסטער איז אַזוי גרויס, אַז אפילו די רעאַקציאָנערע צייטונגען האָבען מורא, דאָס די קאַטאַסטראָפע זאָל נישט זיין שוין גאַנץ נאָהנט. די צייטונג פון די קאַדעטען, דער „ריעטש" איז פערמאַכט געוואָרען; די צווייטע ליבעראַלע צייטונג, דער „דוואַצאַטי וויעק" איז אָבגעשטעלט געוואָרען, אַלע אַנדערע פרייע צייטונגען זענען קאָנפיסקירט געוואָרען. אפילו די העברעאישע צייטונג „הזמן", וועלכע איז ערשיענען אין ווילנא, איז פערמאַכט געוואָרען. די צייטונגען, וועלכע קומען פון אויסלאַנד, זע-נען האַלב אויסגעריכטען און האַלב פערשמיערט. בקיצור, מען „בע-רוהיגט". ווי אַ טעלעגראַם פון היינטיגען טאָג מעלדעט זאָל די דיק-טאַטור איבערגעגעבען ווערען צום גרויספירשט ניקאָלײַ ניקאָלייעוויטש, און אַלץ נאָר אום דאָס לאַנד צו „בערוהיגען".

דאָס איז שוין אַזאַ סיסטעם פון דער רוסישער רעגירונג, אַלע-מאָל צו בערוהיגען. פלעווע האָט בערוהיגט, וולאַדימיר האָט בערו-היגט, טרעפּאָוו האָט בערוהיגט, וויטע האָט בערוהיגט, דורנאָוואָ האָט בערוהיגט, אַלע האָבען בערוהיגט. איך געדענק, אין דעם פאָריגען יאָהר, נאָך די טעג פון גאַפּאָן, האָב איך געזעהן אַ דאָפּעל-קאַריקאַטור: ווי מאַכט מען אין רוסלאַנד אונרוהען און ווי מאַכט מען ווידער רוה? אויף דעם ערשטען בילד זעהט מען די אַרבייטער מיט ווייבער און מיט קליינע קינדער מיט הייליגע בילדער און מיט צלמים אין די הענד, און זיי קניהען און בעטען און רוטשען אויף די קניה ביז צום ווינטער-פּאַלאַץ — דאָס רופט מען „אונרוהען"; אויף דעם אַנדערען בילד זעהט מען האַרמאַטען און פולעמיאָטען און עס פליהען די קוילען, און די קאָזאַקען אַרבייטען מיט די נאַגייקעס, און די

סאָלדאַטען מיט די שטיקעס און די זשאַנדאַרמען מיט די שווערדען און טויזענדער אַרבייטער באָדען זיך אין בלוט און ליעגען טויט אין שנעע — דאָס רופט מען „בערוהיגען". און אַז די רעגירונג טהוט אַזוי און בערוהיגט, איז זי מכוון דערביי, אַז אויסלאַנד זאָל דאָס זעהן און זאָל וויסען, ווי רוהיג עס איז אינ'ם לאַנד. עס איז אַ סברה, אַז אפילו די דומא האָט מען צונויפגערופען צו דעם צוועק, כדי צו ווייזען ווי אַלעס איז שוין גוט און פרום און ווי מען איז שוין ברוך-השם קאָנסטיטוציאָנעל אויך — און ווי מען מעג שוין בעטען אין אויסלאַנד ביי די מענדעלזאָהנס און ביי די אַנדערע גרויסע באַנקירען אַ גמילות-חסד; ווי אָבער די רעגירונג האָט געזעהן, אַז די דומא פערשטעהט נישט דעם שפּאַס, און ווייס נישט אַז זי איז נאָר אויף קאַטאָוועס, און מיינט גאָר אַז דאָס אַלעס איז ערנסט און אויף דער אמת'ען, דאָ האָט זי שנעל די נאַרישע דומא אַהיימגעשיקט. אַיי וואָס אויסלאַנד וועט זיך אַרומקוקען און וועט וויסען וואָס עס טהוט זיך? נישקשה! דעם אויסלאַנד וועט מען דורך אָפיציעלע טעלעגראַמען און דורך נאַרישע צייטונגס-שרייבער שוין איינשמועסען אַז אַלעס איז רוהיג, און די נאַרישע באַנקירען און פינאַנסיסטען וועלען עס גלויבען. דאָס איז דער סוד פון דעם בערוהיגונגס-סיסטעם. און צו דעם דאָזיגען סיסטעם קאָן הער סטאָליפין גאָר קיין שום נייעס נישט מוסיף זיין. ער קאָן נאָר איבער. חזר'ן דאָס, וואָס זיינע פאָרגענגער האָבען פאַר איהם געמאַכט. עס וועט אָבער קומען אַ צייט — און דאָס אויסלאַנד וועט אויפהערען צו גלויבען און וועט פלוצלינג פערשטעהן, וואָס עס טהוט זיך.

דער גרעסטער פּאָליטישער פעהלער איז געווען דאָס דומאַ־פונאַנדערלאָזען. די אַנאַרכיסטיש-רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט דאָך נאָר געוואָרט דערויף. די לינקע אין דער דומאַ האָבען מיט דער גאַנצער קראַפט אָבגעהאַלטען דאָס אויסברעכען פון די ווילדע יידענשאַפטע ביים אומגליקליכען פאָלק נאָר דאַדורך, וואָס זיי האָבען פערזיכערט, אַז זיי וועלען פיהרען די בעוועגונג. יעצט לאַכט די אַנאַרכיסטיש. רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי און ווייזט, אַז זי האָט געהאַט רעכט. יעצט וועט די פיהרונג פון דער בעוועגונג איבערגעהן אין די הענד פון דער אַנאַרכיסטיש-רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די קאַטאַסטראָפע קומט אַלץ אָהנטער און נאָהנטער.

זעקסטער בריעף

עס איז די רעוואָלוציע פון אַ העלפאַנט, עס איז די מרידה פון אַ שור-הבר, וועלכער איז געקומען האַלב אומבעוואוסט צו דעם שכל, נישט צו וועלען לאָזען זיך איינזאַלצען פאַר די צדיקים׳ס וועגען, עס איז די בעוועגונג פון אַ וואַלפיש, וועלכען מען האָט געשטאָכען אין קאָפּ אַריין און ביי וועלכען עס דויערט אַ היבשע צייט ביז ער ווערט געוואָהר דערפון און ביז ער קריגט אנ׳אידעע צו געבען אַ דרעה מיט דעם וויידעל — און דאָס זענען אַלץ אַזעלכע בעוועגונגען וועלכע זענען אַזוי וועניג גראַציעז און אַזוי וועניג בעחנ׳ט און אַזוי וועניג פיין, און זיי זענען כּלל וכלל נישט געמאַכט אַז צאַרטע, פיינע דאַמען-הענדטלעך זאָלען פּאַטשען בראַוואָ. אַלעס איז עפּעס אַזוי שווערפעליג און עפּעס אַזוי ברייט-פּיסיג און עפּעס אַזוי לעכערליך. און דאָ אין דרויסען שטעהען מענשען, אייראָפּעאישע מענשען, און דערצעהלען אויף אייראָפּעאיש מעשה-נסים: דער גענעראַל-שטרייק איז געלונגען, דער גענעראַל-שטרייק איז נישט געלונגען; די מרידה פונ׳ם מיליטער איז גע-ראָטען, די מרידה פונ׳ם מיליטער איז נישט געראָטען; די פויערים האַלטען ביים זיעגען, די פויערים האַלטען נישט ביים זיעגען — און די דאָזיגע אַלע מענשען ווילען נישט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציע אין רוס-לאַנד. אין רוסלאַנד איז נישט שייך צו זאָגען געלונגען אָדער נישט געלונ-גען, געראָטען אָדער נישט געראָטען, געזיעגט אָדער נישט געזיעגט. מען זיעגט נישט אין רוסלאַנד איבער נאַכט; מען זיעגט אויך נישט אין אַ יאָהר און אפילו נישט אין צעהן יאָהר. אָפט הייסט עס נישט גע-ראָטען און עס איז דאָס געראָטענסטע דווקא, אָפט איז עס געראָטען און עס טויג דווקא אויף כּפרות. עס איז דאָך רוסלאַנד. אין רוסלאַנד האָט זיך דער העלפאַנט בעוועגט, און אַז דער האָט געגעבען אַ דרעה מיט זיין לאַנגען אונענדליכען חוטם, איז אַז אָך און וועה

אָט לייענען מיר למשל אַ טעלעגראַם. איך בין זיכער אַז ביים לייענען די דאָזיגע טעלעגראַם האָט מעהר ווי איינער געמוזט אַרויסשיסען מיט אַ געלעכטער. דען באמת האָט די נאַכריכט פון דער דאָזיגער טעלעגראַם אַ היבשע פּאָרציע פון קאָמיזם, און פאָרט איז זי טיעף טראַגיש. די פויערים אין אַ דאָרף נעבען קיעוו — ווערט אונז דאָרט דערצעהלט — האָבען זייער דומאַ-דעפּוטאַט, וועלכער איז אַהיים געקומען, גוט דורכגעקלאַפּט, ווייל ער איז אַהיים געקומען פון פּעטערבורג און האָט זיי גאָרנישט מיטגעבראַכט, נישט קיין ערד און נישט קיין פרייהייט, און ווייל ער האָט צוגעלאָזען, די דומאַ צו פערמאַכען. עהנליכע טעלעגראַמען האָבען מיר דאַן געלייענט פון פיעל אַנדערע ערטער. זאָגט, קאָנט איהר אייך מאָלען אַן׳עהנליכע מעשה אין גאַנץ אייראָפּא? קאָנט איהר אייך פאָרשטעלען וואו אַנדערש אַזאַ פערהעלטניש צווישען פאָלק און אבגעאָרדנעטען? פאַר עטליכע חדשים, בשעת די דומא-דעפּוטאַטען זענען אַרויסגעפאָהרען פון זייערע היימאַטס-ערטער קיין פּעטערבורג, האָבען מיר געלייענט, ווי פויערים האָבען אָבגעשטעלט אַן׳אייזענבאַהן-צוג און האָבען מיט צלמים אין דער האַנד און אויף די קניהען אָנגענומען אַ שבועה ביי זייערע דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען נישט צוריקקומען ביז זיי וועלען נישט מיטברענגען ערד און פרייהייט. זאָגט, קאָנט איהר אייך מאָלען אַזאַ מין אויפפאַסונג פון אַ פּאַרלאַמענט ביי אַן׳אַנדער אומה? פאַר עטליכע וואָכען, בשעת די דעפּוטאַטען זענען געזעסען אין דער דומא און האָבען געאַרבייט, האָבען מיר געלייענט, ווי פויערים האָבען געשיקט קיין פּעטערבורג זייערע געהיימע שפּיאָנען, אום אַכטונג צו געבען אויף זייערע דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען נאָר אַלעס מאַכען ווי עס געהערט צו זיין. זאָגט, האָט איהר שוין געהערט אין אייראָפּא פון אַן׳עהנליכען פאַל? אָט דאָס איז אין רוסלאַנד. אָט אַזוי פאַסט אויף דאָס פאָלק אַ דומאַ. אָט אַזוי איז דער אָנפאַנג פון אַ פרייהייטס-געדאַנק, ווי ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין ענגען מוח אַריין. און ביי אַזאַ מין פאָלק ווילט איהר מיר רעדען איבער נאַכט פון געלונגען און נישט געלונגען, פון געראָטען און נישט געראָטען? ווען קומען אַמאָל דער טאָג, ווען דאָס דאָזיגע פאָלק, דאָס פאָלק פון די פויערים, וועלכעס איז אַכט

מאָל אַזוי גרויס ווי דאָס פאָלק פון די אַרבייטער, וועט אויפמאַכען זיין מוח און וועט אָנהויבען פלוצלינג מעהר צו פערשטעהן, דאַן בין איך קיינעם נישט מקנא. זיי וועלען נישט מאַכען קיין מיטינגען ווי די אַרבייטער, זיי וועלען נישט האַלטען קיין רעדעס און זיי וועלען נישט האָבען דעפוטאַטען אין דער דומאַ ווי הערר אַלאַדין און וויינסגלייכען, זיי וועלען נישט אַרויסשיקען פראָקלאַמאַציעס, — אָבער די ערד וועט ציטערען און דער דאָזיגער טאָג וועט זיין דער גרויסער טאָג.

אוי, דאָס דאָזיגע רוסלאַנד, ווער עס קען עס! און אפילו די האַלב-אינטעליגענטע, די האַלב-וויסענדע, ווער עס קען זיי! איך געדענק אַ מעשה׳לע, וואָס וויל מיר גאָרנישט אַרויס פון קאָפּ. פאַר עטליכע יאָהר איז עס געווען. געאָרג בראַנדעס איז געקומען קיין פעטערבורג און האָט געהאַלטען דריי עפענטליכע פאָרלעזונגען. אַלע צייטונגען האָבען געשריבען פונ׳ם בעריהמטען „קריטיקער". אַלע מענשען, קליין און גרויס, אָרים און רייך, האָבען גערעדט טאָג און נאַכט פונ׳ם „בעריהמטען קריטיקער". נאַטירליך, נישט וויסענדיג ווער ער איז און וואָס דאָס איז און ווי איז דאָס די זאַך, וואָס ווערט אָנגערופען קריטיק. זעלבסטפערשטענדליך האָט דאָס אַלעס נישט געשאַדט, מיטצורעדען וועגען דעם דאָזיגען וויכטיגען פאָרפאַל, און די ליגנערישע פאַנטאַזיע פון דער „ברייטער נאַטור" האָט זיך צעשפיעלט ביי יעדען רוסישען מענש. צוויי רוסישע לייט, געשעפטסאַגענטען פון דעם אַלעקסאַנדער-מאַרק, שטעהען און רעדען וועגען קריטיקער בראַנדעס. „שוין געווען?" פרעגט איינער דעם אַנדערען. „געווען, ווי דען זשע!" „און וואָס האָסטו געזעהן?" פרעגט יענער ווייטער. „קריטיקירען!" ענטפערט דער צווייטער. „ווי געהט דאָס צו?" — „גאָר פראָסט, מען בעצאָהלט אַ רובעל און מען געהט אַריין!" — „געהען אַריין מאַנסבילען און ווייבער צוזאַמען?" פרעגט דער ערשטער. „חס וחלילה", ענטפערט דער אַנדערער, „מאַנסבילען געהען אַריין פאַרמיטאָג דורך די רעכטע טהיר, און ווייבער געהען אַריין דורך די לינקע טהיר נאָכמיטאָג. מען געהט אַריין און מען לעגט אַוועק אויף דעם שוואַרצען טיש דעם רובעל. דאָ קומט בראַנדעס און נעהמט עפּעס אין דער האַנד אַריין און הויבט אָן צו קריטי-

קי רען. געהט אַרויס דער, וועלכער איז שוין אָבגעקריטיקירט, קומט אַריין דער צווייטער. דאַן געהט דער אַרויס אָבגעקריטיקירט, קומט אַריין דער דריטער, און אַזוי ביז אין שפּעטען אָווענד"... — דאָס איז רוסלאַנד און דאָס זענען די בעגריפען פון 99 פּראָצענט פון זיינע מענשען. און פון אַזאַ לאַנד וויל מען רעדען וועגען אַ רעוואָלוציע נאָך דעם צוגעשניטענעם מוסטער און נאָך די בעקאַנטע פלעסטערלעך פון אייראָפּא?!

דער גענעראַל-שטרייק — אַזוי מעלדעט די אָפּיציעלע פּרעסע און אַזוי פּערזיכערט די האַלב-אָפּיציעלע פּרעסע און אַזוי דערצעה־לען די זעהר קלוגע קאָרעספּאָנדענטען אין די אויסלענדישע בלעטער — איז נישט געלונגען. אָבער מען פערגעסט דערביי, אַז אַלע ערנסטע־רע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען געגען דעם שטרייק און האָבען געטענה'ט, אַז מען דאַרף שפּאָרען די קרעפטען אויף שפּעטערע צייטען. מען מאַכט זיך פּערגעסען, אַז אַלע מיושב'דיגע מענשען האָבען געשריען אין איין געוואַלד, אַז יעצט איז נאָך נישט געקומען די צייט צו אַזאַ אונטערנעהמונג און האָבען געוואָרענט פאַר די היץ־קעפּ. הויפּטזעכליך מאַכט מען זיך נישט וויסען דאָס, וואָס אַלע קלאָרע מענשען אין רוסלאַנד ווייסען, אַז די גאַנצע פּראָבע צו דעם יעצטיגען שטרייק איז געווען נאָר אַ שטיקעל פּראָוואָקאַציע, וואָס די רעגירונג האָט זיך בעמיהט צו פּראָוואָצירען, ווייל זי האָט געוואָלט ווייזען דעם אויסלאַנד, ווי זעהר תקיף זי איז און ווי זעהר די גאַנצע רעוואָלוציע שטעהט שוין אויף היהנערישע פיסלעך. אַ חסרון צו אַ נייע הלואה קאָן דאָס אַודאי און אַודאי נישט זיין.

די הויפּט-צרה, נאַטירליך, איז דאָס שטיקעל הלואה, וואָס מען דאַרף. אַז אַ רוסישער פינאַנץ-מיניסטער בענטשט, רעכען איך, זאָגט ער נישט דעם פּסוק: „ואל תצריכני לא לידי הלואתם". אדרבא, פון אַ מתנת בשר ודם האַלט מען זעהר און זעהר. ערשט דאָ לעצטענס האָט דער פינאַנץ-מיניסטער קאָקאָווצעוו פראַנק און פריי ערקלערט, אַז די לאַגע פון די רוסישע פינאַנצען איז פיעל „שלעכ־טער" ווי מען מיינט. מיט דעם גאַנצען האַרצען האָט ער זיך מודה געווען, אַז דאָס, וואָס בלייבט פון דער לעצטער גרויסער אַנלייהע, קלעקט נישט אפילו במקצת מן המקצת צו דעקען די דעפיציטען פון

די צוויי יאָהרען, אַזוי אַז פון העלפען די הונגעריגע קאָן שוין גאָר־נישט די רעדע זיין. ווי טנר האָט ער אויסגעזאָגט פונ׳ם חדר, אַז דער היי־יאָהריגער דעפיציט, אַזוי ווייט ווי מען קאָן שוין היינט וויסען, וועט אויסמאַכען צום ווענינגסטענס 94 מיליאָנען רובעל.

בין כך וכך האָט מען אַראָבגעוואָרפען אין פעטערבורג אויך דאָס לעצטע שטיקעל מאַסקע, וועלכעס מען האָט נאָך געטראָגען. מען האָט שוין געלאָזען פאַלען דעם אויסרייד פון „ליבעראַל״ און מען האָט גענומען צוויי־דריי נייע מיניסטאָרען, פראָסטע בן־אדם׳ס, אַזעלכע וואָס נישט בלויז זיי זענען כפול־שמונה׳דיגע ביוראָקראַטען, נאָר וואָס זענען עכטע רוסישע מענשען מיט אַלע ל״ב פירושים. אַזוי, למשל, האָט מען גענומען פאַר אַקערבוי־מיניסטער דעם בעוואוסטען וואַסילשטשיקאָוו, וועלכער איז בעקאַנט פון זיינע מעשים טובים בשעת ער איז געוועזען אויפזעהער פונ׳ם רויטען קרייץ. די אונטער־האַנדלונגען, וועלכע די רעגירונג האָט געפיהרט עטליכע טעג מיט די האַלב־ליבעראַלע מענשען פון דער דומא וועגען מיניסטער־שטעלען, זענען געוועזען, ווי עס ווייזט זיך יעצט אַרויס, נאָר משום מראית־עין. גראַף היידען און לוואָוו ערקלערען יעצט אין די צייטונגען, אַז די מניעה איז געוועזען נישט פון זייער צד, נאָר פון דעם רעגירונגס־צד, ווייל די רעגירונג האָט נישט געוואָלט אַפילו אָנהויבען צו געבען די מינדעסטע גאַראַנטיע פאַר וועלכע עס איז רעפאָרמען. זעלבסט־פערשטענדליך, האַלט דאָס אַלעס נישט אָב די רעגירונג פון מבטיח זיין אויך היינט, צו געבען גאַנצע בערג פון רעפאָרמען. נאַטירליך נישט שוין יעצט און נישט מיטאַמאָל. די רעגירונג וויל געבען מיט געטליכער הילף אַלע האַלבע יאָהר אַ האַלב קאָוע־לעפעלע מיט רעפאָרמען. דאָס איז געזונד און מען קאָן זיך דערביי נישט דעם מאָגען פערדאַרבען. — וואָס די רעגירונג וויל יאָ געבען מיט אַ פולער האַנד און מיט דעם גאַנצען האַרצען, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש: זי וויל געבען איהרע בעקאַנטע „בערוהיגונגען״. אינ׳ם לויף פון דער וואָך זענען איינגעזעצט געוואָרען אין די טורמעס מעהר ווי טויזענד מענשען. געשאָסען זענען געוואָרען הונדער־טער. נאָך די טעג פון סוועאַבאָרג און קראָנשטאַדט איז דאָס געוועזען אַנ׳הריגה, וואָס שרעקליך. ווי מען דערצעהלט זיך, וועט אין קראָנ־

שטאָדט דער געוועזענער דומאַ-דעפּוטאַט אַניפּקא געשטעלט ווערען פאַר אַ קריעגס-געריכט.

אָבער בשעת דער חזן זאָגט „ברכו“ זאָגט דערוויילע קהל „יתברך“: טויט און מאָרד און רויב הערען נישט אויף אין די גאַסען אַפילו אויף איין שעה. אַ גענעראַל'ס אַ טאָכטער קומט צופאָהרען פון פּעטערבורג קיין אָדעס צו אַ בעזוך פון גענעראַל קוילבאַרס טאָכטער, און דורך אַ בייזען צופאַל פאַלט איהר אַרויס פון איהר שטריק-בייטעל אַ באָמבע. נאָר דורך דעם דאָזיגען צופאַל איז גענעראַל קוילבאַרס ניצול געוואָרען.

ווייסט איהר איבריגענס שוין דעם אמת'ען טעם, פאַרוואָס די דומאַ איז פונאַנדערגעלאָזען געוואָרען? אָט לייענט, וועט איהר וויסען. אין דעם קעקסהאָלמער און וואָהלינער פאָלק אין וואַרשא האָט מען די סאָלדאַטען פאַרגעלייענט דעם בעפעהל פונ'ם קייזער פונאַנדערצולאָזען די דומאַ, און מען האָט דערצו מוסיף געווען די דאָזיגע ערקלערונגען:

„לויט דער אָנזיכט פון דער דומאַ, איז עס קיין אומגליק נישט, אַז מען האָט געהרגעט אונזערע, די קעקסהאָלמער און די ליטווינער, נאָר אַנ'אומגליק איז עס, אַז מען כאַפּט די רוצחים און מען וויל זיי שיסען. די רוצחים מוז מען געבען אַמנעסטיע. אין די לעצטע טעג איז פערברענט געוואָרען די גאַנצע שטאָדט סיזראַן מיט 30 000 איינוואוינער, און די דומאַ האָט נישט געפונען פאַר נויטיג אַפילו מיט איין וואָרט צו דערמאָהנען די דאָזיגע אמת'דיגע רוסישע אומגליקליכע שטאָדט, נאָר אין דעם יודישען ביאַליסטאָק איז געווען עפּעס אַ פּאָגראָם, וואָס יודישע רעוואָלוציאָנערען האָבען איהם געמאַכט און וועלכער איז גאָרנישט צו פערגלייכען מיט דעם אומגליק אין סיזראַן. דאַן האָט די דומאַ באַלד געפונען פאַר נויט אָבצוגעבען אַ בעזונדערען כבוד די יודען און אַהין צו שיקען אַנ'עקסטראַ קאָמיסיע. די קאָמיסיע איז בעשטאַנען פון דעם יוד יאַקאָבסאָן, פון דעם אַרמעניער אַרקאַנצעוו און פון איינעם שטשעפּקין, וועלכער האָט אַ יודיש ווייב. קאָן ריסלאַנד זיך דערוואַרטען גערעכטיגקייט פון אַזאַ מין קאָמיסיע? זעלבסטפערשטענדליך, האָבען זיי געזאָגט, אַז שולדיג זענען די רוסען און דאָס מיליטער, אָבוואָהל

מיר האָבען געניג דערוויזען, אַז די יודען דאָרט האָבען געשאָסען אין אַ פּראָצעסיע און האָבען געוואָרפען אַ באָמבע. גאַנץ בעזונ-דערס אין די לעצטע טעג אין די רעוואָלוציע אין דער דומאַ געוואָרען וואָסאַמאָל שטאַרקער. די יודען זענען דאָרט געווען די אָנפיהרער און די רעוואָלוציאָנערען פון די אַנדערע פעלקער האָבען זיי געהאָלפען. דער גאַנצער צוועק פון דער יודישער דומאַ איז געווען, די אַלגעמיינע רעוואָלוציע צו מאַכען, רוסלאַנד צו פערשוואַ-כען, זי איינצוטיילען שטיקערווייז און דערביי זיך צו בערייכערען. אַלעס וואָס איז רוסיש האָט מען אין דער דומאַ נישט געלאָזען אויפקומען. אין דער דומאַ האָט מען געפּרעדיגט, אַז עס איז אַ שאַנדע צו הייסען אַ רוסישער פּאַטריאָט. אויף דעם מיליטער האָט מען געוואָרפען שמוץ. עס איז שווער צו גלויבען, אַז אַזאַ דומאַ איז געווען אין רוסלאַנד און נישט אין פּאַלעסטינאַ. אויף די וואַה-לען צו דער דומאַ האָבען יודען אויסגעגעבען מיליאָנען — —"

און דאָס אַלעס, זעהט איהר, נוצט נישט. די רעוואָלוציע אין דעם מיליטער ווערט פון טאָג צו טאָג שטאַרקער.

פון אָדעס ברענגט אונז היינט דער טעלעגראַף אַזאַ מין ידיעה: „דער שטאָדט-הויפּטמאַן האָט בעהאַלטענערהייט אויפגעפּאַ-דערט די פּערוואַלטונג פון דער שטאָדט, זי זאָל פון היינט אָן קיין שום יוד נישט מעהר אָננעהמען אויף קיין שום שטעלע פון קהל'שע שטעלען, און אַפילו נישט אַלס דאָקטוירים, אָדער יוריסטען אָדער אינזשענירען אָדער טעכניקער. די דאָזיגע אויפפאָדערונג שטיצט זיך אויף אַ צירקולאַר פון מיניסטער אויס פּעטערבורג". — זעהט איהר, אַז מען זאָגט רעפאָרמען און אַז מען רעדט פון גלייכבערעכטיגונג פון יודען אין רוסלאַנד, זאָל מען גלויבען!

זיבעטער בריעף

די צייטונגען מעלדען: דער שאַך פון פערסיען האָט געגעבען זיין פאָלק קאָנסטיטוציע. אוי, קלער איך מיר, האָט זיך געמוזט דאָס פערסישע פאָלק געגען זיין שאַך שטאַרק פערזינדיגען, אַז דער שאַן האָט זיך אָן זיי אַזוי פּירכטערליך נוקם געווען. איך לעב דאָך אין רוסלאַנד און ווייס יעצט, וואָס עס הייסט „קאָנסטיטוציע געבען". איך ווינש עס נישט מיין ערגסטען שונא. מיר האָבען געלעבט ביז יעצט אין אַ גן־עדן (איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען, אַז אונזער לעבען אין רוסלאַנד איז שוין געווען אַ גן-עדן!), האָט זיך אונז פערגלוסט אַ קאָנסטיטוציע!

איהר מיינט, מיר האָבען יעצט „רעפּרעסיעס"? — שוין ווידער אַ וואָרט פון דעם אייראָפּעאישען ווערטערבוך! איהר ווילט אַלץ נישט פערשטעהן, אַז ווערטער, וואָס אַנ׳אייראָפּעאישער בעגריף האָט זיי געבוירען, קאָנען נישט פּאַסען צו רוסלאַנד. איהר קענט רעפּרעסיעס פון דער רעוואָלוציע-צייט אין עסטרייך, איהר קענט רעפּרעסיעס פון דער רעוואָלוציע-צייט אין דייטשלאַנד, אָבער וואָס איז שייך צו זאָגען רעפּרעסיעס אין רוסלאַנד? אין רוסלאַנד שטעלט מען אַוועק אַ פאָלק סאָלדאַטען ביי יעדער גאַס, ווילדע, שכור׳ע אַזיאַטען, אונמענשליכע, טאַטאַרישע אידיאָטען, און די דאָזיגע שטעהען פון פאַרטאָגס ביז טיעף אין די נאַכט אַריין און שיסען אויף רעכטס און אויף לינקס אין די פענסטער אַריין און אויף די באַלקאָנען אַרויף, און אַזוי ווי גרויסע בריות אויף שיסען זענען זיי נישט, טרעפען זיי קיינמאָל נישט דעם, וועלכען זיי האָבען געוואָלט, נאָר טרעפען צעהנדליגע אונשולדיגע: ווייבער און קינדער און גרייז-גרויע מענשען. נישטאָ קיין טאָג, ווען עס זאָלען נישט פאַלען אַ צעהן, פופצעהן קרבנות: איינער וואָס האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז דורכ׳ן פענסטער, איינער וואָס איז אויף אַ מינוט אַרויסגעגאַנגען אויף זיין באַלקאָן, איינער וואָס האָט זיך אויף אַ

מינוט געוויזען אין גאַס. אַלע געשעפטען האָבען אויפגעהערט. דאָס ביסעל סוחרים, וועלכע זענען געקומען צו דעם סעזאָן, זענען זיך צע־לאָפען. די רעסטאָראַנען און קאָנדיטאָרייען זענען פוסט. אין די טע־אַטערס שפּיעלט מען נישט, און הונגעריגע שוישפּיעלער פּרובען שפּיע־לען נאָכמיטאָגס. זעקס אַ זייגער זענען אַלע טהירען פערהאַקט. אין מי־טען טאָג, ווען עס געהט עפּעס אַ מענש איבער דער גאַס, פרעגט ער דעם צווייטען, וועלכער קומט איהם אַנטקעגען, צי מען קאָן דאָ געהן ווייטער, און דער צווייטער פרעגט איהם די זעלבע שאלה. פּלוצלינג צעלויפען זיי זיך און בעהאַלטען זיך אין די טויערען. אַ פּאַטראָל האָט זיך בעוויזען· אָפט זעהט מען אַ טויטען מענשליכען קערפּער, אָדער אַ קערפּער, וועלכער צאַפּעלט נאָך, ליעגען ביי דער שוועל פון אַ טויער אָדער מען טרעט אויף איהם אָן אויף אַ פינסטערער טרעפּ. די פּרייווי־ליגע רעטונגס־געזעלשאַפט קאָן די אַרבייט נישט בייקומען; זי ווערט איבער הונדערט מאָל אַ טאָג גערופען און זי האָט נישט אַזויפיעל פערד־און־וועגען און האָט נישט אַזויפיעל דאָקטוירים, אום אומעטום צו קאָנען זיין. אָפט שיסט אויך דער סאָלדאַט אויף דעם רעטונגס־וואָגען אָדער אויף דעם דאָקטאָר, וואָס געהט פון איהם אַרויס; דער דאָזיגער האַלב־ווילדער מענש קאָן באַין אופן נישט מיט זיין ענגען מוח אויפפאַסען, וואָס דאָס איז אַ רעטונגס־געזעלשאַפט, און ער ווייס נאָר, אַז מען האָט געהייסען שיסען, מוז ער שיסען. אין די לעצטע צעהן טעג זענען געפאַלען אין וואַרשא אַליין איבער 300 מענשען. אונצעהליגע הונדערטער ליעגען אין די שפּיטעלער, און ווי אַ דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, איז פאַר דעם גרעסטען טייל פון זיי קיין רעטונג נישטאָ. אין דעם ציטאַדעל־געפענגניש זיצען זינט דער דאָזיגער לעצטער צייט, לויט אַנ׳אָפּיציעלען בעריכט, 8896 אַרעסטירטע. אין דעם גוטען מיטוואָך אין וואַרשא, מיטוואָך פון דער פאָריגער וואָך, אין וועלכען עס זענען געפאַלען איבער 200 טויטע און אונגעצעהלטע הונדערטער פערוואונדעטע — צום גרעסטען טייל, נאַטירליך, יודען — זענען מעשים געשעהען, וועלכע קאָנען דאָס בלוט אין די אָדערען מאַכען אויף בליי. אַ בעקאַנטער האָט אויף זיין אָרעם געטראָגען אַ 5־יעה־ריג מיידעלע, און ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די מהומה, האָט ער אָנגעהויבען צו לויפען. אַ קויל פון אַ ביקס האָט געטראָפען דאָס

קעפעל פון'ם קינד, דער שארבען איז געוואָרען בוכשטעבליך אָראָפּ־געריסען, דער מוח האָט זיך אויסגעגאָסען אויף די פּלייצעס פון דעם דאָזיגען מענשען, און אַזוי איז ער געקומען מיט דעם טויטען קערפּערל צו דער מאַמען. אין אַ חתונה־זאַל זענען געווען די געסט פערזאמעלט, די כּלה איז געווען אָנגעטהון אין דעם שלייער און אין ווייסען חופּה־קלייד. מען האָט געוואַרט אויף דעם חתן און דער חתן איז נישט געקומען; דעם חתן האָט מען דערווייל אונטען פאַר'ן טיער דערשאָסען. זעהט איהר, דאָס זענען „רעפּרעסיעס" אין דעם צוויליזירטען אַזיען — אין רוסלאַנד.

און אונזער הערר פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין, קאַלט ווי אַ שטיק אייז, רעדט זיך דערווייל מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון אייער לאָנדאָנער „טריבין" און זאָגט איהם: „וואָס מיר רעפּרעסיעס? פיהלט דאָס פאָלק ביי אונז אַפילו די גרינגסטע קלייניגקייט פון אַ רעפּרעסיע? עס איז נישט אמת, אַז אונזער רעגירונג וויל איינפיהרען די פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס. אַדרבא, די רעגירונג סטאַרעט זיך, נישט צו בעלעסטיגען קיינעמס פרייהייט". עס געהערט מוט דערצו, אָדער נאַרישקייט, אַרויסצורעדען אַזעלכע ווערטער, אַז אין רוסלאַנד שטערט מען נישט קיינעמס פרייהייט. אין דעם אייגענעם טאָג, ווען איך האָב געלייענט דאָס געשפּרעך פון דעם הערר פּרעמיער מיט דעם לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט, האָב איך אָווענדס געלייענט אין אַ וואַרשאווער בלעטעל דאָס דאָזיגע צעטעל: „אַ זייגער 10 אינדערפריה האָט מען אַרויסגעריסען פּאָנצאָטאָוויע (די פּרייווילינע רעטונגס־געזעלשאַפט) אויף קאַרמעליצקא צו אַ פערוואונדעטען יודען, לייזער קירנענבוים, וועלכען אַ סאָלדאַט האָט צווייטאָל געשטאָכען אין דער ברוסט. — אויף טווארדא 29 האָבען סאָלדאַטען פערוואונדעט מיט די שטיקעס אין בויך און אין פּלייצע אהרן קאַלט, 29 יאָהר, אַ הענדלער. — אויף גראָיעצקאַ גאַס האָט מען מיט ביקסען־קוילען דערשאָסען אַ יונגען מענש, 20 יאָהר אַלט. — אויף סטאַווקא האָבען נעכטען ביינאַכט סאָלדאַטען געשאָסען. פון פערשידענע גאַסען טעלעפאָנירט מען, אַז מען שלאָגט אָהן רחמנות די דורכגעהער. — אויף פּאַוויאַ 30 איז געזעסען ביי זיך אויפ'ן באַלקאָן יודיל כאַניקאָוו און האָט געלייענט אַ צייטונג. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ פּאַטראָל און האָט

נעשאָסען און דערהרגעט מאניק אָוו'ן אויפ'ן אָרט. בכלל איז פאָרגעקומען אין פערלויף פון היינטיגען טאָג 22 פאָרפאַלען אין וועלכע ס'זענען געהרגעט און פערוואונדעט געוואָרען פריוואַטע מענשען." – איך, פון מיין זייט, קאָן אייך נאָר פערזיכערען, אַז דאָס צעטעל איז אפילו נאָך ביז צו דער העלפט נישט אָבגעשריבען. אָבער דער הערר מיניסטער זאָגט: קיינעמס פרייהייט ווערט ביי אונז נישט בעלעסטיגט. כ'לעבען, דער הערר איז זעהר וויציג! און נישט נאָר דער הערר, ניין, אפילו די רוסישע טעלעגראַפען-אַגענטור איז דעסגלייכען אַזוי וויציג. איך לייען היינט אין אַ פעטערבורגער צייטונג אַ טעלעגראַם פון וואַרשא, וועלכע הויבט זיך אָן: „אין וואַרשא איז דער נעכטיגער טאָג אַריבער רוהיג. געהרגעט געוואָרען זענען א. אַז. וו." און די טעלעגראַם רעכענט אויס 9 פאָרפאַלען. פוי, עס נעהט זיך חלשות אָן פאַר די געמיינע און דערצו נאַרישע ליגנערס פון 85 גובערניעס אין רוסלאַנד זענען נאָר דריי פאַרהאַנען, וועלכע זענען אין אַ נאָרמאַלען צושטאַנד; 40 זענען אין קריעגס-צושטאַנד, 27–אין „איינפאַכער אויפזיכט", 15 – אין „פערשטאַרקטער אויפזיכט", און דאָס אַלעס ווערט אָנגערופען פון אַ מיניסטער: אין רוסלאַנד איז קיינעמס פרייהייט נישט בעשרענקט.

דאָס, וואָס האָט זיך אין וואַרשא אָבגעטהון אין די לעצטע צעהן טעג, דאָס וואָס האָט זיך אָבגעטהון אין אַנדערע 12–15 פוילישע שטעדט, אין לאָדז, אין שעדלעץ, אין פלאָצק, אין לובלין און אין פיעל אנדערע שטעדט – עס איז שווער, מען זאָל עס פאַסען מיט דער פאַנטאַזיע. אין ביאַליסטאָק האָט עס געהאַט אַ נאָמען, מען האָט עס גערופען פאָגראָם. יעצט אָבער, ווי עס שיינט, איז די רעגירונג געקומען אויף אַ נייע ערפינדונג. עס איז אַ מין „רויכלאָזער פולווער", אַ מין „טעלעגראַפיע אָהן דראָהט". מען מאַכט פאָגראָמען, און עס קנאַלט נישט און עס רויכערט זיך נישט, און אייראָפאַ ברויכט נישט צו הערען און צו מאַכען געוואַלדען. עס זענען אַזעלכע מינים כראָנישע פאָגראָמען, אָהן אַ בעשטימטער פאָרם, אָהן אַ בעשטימטען אָנהויב און אָהן אַ בעשטימטען אויפהער. אָבער איך קאָן אייך פערזיכערען, אַז דער פאָגראָם אין וואַרשא איז צעהן מאָל אַזוי גרויס געווען ווי דער פון ביאַליסטאָק. איך קאָן אייך שווערען אַז

דער פּאָגראָם פון לאָדז אַ [illegible] ליך, און קאָן אייך זאָגען בהן שלי אַז אין שעדלעך זענען געווען מעשים, וואָס האָר און נעגעל שטעלען זיך קאַפּויר — און פאָרט איז דאָך קיין „פּאָגראָם" אין קיינער פון די דאָזיגע שטעדט נישט געווען. די רוסישע רעגירונג האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען פאָרטשריט. איירעפּא ברויכט נישט מעהר צו וויסען אַלצדינג. איירעפּא ברויכט נישט מעהר „וועגען יעדער קליינינקייט" ווי די „נאָוואָיע ווערעמיאַ" זאָגט, צו מאַכען באַלד געוואַלדען אויפ'ן קול. זעהט איהר, פאַר איירעפּאַ'ס וועגען ווערט מען זאָגען, אַז אַלץ איז ברוך השם אויסגעצייכענט און די פּערזענליכע פרייהייט ווערט אין רוסלאַנד קיינעם נישט געשטערט. אַיי וואָס? דאָס ביסעל צייטונגען וועלכע מען פערמאַכט? נישקשה! די דאָזיגע, זאָגט דער מיניסטער סטאָליפּין דעם קאָרעספּאָנדענט, זענען נאָר פערמאַכט לפי שעה, און באַלד וועט ער זיי ווידער לאָזען אויפמאַכען. אַיי וואָס? די געוועזענע דומאַ-דעפּוטאַטען, וועלכע מען זעצט איין אין תפיסה און וועלכע מען שלעפּט צום געריכט? נישקשה! דאָס איז נאָר וויל מען וויל האָבען, אַז זיי זאָלען נישט קאָנען ווערען געוועהלט צום צווייטען מאָל. אַיי וואָס? די יודען און די יודען-פראַגע? אויך מיר אַ זאַך! אָט באַלד זעצט מען צוזאַמען אַ קאָמיסיע, און די קאָמיסיע וועט פּותר זיין די יודען-פראַגע און די יודען וועלען מיט געטליכער הילף באַלד האָבען אַלע רעכט. דאָס אַלעס האָט דער מיניסטער סטאָליפּין געזאָגט.

אַ קאָמיסיע — איהר ווייסט, וואָס עס הייסט אין רוסלאַנד אַ קאָמיסיע? שוין אַ יאָהר צוויי, ווי מען האָט אין רוסלאַנד נישט גערעדט פון קאָמיסיעס. פון מיין קינדהייט אָן ביז איך געוועהנט געווען צו הערען ביי יעדער זאַך, אַז אָט האָט מען זי איבערגעגעבען אַ קאָמיסיע, זאָ דער לאַטיינער וויל זאָגען פון אַ זאַך, אַז זי וועט קיינמאָל נישט געשעהן, זאָגט ער: דאָס וועט געשעהן „אַד קאַלענדאַס גרעקאַס". דער יוד זאָגט אין אַזאַ פאַל: „עד שיבוא אליהו". דער רוס זאָגט: „קאָמיסיע". ווייסט איהר שוין יעצט, ווען די יודישע פראַגע זאָל ווערען ביי אונז געלעזט?

דערווייל אָבער די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָבען זייערע אַרבייטען נישט אַריינגעגעבען אין די הענד פון „קאָמיסיעס"; זיי אַרבייטען אָט שוין. אין וואַרשא זענען אין איין

טאָג געפאַלען 26 פאָליציי-מענער, און אויך אין לאָדז און אין פלאָצק און אין לובלין און אין פיעל אַנדערע שטעדט זענען אין דעמזעלבען טאָג געפאַלען פיעל פון פאָליציי. אויף סקאַלאָן, דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר פון װאַרשא, האָט מען געװאָרפען פיער באָמבעס און נאָר על-פּי-נס איז ער ניצול געװאָרען. אויף דעם פּאָליצמייסטער אין עדלעץ האָט מען געװאָרפען אַ באָר··· ···יר איז געהרג'עט געװאָרען. פון פיעל שטעדט אין איגער רוסלאַנד ······ דערגלייכען אָן אַזעלכע נאַכ-ריכטען. אויף טעג ז בער אָדער אָנהויז אָקטאָבער, װען די פויערים װעלען זיין צוריקגעקומען פון די פעלד. , זאָגט מען אָן, אַז ס'ם װעט זיך טהון עטװאָס שרעקליכעס.

װאָס אָבער געהט דאָס אַלעס אָן אונזערע מיניסטאָרען? װאָס געהט דאָס אָן אונזערע מיליטער-פיהרער? זיי זאָגען דערװייל גלייכ-גילטלעך און בעשעפטיגען זיך מיט װיצען. אַזאַ מין װיץ איז אויך דאָס דאָזיגע, װאָס איך האָב אָט װאָס געלייענט אין אַ צייטונג: צװיי אָפיצירען האָבען אַרויסגעפאָדערט דעם געװעזענעם דומאַ-דעפּוטאַט יאַקאָבסאָן אויף אַ דועל, װייל ער האָט בעליידיגט דאָס גאַנצע רוסישע מיליטער. יאַקאָבסאָן איז געװען איינער פון די דריי דומאַ-דעפּוטאַטען, װעלכע זענען געשיקט געװאָרען פון דער דומאַ קיין ביאַליסטאָק און װעלכע האָבען געזאָגט, אַז דאָס מיליטער האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם. איי-נענטליך האָבען די דאָזיגע בײדע אָפיצירען געקאָנט אַרויסרופען אויף אַ דועל אויך די אַנדערע צװיי דעפּוטאַטען, װעלכע זענען געװען אין ביאַליסטאָק. זיי האָבען אָבער אַרויסגערופען דעם יודען. דער יוד װעט דאָך מן הכתם מורא האָבען. דער יוד װעט דאָך מן-הכתם נישט קאָנען שיסען. דער יוד װעט דאָך מן הסתם זאָגען עפּעס אַ תירוץ — און אָט װעט זיין ביי װאָס זיך צו אַמוזירען. און אָבװאָהל דער דועל איז אין רוסלאַנד פערבאָטען, האָט צו דעם דועל דאָס מיניסטעריום פאָרט געגעבען די ערלויבניש. אָט מיט װאָס אונזער מיניסטעריום און אונזערע אָפיצירען בעשעפטיגען זיך אין דער פרייער צייט.

אין אַ נעכטיגער טעלעגראַם פון זיינט ליבען איך, אַז מרעפּזוו איז געגאַנגען קראַנק אויס'ן הויז. אויפ'ן דאָרף? עס קלינגט עפּעס ביי מיר גאָר נישט װאַהרשיינליך. מען מוז אָבװאַרטען װייטערע בעריכטען.

צו גוטער לעצט נאָך אַ נאַכריכט פון דער פּוילישער צייטונג „סלאָווא", וועלכע איז בעקאַנט מיט זעהרע ריכטיגע אינפאָרמאַציעס פון די העכסטע ספערען אין פּעטערבורג. דער קאָררעספּאָנדענט פון דער צייטונג ברענגט אַ געשפּרעך, וועלכעס ער האָט געהאַט מיט אַ הויכער פּערזענליכקייט פון דעם גענעראַל-שטאַב. די נאַכריכט איז אינטערעסאַנט, ווייל זי כאַראַקטעריזירט דעם כצב פון אונזער מיליטער, און אַפּילו פון די, וועלכע זענען שוין רעוואָלוציאָניזירט געוואָרען. — בשעת מען האָט גענומען אויספאָרשען די שולדיגע סאָלדאַטען פון קראָנשטאַדט פאַר דעם קריעגס-געריכט, האָט דער פּראָקוראָר בעמערקט, אַז אַלע סאָלדאַטען ענטפערען מיט איין נוסח, אַז זיי האָבען זיך געבונטעוועט ווייל „מען מוז האָבען אַ קאָנסטיטואַנטע, וועלכע זאָל געבען דעם פאָלק לאַנד און פרייהייט". דער פּראָקוראָר האָט זיך זעהר געוואונדערט איבער די דאָזיגע ווערטער אין'ם מויל פון אונוויסענדע סאָלדאַטען און האָט פּלוצלינג איינעם אַ פרעג געגעבען: ווער האָט דיך אויסגעלערענט, אַז מען דאַרף דאָס דאָזיגע? — „אַט, דאָס מיידעל האָט אויסגעלערענט", האָט דער סאָלדאַט געענטפערט בתמימות. „וועלכעס מיידעל?" האָט דער פּראָקוראָר ווייטער געפרעגט, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עטליכע מיידלעך פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען זיך אויף אַזוי ווייט מקריב געווען, אַז זיי האָבען זיך אָבגעגעבען אין די עפענטליכע הייזער, אום דאָרט זייער לעהרע צווישען דעם מיליטער צו פערברייטען. די מיידלעך, האָט דער גענעראַל מוסיף געווען, זענען אַלע, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, פון די בעסטע פאַמיליעס און דער גרעסטער טייל פון זיי זענען קורסיסטקעס.

אכטער בריעף

פון פעטערבורג קומט די נאַכריכט: עס איז פאַרהאַן אַ פּראָיעקט, די קאָנסטיטוציע אינגאַנצען גאָר אָבצושאַפען. אָט דאָס, זעהט איהר, געפעלט מיר. דאָס װעניגסטענס װעט זיין עהרליך און מענשליך און אָהן די נאַרישע פערמאַסקירונגען איך האָב שוין לאַנג געזאָגט: בעהיט מיך, גרויסער גאָט, פאַר קאָנסטיטוציע; פאַר נישט קאָנסטיטוציע װעל איך שוין, װי עס איז, זיך אַליין אויסהיטען. אין רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציע! פערשיקט װערען קיין סיביר אָדער פערמשפּט װערען צו טויט־שטראָף איז אַ קינדער־שפּיעל געגען דעם. איך האָב מורא, עס װעט קומען אַמאָל אַ צייט, אַז יענע שטראָפען װעלען אָבגעשאַפט װערען און עס װעט בלייבען נאָר קאָנסטיטוציע. מען װעט לייענען אין די צייטונגען: דער און דער איז פערמשפּט געװאָרען אויף זעקס יאָהר קאָנסטיטוציע, דער און דער אויף פופצען יאָהר קאָנסטיטוציע, דער און דער אויף לעבענסלענגליכע קאָנסטיטוציע. רבונו של עולם, װעט ד אָ ס זיין אַ שרעקליכע שטראָף!

פאַר עטליכע װאָכען, װען מען האָט די דומאַ פונאַנדערגעטריבען, האָט מען אונז געזאָגט: אַזוי װי מען האָט איינגעזעהן, אַז די דומאַ איז נישט אימשטאַנד געװען, דאָס אונרוהיגע לאַנד צו בערוהיגען, האָט מען געמוזט זי פונאַנדערלאָזען. גלייכצייטיג האָבען מיר זיך דענסמאָל דערװאוסט, אַז גאָט איז אַ דערבאַרעמדיגער גאָט און אַז אויף דער װעלט זענען נאָך פאַרהאַן גוטע מענשען. אַנשטאָט איװאַן לאָנגינאָװיטש איז געװען פּיאָטר אַרקאַדיעװיטש. פּיאָטר אַרקאַדיעװיטש סטאָליפּין האָט איבערגענומען דאָס שטיקל אַרבייט, װאָס די דומאַ האָט נישט געקאָנט: ער האָט דאָס לאַנד אָנגעהויבען צו

„בערוהיגען". דערפאר טאקי איז עס דאך ביי אונז זינט דענסמאל זעהר רוהיג. עס איז גענוג, דאכט זיך, אז איך וועל נאר נעהמען די רשימה פון די לעצטע עטליכע טעג: אט איז דער אנפאל אויף דעם װארשאװער געגעראל-גובערנאטאר סקאלאן; אט ווערט דער ראדאמער פאליצמייסטער פון א באמבע אין שטיקער צעריסען; אט פאלען אין װארשא 26 פאליציי-מענשען טויט אין די גאסען; אט איז דער שרעקליכער אנפאל אויף דעם פרעמיער סטאליפין אליין, ביי וועלכען עס ווערען געהרגעט 28 נפשות און 26 פער־וואונדעט; אט ווערט דער גענעראל פאן מין, דער קאמאנדיר פון דעם סעמיאנאװשען רעגימענט, אין העלען ליכטיגען טאג דערשאסען; אט ווערט דערהרגעט דער דערוויילינער קריעגס-גענעראל-גובערנאטאר פון װארשא, גענעראל װאנלארלארסקי; אט קומען נאך פאר טאג-טעגליך אנדערע אזעלכע צעהנדליגע פארפאלען, חוץ די איבעריגע טויזענדער מעשים פון טעראר און רויב און מארד און טויטשלאג. דאס, זעהט איהר, איז פון חתן-צד. יעצט אבער איז דאך אויך פאראן א כלה-צד: 400 מענשען, צופעליגע דורכגעהער, ווערען אין איין טאג געהרגעט אין איין איינציגער שטאדט, ווי די הינד דערשאסען; 2000 מענשען זענען אין פערלויף פון דעם נעכטיגען טאג בלויז אין װארשא ארעסטירט געווארען; אויף א האלבע שעה בין איך נעכטען ארויס אויף די גאס און בין אין פערלויף פון דער דאזיגער האלבער שעה נישט װעניגער ווי זעקס מאל רעווידירט געווארען און איך קאן גומל בענשען, אז די קאלבע פון א ביקס, מיט וועלכער מען האט מיך געוואלט מכבד זיין, האט מיך נישט געטראפען; פיער א זייגער ביי טאג ווערען ביי אונז די טויערען געשלאסען און דאס גאנצע לעבען הערט אויף אין דער גאס ארום 6–7. א קליין, לוסטיג בילד פון דעם דאזיגען לעבען ברענגט ביי אונז א נומער פון א היינטיגער צייטונג: „די גאסען זענען אבגעשלאסען. איין רעוויזיע קומט נאך דער אנדערער. די קאמוניקאציע פון דראשקעס און טראמווייען און וועליסאפעדען האט אויפגעהערט. מען ברויכט צאפיער פאר די דרוקערייי פון אונזער צייטונג און עס איז נישט מעגליך צו קריגען; די צייטונג וועט נישט ארויס. דער קליינער יונג, וועלכען מיר האבען געשיקט מיט מאנוסקריפטען אין די זעצעריי,

אין אַרעסטירט. אונזער מיניסטער־ארבייטער איז צוועק אום צביסעל נאָכריכטען פון דער גאַס צו ברענגען, און קומט נישט צוריק; ער זיצט אודאי שוין דערווייל אין אַרעסט. אַ ריינע אידילע! — זעהט איהר: און דאָס ווערט אָנגערופען „רוהיג“, אַלעס איז ברוך־השם „רוהיג“, רוסלאַנד איז גאָט צו דאַנקען „רוהיג“, דאָס לאַנד און דאָס פאָלק האָבען זיך ענדליך מיט גאָטליכער הילף „בע״ה ס״ט“ וואָס צואַ קינסטלער, אַ מיניסטער, קאָן אַלץ מאַכען!

אין אמת גערעדט: צו וואָס די נאַרישע קאָמעדיע? וועמען נוצט זיך וואָס האָבען זיי דערפון? פאַרוואָס האָבען זיי נישט דעם מוט צו זאָגען, אַז זיי האָבען אַ טעות געהאַט און זייער פּאָליטיק פיהרט נישט צום ציעל, נאָר אומגעקעהרט, עס ווערט דורך איהר אַלץ ערגער און ערגער? אָדער צי זעהען די מענשען דאָרט אויבען אין די הויכע ספערען אינגאַנצען משוגע און בלינד און מהוען אַלעס שוין נאָר אין אַ צעפלאַמטער ווילדקייט? און צי איז נישטאָ איינער, נאָר איין איינציגער קאָפּ צווישען זיי, וואָס זאָל נאָך האָבען דאָס ביסעל ליכטיגע מאַרך אין׳ם קאָפּ, און ער זאָל זיי אָנכאַפּען פאַר די האַנד און זאָל זיי זאָגען און זאָל זיי ווייזען, ווי אויף דעם וועג, אויף וועלכען זיי געהען, געהען זיי אַלץ מעהר און מעהר אין זייער אומגליק אַריין, און וואָס מעהר זיי מיינען זיך אַזוי אַרויסצודרעהען, דרעהען זיי זיך אַלץ מעהר און מעהר אַריין? איך שטעה פראָגט פאַר אַ רעטעניש. איך קלער און קלער, און קאָן מיר אַלץ נישט ערקלערען דאָס, וואָס קומט פאָר אין דעם מוח פון די דאָזיגע מענשען. און זעהט איהר: איך רעד נישט פון מענשליכקייט, איך רעד נאָר פון קלוגהייט. ווען די מענשען וואָלטען זיין קלוג, וואָלטען זיי דאָך מוזען איינזעהן, אַז זיי אַרבייטען מיט מיטלען, וועלכע פיהרען פונקט ענטגעגענגעזעצט פון דעם, וואָס זיי ווילען. איך זאָג אייך דעם אמת: פאַרצייטענס, אַז מען האָט געזאָגט „אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער“, איז דאָס געווען אַ קאָמפּלימענט, אַ וואָרט, מיט וועלכען מען האָט אויסגעדריקט, אַז דער דאָזיגער וועלכער האָט אַזאַ קאָפּ, איז אַ חריף; היינט אָבער, האָב איך מורא, ווען איך זאָל זאָגען איינעם: „דו האָסט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער“, וועט ער מיך פאַר די דאָזיגע בעליידיגונג אַרויסרופען אויף אַ דועל. זעהר

זיבציג, ווי עס ווייזט זיך אויס, מוז אזא קאפ נישט זיין. וואס זאל איך דא לאנג ברייען? איך בין שטארק חושד, אז א מיניסטער איז א זעהר נישט קלוגער מענש.

אט לייען איך, למשל, א אינטערעסאנטע רשימה אין איינעם פון די לעצטע נומערן „סאווארישטש", די סטאטיסטיק פון די געהרגעטע און פערוואונדעטע הויכע אדמיניסטראטארען אין רוסלאנד זינט דעם יאהר 1901 ביז 1906. עס איז א מורא'דיגער צעטעל, און נישט ווילענדיג פערטראכט מען זיך און מען קומט צו מאדנע געדאנקען. די רשימה איז שרעקליך לאנג, און איך האב מורא מיינע לעזער צו בעלעסטיגען; איך וויל ארויסכאפען נאר עטליכע נעמען פון דעם דאזיגען הזכרת-נשמות-צעטעל: מיניסטער באגאליעפאוו, מיניסטער סיפיאגין, גובערנאטאר באגדאנאוויטש, גענעראל-גובערנאטאר באבריקאוו, וויצע-גובערנאטאר אנדרעיעוו, מיניסטער פלעווע, פירשט נאק שידזע, גרויספירשט סערגיי אלעקסאנדראוויטש, גראף שוואלאוו, גענעראל-גובערנאטאר זשעלטאנאווסקי, גובערנאטאר סלעפצאוו, אדמיראל קוזמיטש, מיניסטער סאכאראוו, אדמיראל טשוכנין, געהילפס-גענעראל-גובערנאטאר מארקגראפסקי, גובערנאטאר בלאק, פירשט אבאלענסקי, גובערנאטאר פאן וויל, פירשט גאליצין, גובערנאטאר מיאסאיעדאוו, אבער-פאליצמייסטער נאלקען, גובערנאטאר גענעראל סאקאלאווסקי, גובערנאטאר קלינגענבערג, גובערנאטאר באראן קארף, גובערנאטאר כוואסטאוו, גענעראל-גובערנאטאר סקאלאן, פרעמיער סטאליפין, קאמאנדיר פאן מין און נאך און נאך. — ווי געזאגט: די דאזיגע רשימה, פון וועלכע איך האב דא נאר א קליינעם ברוכטייל געבראכט, ברענגט, נישט ווילענדיג, צום פערטראכטען זיך און מען קריגט עפעס מאדנע געדאנקען. און אט דא פרעג איך מיך: קומט נישט פאר, אז א פרעמיער זאל אויך צמאל עפעס קומען צו אזא מין בעטראכטען זיך און זאל מאכען א חשבון-הנפש און זאל מיט איינמאל וויסען און פערשטעהן, וואס עס טהוט זיך? דאכט זיך, עס מאכט זיך אמאל ביי א מענשען א שטילע, שוואכע, מענשליכע שעה, בשעת בין-השמשות אדער דערגלייכען, מען זיצט און מען טראכט פון קראנקע, פערוואונדעטע קינדער אדער דערגלייכען. מען האלט פאר זיך די אויבען דערמאהנטע רשימה אדער דערגלייכען. און פלוצלינג זאגט

מען דיך: שטעה איך נישט אויף דעמזעלביגען פונקט, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען אַלע מיינע פאָרגענגער ביז היינט, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס יעצט איז אַלעס געוואָרען טויזענדמאָל ערגער און געפעהרליכער? בין איך נישט אָנגעקומען, נאָך דעם גאַנצען דרעהען זיך, ווידער ביז צו דער שטעלע, אויף וועלכער עס האָט געהאַלטען כלעווע עליו השלום פאַר פינף יאָהר? און אַלע מיינע אויפטהועכצער, די צעהנטויזענדער אַרעסטען און די טויזענדער הרוגים און די צָפענע און בעהאַלטענע פּאָגראָמען און די אַלע אַנדערע „ליבעראַלע רעפאָרמען", זענען עס נישט דיזעלביגע, מיט וועלכע עס האָבען געאַרבייט אַלע מיינע פאָרגענגער זינט צעהנדליגער יאָהרען? און האָבען זיי עפעס דערגרייכט? און האָב איך עפעס דערגרייכט? און בעלעהרט מיך נישט דער אָנפאַל אויף פּאָן-מין און אויף סטאָליפּין און אויף סקאַלאָן און אויף וואַנלאַרלאַרסקי און אויף צעהנדליגער אַנדערע, אַז דאָס אַלעס איז אַ פערפעהלטע טאַקטיק און האָט גאָרנישט גענוצט? און בעלעהרט מיך נישט די לאַנגע רשימה פון די אָנפאַלען זינט 1901 ביז 1906, אַז דורך אונזערע מיטלען איז די רעוואָלוציע גאָרנישט געוואָרען שוואַכער, נאָר אַדרבא, נאָך יעדער פערשטאַרקטער רעפרעסיע איז זי אַלץ געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער? און נוצט מיר עפעס, ווען איך בין מודיע, אַז „די רעדעלפיהרער און אויך זעהר וויכטיגע פּאַפּירען זענען אַריינגעפאַלען אין אונזערע הענד", ווען מיט אַ טאָג שפּעטער קומט אַרויס דער אמת, אַז עס זענען דאָ אָנשטאָט איין רעדעלפיהרער צעהן נייע און עס זענען ביי זיי דאָ אַלעמאָל נייע פּאַפּירען און נייע סודות? — וואָלט נישט אפשר גלייכער זיין, אַז איך וואָלט אויפגעגעבען אונזער גאַנצע אַלטע טאַקטיק און וואָלט אפשר פּרובען אומגעקעהרט?

אַזוי, זעהט איהר, וואָלט איך טראַכטען, ווען איך וואָלט זיין מיניסטער. איך בין עס אָבער נישט, אָבוואָהל מיין קאָפּ איז אויך נישט עפּעס אַזוי איי איי. מיניסטאָרען טראַכטען נישט אַזוי, אָדער טראַכטען איבערהויפּט נישט. יעדענפאַלס זענען זיי נישט אים-שטאַנד אורזאַך און פאָלגע, סיבה און תולדה, צו דערקענען. זיי שטרענגען זיך אָן מיט זייער גאַנצער קראַפט, ווי עס ווייזט זיך אויס, אַלעס צו טהון, אום די רעוואָלוציע מיט זייערע אייגענע הענד

אַלץ גרעסער און גרעסער צו מאַכען. ווען די רעוואָלוציאָנערען וועלען אמאָל טיילען אָרדענס, וועלען די רוסישע מיניסטאָרען זיין די ערשטע, וועלכע וועלען קריגען פון זיי אַזעלכע אָרדענס, ווייל זיי האָבען פאַר זיי אַזוי גוט געאַרבייט.

דאָס נייעסטע שטיקעל קלוגע אַרבייט פון אונזערע מיניסטאָרען איז די נייע אינערע אַנלייהע פון 50 מיליאָן רובעל. נאָך אַזאַ זיצג און דער שטאַאַטס-באַנקראָט איז פערטיג!

נייגעי בריעף

רוסלאַנד און — — אַ יודען־פראַגע. גאָט האָט אויך שוין נישט געהאַט עפּעס בעסערס צו טהון, ווי צו נעהמען זעקס מיליאָן יודען און זיי אַריינשטופּען אין דעם דאָזיגען איידעלען לאַנד. עס איז דאָסזעלביגע געשעפט, וואָס די קלוגע באַנקירען פון אויסלאַנד האָבען געמאַכט, וועלכע האָבען זיך אַריינגערוקט אין רוסלאַנד מיט זייערע מיליאַרדען. דאָס האָט נאָך געפעהלט דעם דאָזיגען געראָכטענעם און קלוגען און פיינעם לאַנד! אַ פראַגע, וואָס פיעל בעסערע און געניאַלערע פעלקער האָבען ניכט געוואוסט מיט איהר זיך אַן עצה צו געבען — און אָט וויל די בלינדע וועלטגעשיכטע, אַז דער שווערפּונקט פון אַזאַ געוואַלדיגער פראַגע זאָל גראָד אַריינפאַלען אין די איידעלע הענד פון דעם איידעלען פאָלק פון רוסלאַנד. איידעל ווי איידעל, נאָר קלוג וועט דאָך רוסלאַנד כּותר זיין די פראַגע. זי וועט זי לעזען פאָ רוסקי, קורץ און שאַרף על־פּי חכמת יון. עס הויבט אָן צו שווינדלען פאַר די אויגען, אַז מען בערעכענט די לאַגע פון זעקס מיליאָן מענשען, וועלכע זענען סוף־כל־סוף דאָך „אויך" מענשען. עס פערגעהט איינעם די אמונה אין מענשליכקייט, ווען מען איבערלעגט זיך, וואָס דאָס אויסלענדישע אייראָפּא טהוט פאַר די דאָזיגע אומגליקליכע. טויזענדער יודען ווערען געשאָכטען. פון די אונצעהליגע טויזענדער מענשען, וועלכע זענען אין די לעצטע וואָכען געשאָסען און געהאָנגען און גלאַט געטויט געוואָרען, זענען 80 פּראָצענט יודען. צעהנטויזענדער יודען לויפען, וואוהין די אויגען טראָגען זיי. די בהלה פון דער עמיגראַציע איז אַזוי גרויס געוואָרען, אַז מיר האָבען שוין נישט קיין גענויע ציפער. פון ביאַליסטאָק אַליין זענען 20,000 יודען אויסגעוואַנדערט. „די יודישע בעפעלקערונג", שרייבט אַ יודישע צייטונג, „איז אויף אַזויפיעל שיטערער געוואָ־

רען, אַז דאָס איז בעמערקט עס שוין; עס זענען ליבעראַלע געוואָרען גאַנצע גאַסען". פון קיעוו אַליין זענען אין דער לעצטער וואָך אַרויסגעפאָהרען 500 פאַמיליעס. פון ליבוי מעלדעט מען, אַז פון דעם דאָרטיגען פאָרט זענען אַרויסגעפאָהרען אין פערלויף פון נאָר פיער טעג — 1600 יודען. און דאָס מערקווירדיגע פון דער זאַך איז, אַז די רעגירונג, וועלכע האָט ביז איצט די עמיגראַציע גערעכענט פאַר אַ פערברעכען, האָט אָנגעהויבען פּלוצלינג זי צו בעגינסטיגען, אַזוי אַז זי טהוט איצט כל המעגליכקייטען, אום די עמיגראַציע לייכט צו מאַכען. יעדען, ווער עס וויל עמיגרירען, ווערט אַרויסגעגעבען אַ פּאַספּאָרט אין יעדען רוסישען פאָרט אין 24 שעה. דער פּאַספּאָרט ווערט אַרויסגעגעבען אומזיסט. אינ'ם אייזענבאַהן-מיניסטעריום איז די טעג געגעבען געוואָרען אַ פעראָרדנונג, אַז מען זאָל אָנווענדען אויף די באַהנען אין די צפון-מערבדיגע געגענדען אַלע נויטיגע מיטלען אויפצונעהמען מאַסען-עמיגראַנטען. עס וועלען אַלזאָ מאַסען עמיגרירען — און מיט די איבריגע פינף מיליאָן און עטליכע הונדערט טויזענד וועט מען זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבען. דערווייל לאָזט מען די שוואַרצע מאות ווידער קיניגען ביד רמה. דערווייל לאָזט מען זייער „ליטעראַטור" בהכשר הרב דפה ווידער בליהען. דערווייל לאָזט מען עפענטליך מאַכען פאָרבערייטונגען צו וויס-גאָט-וואָס. עפּעס איז די לופט אַרום אַ לופט פון ערב פּאָגראָמען אין גרויסען סטיל. מיט אַ קלייניגקייט פון פינף מיליאָן מענשען וועט מען שוין פערטיג ווערען!

איבריגענס, האָט איינער פון אונזער „זעהר ליבעראַלען" מיניסטעריום, דער מיניסטער פון אַקערבוי, וואַסילטשיקאָוו, גאַנץ אָפּענהערציג שוין ערקלערט אין איינעם פון די לעצטע טעג, אַז די איינפאַכסטע עצה צו לעזען די יודען-פראַגע איז, אַזוי צו מאַכען ווי אין רומעניען, דאָס הייסט, אַרויסצוגעבען אַ געזעץ, אַז אַלע יודען זיינען — פ ר ע מ ד ע. זעלבסטפערשטענדליך האָט מען זיך אין די הויכע ספערען, און נאָך זיי אויך די „נאָוואָיע וורעמיאַ", אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיגען פּלאַן, ווי אין אַ הייס געבראָטענס. איבערלעגט אייך נאָר, וואָס מען וויל: זעקס מיליאָן רוסישע אונטערטאַנען זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס פרעמדע. און דאָס געשעהט אינ'ם יאָהר

1906, און דאָס װערט געמאַכט, אָדער אָפּילו נאָר גערעדט, אין גע-גענוואַרט פון גאַנץ אייראָפּאַ!

די אויסרייד, וואָס זיי זאָגען, איז, דאָס די רעוואָלוציע ווערט הויפּטזעכליך געמאַכט פון יודען. נאַטירליך, ווען דאָס דאָזיגע וואָלט אפילו זיין אמת, וואָלט עס אויך, דאַכט זיך, קיין עוולה נישט זיין; אויך אַ וואָרעם קרימט זיך, ווען מען טרעט איהם. בפרט אָבער וואָס די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען. — אָט האָב איך פאַר מיר גראָד ליעגען אַ זעהר אינטערעסאַנטען סטאַטיסטישען חשבון: זינט דעם 24-טען נאָוועמבער 1905 ביז צום 24-טען אויגוסט זענען 12.692 מענשען פערשיקט געוואָרען אויף אַדמיניסטראַטיווען וועג. אין דער דאָזיגער צאָהל געפינען מיר 972 יודען. דאָס הייסט אַלזאָ 7.6 פּראָ-צענט פון דער אַלגעמיינער צאָהל. איז דאָס נישט ווידער אַ בלבול, ווי די הונדערט איבעריגע בלבולים?

זעלבסטפערשטענדליך ווייסען נאָר מיר אינ׳ם לאַנד דאָס, וואָס עס טהוט זיך אמת׳דיג אָב מיט יודען; דאָס אויסלאַנד אָבער קריגט גאָר עפּעס אַנדערש צו הערען. דער זעהר זעהר ליבעראַלער פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, ווען ער קריגט עפּעס אָן אַ קאָרע-ספּאָנדענט פון אַן׳אויסלאַנדס-צייטונג, דאָ שיטען זיך איהם פּערל פון מויל. אָדער קומט צו איהם צוגעהן עפּעס אַ דר. פּויל נאַטהאַן, אַ יוד אַ דייטש, וואָס קוקט איהם אין מויל אַריין און גלויבט שטאַרק, דאָ רעדט מען נאַטירליך גאָר אַנדערע דבורים. דאָ רעדט מען דער-פון, אַז די ערשטע אַרבייט, מיט וועלכער די רעגירונג וועט זיך פער-נעהמען, וועט זיין רעפאָרמען פאַר די אומגליקליכע יודען. דערוויל וועט מען זיי געבען אַ הונדערט נייע דערפער, וואו זיי וועלען מע-גען וואוינען; אָדער מען וועט צולאָזען אַ צוואַנציג, דרייסיג נייע יודישע בחורים צו די אוניווערזיטעטען; אָדער מען וועט אָנהויבען צו רעדען דערפון, אַז אינ׳ם גענעראַלשטאַב בעשעפטיגט מען זיך גראָד איצט מיט דער פראַגע, צוצולאָזען יודען צו ווערען אָביצירען; אָדער — ווען מען וועט גראָד האַלטען דערביי, צו מאַכען אַ הקדמה צו אַ נייער הלואה — וועט מען מבטיח זיין נאָך און נאָך; מען וועט אפילו נישט צוריקשרעקען פון מבטיח זיין, צו געבען יודען אויטאָ-נאָמיע אין רוסלאַנד. נאַטירליך וועט אַזאַ פּרעמיער-מיניסטער נישט

פערגעסען מוכיח צו זיין, אַז די הויפּט-רעכאַרמען וועט ערשט די צו-קונפטיגע דומא אַרויסגעבען. איך וועט ער ניט בערגעכען צו זאָגען, אַז מען האָט מורא צו געבען אַלע רעפאַרמען מיטאַמאָל, „ווייל דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק וועט זיין דאַגעגען, ז.ה. בלוט וועט זיך גיסען אין די גאַסען".

די דאָזיגע תשובה איז ניט כטאָליפּינס חכמה. איינ׳ם פאָריגען יאָהר האָט אַזוי גע׳טענה׳ט וויטע. פאַר 25 יאָהר האָט אַזוי גע׳טענה׳ט איגנאַטיעוו. פאַר 50 יאָהר האָט אַזוי גערעדט מורַוויאָוו. און ניט נאָר אין רוסלאַנד, ניין: איך קען נישט קיין איינציגען פאַל פון אַ גלייכבערעכטיגונגס-פראַגע, וואו מען זאָל נישט זיין געקומען מיט דער דאָזיגער קלוגער טענה. אַזוי האָט מען גערעדט פאַר דעם יאָהר 1848 אין דייטשלאַנד, אַזוי האָט מען גע׳טענה׳ט דענסמאָל אין עסטרייך, אַזוי האָט מען גערעדט נאָך אינ׳ם יאָהר 1830 אין פראַנקרייך און אַזוי האָט מען געזאָגט דעם תירוץ זאָגאַר אין דעם קלוגסטען פון אַלע לענדער- אין ענגלאַנד.

מען קען צוזעצט ווערען פאַר כעס, אַז מען זעהט ווי איין נאַרישקייט קען זיך איבערחזרן הונדערט מאָל. אָבוואָהל נאָך יעדען בעזונדערען מאָל קומט דער אמת און ווייזט, ווי נאַריש דאָס גאַנצע איז געוועזען — און פאָרט נעהמט מען זיך דערכון נישט אַרויס קיין מוסר פאַר דעם נעכסטען פאַל. הונדערט מאָל איז מען געקומען מיט דעם דאָזיגען אויסגעבלאָזענעם תירוץ, און איך קען נישט קיין איינציגען פאַל פון אַ געגעבענער עמאַנציפּאַציע, נאָך וועלכער דאָס פאָלק זאָל זיין געוועזען דאַגעגען און בלוט האָט זיך דערפאַר געגאָסען אין די גאַסען. און פאָרט דערוועגען זיך מענשען צו קומען אַלעמאָל אויפסניי מיט דער דאָזיגער באַיקע, און קיינער שפּייט זיי ניט דערבאַר אַי פּנים אַריין.

איך קען אַ זעהר אינטערעסאַנטען פאַל אין ענגלאַנד, וועלכער שטעכט פראָסט אין די אויגען אַריין, אַזוי בולט איז ער, און דער דאָזיגער פאַל איז זעהר בעלעהרענד. ווייל דאָס דאָזיגע כאַפּיטעל איז אָבער עפּעס צו לאַנג, וועל איך עס מוזען איבערלאָזען אויף דאָס נעכסטע אָדער איבערהויפּט אויף אַן אַנדער מאָל.

בין כך וכך געהט די רעוואָלוציע אַלץ ווייטער און ווייטער. דער פרעמיער טענה'ט: זאָל זיך איינשטילען די רעוואָלוציע, וועל איך געבען אַלע מיינע ליבעראַלע רעפאָרמען; און דער צד השני טענה'ט: זאָל מען אונז געבען רעפאָרמען, וועט דער טעראָר אויפהערען. און אַזוי גלייכוועטלען זיך די ביידע צדדים, און דערווייל פליסט דאָס בלוט אין אַלע גאַסען. אַלע מתנות פון אַ מאָדערנער קולטור געהען צו גרונד. שולען און אוניווערזיטעטען זענען געשלאָסען, האַנדעל און אינדוסטריע הערען גענצליך אויף, די אונמענשליכסטע לײדענשאַפטען און אינסטינקטען זענען צעפלאַמט און מאָרד און רויב און אָנפאַלען זענען געוואָרען די געוועהנליכסטע ערשיינונגען פון'ם טעגליכען לעבען. מיט אַן'אונגעהויערער געשווינדקייט פערשפּרייט זיך די אַנאַרכיע איבער דעם גאַנצען לאַנד און נעהמט אַרום וואָסאַמאָל מעהר נייע געגענדען און נייע ספערען פון דער געזעלשאַפט. אין קאַווקאַז און אין די באַלטישע פּראָווינצען, אין פּוילען און אין ניי-רוסלאַנד, אין גרויס רוסלאַנד, קליין-רוסלאַנד, סיביריען און אינ'ם ווייטען מזרח, איבער דעם גאַנצען ריעזענהאַפטען לאַנד, אומעטום, וואו די רוסישע ביוראָקראַטיע קיניגט, שפּרייט זיך אויס די שרעקליכע אַנאַרכיע און מאַכט אַ סוף צו דער גאַנצער איינהיימישער קולטור. דערווייל האָט די ביוראָקראַטיע אויך איהר געפעהרליכסטען שריט געמאַכט: זי האָט פערעפענטליכט דאָס געזעץ פון אַ פעלד-געריכט. און די תשובה דערויף וועט מכתמא נישט לאָזען לאַנג אויף זיך וואַרטען: מאַסען-באָמבעס וועלען געוואָרפען ווערען און אינ'ם לאַנד וועט באַלד אויפפלאַמען דאָס אונאויסלעשליכע פייער פון דעם שרעקליכסטען פון אַלע שרעקען — פון אַ בירגער-קריעג.

צום סוף נאָך אַ שעהן מעשה'לע: דער אָדעסער גענעראַל-גובערנאַטאָר, גענעראַל קאַראַנגאָזאָוו, איז פּלוצלינג פּאַראַליזירט געוואָרען. זיינע הויז-לייט האָבען דורך דעם טעלעפאָן אָנגעהויבען אַרויסצורופען צו איהם דאָקטוירים, נאָר צופעליג איז קיינער פון די קריסטליכע דאָקטוירים נישט געווען אין דערהיים. דאָ האָבען זיך די דאָזיגע מענשען געוואָלט ווענדען צו יודישע דאָקטוירים, צווישען וועלכע עס געפינען זיך צופעליג די גרעסטע ספּעציאַליסטען פון דער דאָזיגער קראַנקהייט. נאָר דער קראַנקער גענעראַל האָט באין אופן

נישט געוואָלט אָננעהמען הילף פון „יודען". דאָ האָט מען זיך גע־ווענדעט צו דער סטאַציע פון גיכער הילף, האָט זיך אָבער אַרויס־געוויזען, אַז דאָרט זענען צופעליג געווען אויך נאָר יודישע דאָק־טוירים, און נאַטירליך האָט דער גענעראַל נישט געוואָלט אָננעהמען די הילף אויך פון דאָרט. אָט דאָס הייסט: יהרג ואל יעבור!

קאָן מען נישט מיינען, אַז מען לעבט אין מיטעל־אַלטער? און איז עס נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסלאַנד, אַז אַזא מענש דווקא איז גענעראַל־גובערנאַטאָר?

צעהנטער בריעף

אַך, וואָס פאַראַ פירכטערליכע טעג! און נישט די, וועלכע שטעהען אין סידור און אין מחזור — ניין! די מענשען ווען זיי מאַכען „ימים נוראים", מאַכען זיי נאָך גאָר אַביסעל אַנדערש, ווי די וועלכע שטעהען געדרוקט. מיט ביקסען־קוילען און מיט אַרמאַטען־קאַרטאַטשען און מיט פייער־פלאַמען מאַכען זיי זיי. צו „תשליך" געהען זיי צו טייכען בלוט. די, וועלכע פאַלען „כורעים", שטעהען נישט מעהר אויף. אַך, וואָס פאַראַ פירכטערליכע טעג דאָס זענען ווידער געוועזען! דער פּאָגראָם אין שעדלעץ איז דער פירכטערליכסטער וועלכער איז ביז היינט געוועזען. מיין לעצטען „בריעף" האָב איך געענדיגט מיט די ווערטער, אַז „די לופט אַרום שמעקט מיט ערב־פּאָגראָם", און ווערענד איך האָב געשריבען די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך שוין דאָרט געגאָסען דאָס בלוט און די הייזער זענען שוין געשטאַנען אין פלאַמען...

אין זינען האָב איך געהאַט דאָסמאָל מיינע לעזער אַביסעל יום־טוב־שטימונגען צו ברענגען. אָבער ווי קאָן מען דאָס אין רוסלאַנד? מען ווייס קיינמאָל נישט, וואָס הינטער איינעם געהט. דער מענש דענקט און — אַ פּאָגראָם לענקט. אַ מינוט שפּעטער רוקט זיך אַריין אַ שעדלעץ. און דו מוזט שוין ווידער בלייבען ביי דיין אַלטען טעמאַ און דו מוזט שוין ווידער שטעהן אויף דיין פּאָסטען און דיין בעריכט געבען און דיין פליכט ערפילען. אַך, איז דאָס אַ פּאָגראָם געוועזען! עס איז אַ שווערע אויפגאַבע, אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט צו זיין עדות און צייטגענאָסע פון מעשים פון דעם ווילדעסטען מיטעל־אַלטער. אָפט שעהמט מען זיך און מען האָט דאָס געפיהל, ווי מען וואָלט זיך מוזען שפייען אַליין אין פנים אַריין. און נישט נאָר, ווייל מען זעהט די, וועלכע מאַכען די פּאָגראָמען, נאָר ווייל מען

זעהט די, וועלכע שטעהען אין גאַנץ אייראָפּאַ אַרום און קוקען צו און האַלטען די הענד אין די קעשענעס און טהוען גאָרנישט און רעדען מיר פון פּאָליטיק און פון דיפּלאָמאַטיע, וואָס ערלויבען זיי נישט צו טהון. און יעצט וועט ווידער קומען דער „הילפס-פעראיין" אין בערלין און וועט שיקען טעלעגראַמען אַהין און אַהער; און יעצט וועלען ווידער קומען די גוטע מענשען און וועלען שיקען נדבות, „נדבות אויף שעדלעץ", עטליכע הונדערט טויזענד רובעל; און יעצט וועט מען ווידער מאַכען מיטינגען און האַלטען רעדעס און הויפטזעכליך אָבגעבען „פּראָטעסטען"; און יעצט וועט מען ווידער אין עטליכע פּאַרלאַמענטען די שעדליכער מעשה דערמאָהנען און די בעקאַנטע „אונצופרידענהייט" אויסדריקען — און אַלעס וועט בלייבען ביים אַלטען; און די זון וועט אויפגעהן און די זון וועט אונטער-געהן, און אַ נייער טאָג וועט ווערען און אַ נייע נאַכט, און מענשען וועלען האַנדלען און מענשען וועלען וואַנדלען, — ביז עס וועט פּלוצ-לינג ווערען דער נעכסטער פּאָגראָם; און דאַן וועט ווידער קומען אַ הילפס-פעראיין און ווידער נדבות און ווידער פּראָטעסטען און ווי-דער די בעקאַנטע אונצופרידענהייט אין עטליכע פּאַרלאַמענטען — און אַזוי וועט מען ביסלעכווייז דאָס ביסעל יודען אין רוסלאַנד (סך-הכל נאָר 6,000,000) אויסקוילען, און דאָס געוויסען פון אייראָפּאַ וועט אַלץ נאָך זיין רוהיג. און אפשר בין איך מיך גאָר איינגאַנצען טועה, און אַפילו דאָס ביסעל גערודער פון אַ הילפס-פעראיין און פון נדבות און פון מיטינגען און פון פּראָטעסטען וועט אויך שוין נישט זיין — דען אונזער שליח-צבור, די דומא, וועלכע האָט געמאַכט דאָס לעצטע מאָל דאָס ביסעל גערודער, איז אויך שוין נישטאָ.

דער פּאָגראָם אין שעדלעץ איז געווען דער שרעקליכסטער פון אַלע, וואָס זענען ביז יעצט פּאָרגעקומען, אַזוי ווי דער פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק איז געווען דער שרעקליכסטער פון אַלע ביז צו איהם. דאָס ליעגט שוין אין דער נאַטור פון דער זאַך. עס איז אַ מין אַלקאָהאָליזם; דער טרינקער מוז האָבען וואָסאַמאָל אַ גרעסערען קוואַנטום און וואָסאַמאָל אַ שטאַרקערען גראַד. אין שעדלעץ — אין אַ שטעדטעל פון נאָר עטליכע און דרייסיג טויזענד איינוואוינער — האָבען מיר דערוויל 142 הרוגים (כמעט אַלע יודען!), 450 פערוואונ-

דעטע (כמעט אַלע יודען!) און דערצו נאָך 230 אַרעסטירטע (כמעט אַלע יודען!). רוסלאַנד, דאָס גרויסע, מעכטיגע לאַנד, האָט געמאַכט ריעזענהאַפטע פאָרטשריט — איך מיין דאָס, אויף דעם געביעט פון פּאָגראָם-מאַכעריי. אויך זיין מיליטער האָט געמאַכט גרויסע פאָרטשריט — זינט דער מלחמה מיט יאַפּאַן; זיי הויבען שוין אָן צו זיעגען איבער גאַנצע שטעדט, און ווען זיי קאָנען, זאָלען זיי שטעלען זיך אויף זייערע זיעגען.

פאַר צוואַנציג, פאַר עטליכע און צוואַנציג יאָהר, ווען זיי האָבען געמאַכט אַ פּאָגראָם, זענען זיי צוגעטרעטען צו איהם אַביסעל פערשעהמט; זיי האָבען אַרויסגעשטעלט אַ נאָמען „באָסיאַקעס" (באָרוועסע, יחפים) און די דאָזיגע האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען צעבראָכען די מעבעל, צעשאָטען די פעדערען, צעראַבירט די סחורות, און די פּאָליציי און דאָס מיליטער פלעגען אָנקומען אַלעמאָל צו שפּעט; אויך פלעגט מען אַלעמאָל מאַכען עפּעס אַ שטיקעל אויסרייד צום פּאָגראָם: אַ יוד האָט זיך געשלאָגען מיט אַ פּויער, אַ גויה האָט געכאַפּט ביי אַ יודינע אַן איי פון איהר קיישעל אַרויס וכדומה, און אויך פלעגט מען די „שולדיגע" שפּעטער משפּט'ען און פער'משפּט'ען למראית עין. דאַן איז געוועזען אַ פאָרטשריט: מען האָט זיך ניט מעהר בענוגענט מיט מעבעל און סחורות, נאָר מען האָט זיך שוין גענומען אויך צו נפשות; אָבער אַן אויסרייד האָט נאָך אַלץ געמוזט זיין: מען האָט געשאָסען אין קייזערס בילד, מען האָט געשטערט אַ הייליגע פּראָצעסיע וכדומה, און אויך אַ משפּט האָט נאָך אַלץ געמוזט זיין, און אויך וועגען פּאָליציי און מיליטער איז אַלעמאָל געוועזען אַ נאַכריכט, אַז זיי האָבען בשום אופן נישט געקאָנט דאָס צעפּלאַנטע פאָלק איינהאַלטען און איינשטילען. דאַן ווייטער איז געקומען די צייט פון כוליגאַנעס: אַריינגעקלאַפּטע נעגעל אין די מחית, אויסגעשטאָכענע אויגען, צעריסענע קינדער, טויזענד מיתות משונות, געשענדעטע מיידלעך און נאָך און נאָך, און דאָס מיליטער פלעגט שטעהן און קוקען און גאָרנישט טהון. און דאַן פלעגט קומען אַ קאָמיסיע פון פּעטערבורג, און דאַן פלעגט זיך שטענדיג אַרויסשטעלען, אַז דאָס מיליטער און די פּאָליציי נעבעך זענען נישט שולדיג; העכסטענס האָט מען דעם גובערנאַטאָר אָדער אַן אַנדערען

הויכען בעאַמטען אָבגעזאָגט פון זיין שטעל און איהם איבערגעגעבען אַ העכערע שטעל. דאַן ווידער זענען געקומען נייע צייטען מיט אַ נייעם פאָרטשריט: די פּאָליציי און דאָס מיליטער האָבען עפּעס'יך אָנגעפיהרט דאָס ביסעל חברה כוליגאַנעס (און על־פּי רוב האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס ביסעל כוליגאַנעס זענען אויך נאָר געווען פערקליידעטע מיליטער־לייט אָדער פּאָליציסטען!), און מען האָט געראַבעוועט און געקלאַפּט נעבעך און געריכטען קינדער און געשענדעט מיידלעך — און אַנ'אורזאַך, אַ שטיקעל אויסרייד, האָט נאָך אַלץ געמוזט זיין. דאַן אָבער איז געקומען דאָס נייעסטע: מען ברויכט שוין גאָר קיין אויסרייד נישט, מען ברויכט אויך שוין נישט דאָס ביסעל כוליגאַנעס מפּני מראית־עין; דאָס מיליטער בכבודו ובעצמו, מיט אָפיצירען און מיט אַ קאָמאַנדיר און מיט זאַק און פּאַק בעפאַלט אַ שטאָדט און נעהמט זיך צו דער אַרבייט, זי אויסצוראַטען ביז אויף דאָס לעצטע שטיקעל, אין געגענווארט פון גאַנץ אייראָפּאַ. זיי ראַבירען די קראָמען און רופען עס „קאָנפיסקירט די סחורות"; זיי צעשיכען אַ שטאָדט און רופען עס „מען זוכט רעוואָלוציאָנערען; זיי צינדען הייזער און פערברענען זיי און רופען עס... איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס. דאַכט זיך, „זיי ווילען צווינגען די רעוואָלוציאָנערען, זיך אונטערצוגעבען". און דערביי איז די דאָזיגע שטאָדט אַ שטאָדט, וועלכע איז אָנגעפּראָפּט כמעט נאָר מיט חסידישע מענשען, אַ כשר יודיש שטעדטעל, וועלכעס ווייס כמעט גאָרנישט, וואָס רעוואָלוציע איז.

שבת־צו־נאַכטס 9 אַ זייגער. דאָס גאַנצע שטעדלעך שלאָפט שוין כמעט. פּלוצלינג הויבט זיך אָן די באָמבאַרדירונג. מען בעשיסט די הייזער. מען שיסט 36 שעה אָן אַנ'אויפהער. כלומרשט זאָגט מען נאָך עפּעס אַ שטיקעל תירוץ, אַז מען האָט פון אַ הויז אַרויסגעשאָסען אויף אַ סאָלדאַט (ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט איז דער דאָזיגער שיכער געווען אַ רוסישער בעאַמטער, אַ רעכטסגלויביגער!) די קאָמוניקאַציע מיט דער וועלט אַרום שטעדלעך ווערט אינגאַנצען אונטערבראָכען. אַ מיליטער־קאָרדאָן נעהמט אַרום די שטאָדט אַרום און אַרום און לאָזט קיינעם נישט אַרויס און לאָזט קיינעם נישט אַריין. די אייזענבאַהן־פערבינדונג הערט אויף. דער טעלעגראַף און

דער טעלעפאָן ווערט איבערגעריסען, און נאָר דאָס מיליטער קאָן זיי געבראָכען. שעדלעץ ליעגט צוויי שעה פון וואַרשא, און אין וואַרשא חיים מען נישט, וואָס עס טהוט זיך דאָרט. מען ווייס נאָר, אַז עפּעס שרעקליכעס קומט דאָרט פאָר: די גאַנצע שטאָדט ברענט; די גאַנצע שטאָדט ווערט ביסלעכווייז אויסגעקוילעט. עפּעס אַ מין שכם, וואָס מען האָט אויסגעקוילעט גאָר אינגאַנצען. זענען דאָרט 50 הרוגים? זענען 500? זענען 1000? — עפּעס אַיין צייטונג האָט שוין טאַקי געהאַלטען ביי טויזענד. די רעדאַקציעס פון וואַרשא שיקען אַרויס זייערע מענשען, די דאָזיגע מענשען ווערען אָבער אין די שטאָדט נישט אַריינגעלאָזען; זיי זעהען נאָר רויך-וואָלקענס און הערען נאָר דאָס פייפען פון די ביקסען-קוילען. פלוצלינג הערען זיי אויך קאַרטאַטשען פון קאַנאָנען. און פלוצלינג נאָכ'ן פערלויף פון עטליכע טעג, הויבט זיך די סיטואַציע אָן צביסעל אויפצוקלערען: הרוגים זענען דאָ גאָט זיי דאַנק נישט מעהר ווי 142, פערוואונדעטע 450 און אין די געפענגענישען ליעגען נאָר אַ שטיקלעך 280.

און דאַן הויבען זיך אויך אָן ביסלעכווייז די מעשות פון דאָרט צו הערען: אַ מעשה פון אַ יודיש שפּיטאָל מיט קראַנקע, וועלכעס מען האָט אונטערגעצונדען (אַז אַ יאַפּאַנישע קויל האָט אויף אַ שטרעקע פון 400 אַרשין געטראָפען צופעליג אַ רוסישען לאַזאַרעט, האָט מען געמאַכט אין גאַנץ אייראָפּאַ אַ געוואַלד וועגען די אונמענשליכע אַזיאַטען!) אַ מעשה פון אַ יוד, אַ גערטנער, וועלכען מען איז בעפאַלען א מען האָט איהם דערשטאָכען און מען האָט אויף זיין קערפּער אָוועקגעשטעלט אַ טיש, ביי וועלכען מען האָט זיך אָוועקגעזעצט עסען רוהיג אַ סעודה פון פּירות פון דעמזעלביגען גאָרטען; אַ מעשה פון אַ יוד, וועלכער איז געלעגען מיט זיינע קינדערלעך בעהאַלטען אין אַ קעלער 36 שעה און די קינדערלעך זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט, און אַז דער יוד האָט דעם צער שוין נישט געקאָנט מעהר צוזעהען און האָט זיין לעבען געשטעלט אין סכנה און איז געגאַנגען די גאַנצע גאַס ביז צו אַ ברונען, האָט מען איהם דאַן געכאַפּט און מען האָט איהם פאַר אַ שטראָף געלאָזען עלף מאָל געהן אַהין און צוריק איבער דער דאָזיגער גאַס אונטער דעם רעגען פון קוילען, און צום סוף האָט מען איהם די קרוג צעבראָכען און

די קינדערלעך האָט מען געלאָזט שמאַכטען חייטער פאַר דורשט; אַ מעשה פון אַ יודענע, וועלכע האָט זיך מיט איהר קינד ביי דער ברוסט אין אַ שטאַל פערגראָבען, און אַז דאָס קינד האָט פלוצלינג אָנגעהויבען וויינען און די מאַמע האָט מורא געהאַט, דאָס געוויין זאָל נישט אויסזאָגען זייער בעהאַלטענעם אָרט, האָט זי מיט דער האַנד דאָס קליינע מיילעכעל צוגעהאַלטען, ביז זי האָט דאַן בעמערקט, אַז דאָס קינד איז דערשטיקט און זי איז דאַן אַראָב פון זינען. בקיצור, מעשות, ביי וועלכע די האָר שטעלען זיך קאַפויר און מען הויבט זיך אָן צו שעהמען, אַז מען הייסט אַ מענש.

און דאַן די לעצטע טעלעגראַם, וועלכע איז געקומען אויף אַנ׳אומוועג פון דאָרט: מען האָט דעם רב און די פני העיר געזעצט תפוס און מען וועט זיי אַזוי לאַנג האַלטען, ביז זיי וועלען אַרויס-געבען „די רעוואָלוציאָנערען". — עפּעס קלינגט דאָס ווי אַ מעשה פון מיטעלאַלטער, וועגען אַ בלבול פון אַ געהרג׳עט קריסטליך קינד אויף פסח, אָדער וועגען דער שענדונג פון אַ הייליגער האָסטיע, ביי וועלכער מען פלעגט איינזעצען דעם רב און די חשובים פון דער יודישער קהלה, ביז זיי וועלען זיך מודה זיין אָדער ביז זיי וועלען זאָגען ווער עס זענען די שולדיגע — און דאָס אין יאָהר 1906 אין אַ שטאָדט, וועלכע ליגט צוויי שעה ווייט פון וואַרשא!

און דאַן די אַלערלעצטע טעלעגראַם: אינ׳ם נעכטיגען טאָג זע-נען פערקויפט געוואָרען אין שעדלעץ 3000 באַהן-בילעטען, און דער עולם צעלויפט זיך און די שטאָדט ווערט מענשען-לעער!

רבונו של עולם, וואו זענען מיר דאָ אין דער וועלט? וואָס טהוט זיך דאָ? וואָס וועט ווערען?...

עלפטער בריעף

עס איז יום-כפור. אין שוהל שטעהען יודען. די נאָכמיטאָגס-זון שיקט אַריין בלייכע, שטאַרבענדע שטראַהלען. שטיל פלאַקערען די ליכט אין די רעהרען, און זייערע שאָטענס שוועבען איבער די ווענד. מיעד און געבראָכען זאָגט עפּעס אַ יוד פון אַ מחזור אַרויס: „...ארבע מיתות בית־דין", און קלאַפּט זיך אין האַרצען אַריין. הייזע-ריג און מאַט קלאָגט אַנ'אַנדערער: „עשרה הרוגי מלכות" און גיט אַ טיעפען זיפץ און נעהמט אַ שמעק טאַבאַק...

זיי זאָגען „ארבע מיתות". ניין, מיינע יודען, דער מחזור איז צביסעל אַלט געוואָרען. אַך, מיר בעדאַרפען שוין היינט גאָר אַנ-דערע תפלות! פיער מיתות? — פ י ע ר ה ו נ ד ע ר ט, פ י ע ר ט ו י-ז ע נ ד, אונצעהליגע ט ו י ז ע נ ד ע ר מיתות זענען דאָך היינט פאַר-האַן פאַר אונזערטוועגען, און טאָג-טעגליך נייע, און טאָג-טעגליך פריש אויסגעקלערטע, און די מיתות זענען לויטער מיתות משונות, אַז אַלע אַלטע מעגען זיך שעהמען פאַר זיי, און מיר זענען מ׳שטיינס געזאָגט שוין אַזוי שטומפּיג געוואָרען, אַז מיר וויינען גאָרנישט מעהר. און „הרוגי מלכות" — וואָס רעדט איהר מיר עפּעס פון צעהן? אפשר פאַרצייטענס האָט זיך אַ פּערפוילט רוימיש מלכות געקאָנט בענוגענען מיט צעהן. איצט איז די וועלט מאָדערנע געוואָרען, איצט איז זי פאָרטגעשריטען. וואָס מאַכט אַ היינטיג מלכות מיט צעהן הרוגים אינגאַנצען? קוים גענוג פאַר אַ פּראָסטען סאָלדאַט, בשעת ער שטעהט אויף דער וואַך און לאַנגווייליט זיך און עס פאַלט איהם פּלוצלינג איין אַ שפּיעלכעל, אַ צעהנדליג מענשען, וואָס געהט גראָד פערביי אין גאַס, צו דערשיסען. צעהן הרוגי מלכות — צעהן ט ו י ז ע נ ד ברויכט אַ מלכות היינט צו האָבען, און יעדען טאָג אויפדאָסניי צוזאַ פּאַרציע, און קאָן זיך אַלץ נישט זעטיגען...

איך האָב ליעגען פאַר מיר אַ קליינעם סטאַטיסטישען חשבון. עס געהט אַ גרויל איבער די הויט אַריבער, אַז מען קוקט איהם דורך. זינט דעם חודש פעברואר פון פאָריגען יאָהר ביז חודש מאַי פון היינטיגען יאָהר (אַלזאָ אין פערלויף פון נאָר פינף פיערטעל יאָהר!) זענען אין פערשידענע פּאָגראָמען אומגעקומען 13,650 מענשען; פערוואונדעט זענען געוואָרען 12,828; פערמשפּט געוואָרען צום טויט און אויך דערשאָסענע אינגאַנצען אָהן אַ משפּט זענען 1,159 מענשען. — ווי געפעלט אייך עפּעס דער מאָדערנער מספּר פון „עשרה“ הרוגי מלכות? ווי געפעלען אייך די היינטיגע „ארבע“ מיתות?

מיר האָבען געהאַט אַ שעדלעץ. אָבער דאָס, וואָס איהר ווייסט פון שעדלעץ, איז דאָך נאָר דער טרוקענער טעקסט. איהר מוזט צו דעם דאָזיגען טעקסט אויך דעם פּירוש קענען, איך מיין, דעם אָפיציעלען בעריכט, וועלכען דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון וואַרשא, גענעראַל סקאַלאָן, האָט צוגעשיקט צום קריעגס-מיניסטעריום. הערט נאָר אויס:

„דעם 26-טען אויגוסט (אַלטער סטיל) צויפדערנאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אין שעדלעץ, כמעט גלייכצייטיג אויף פערשידענע גאַסען, צו הערען שאָסען פון רעוואָלווערען, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען געשאָסען צו די פּאָסטען פון דער שטאָדטישער הויפּטוואַך און צום מאַגיסטראַט. די פּאָסטען, די פּאַטראָלען און דאָס מיליטער, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען דורך דעם געררודער, האָבען אָנגעהויבען אויגענבליקליך צו בעשיסען די הייזער, פון וועלכע מען האָט אַרויסגעשאָסען אַ גאַנצע נאַכט און אַ טאָג דערויף. (27 אויגוסט) ביז צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג. די שיסעריי איז שטאַרקער געוואָרען הויפּטזעכליך געגען אָוועגד. דער שטאָדטישער מיליטער-גאַרניזאָן האָט זונטאָג דעם 7-טען געקריגען פערשטאַרקונג דורך דעם דובנער רעזערוו-רעגימענט און די 47-טע ליניען-באַטעריע. — אַזוי ווי אינדערפריה, דעם 28-סטען, האָבען די פערברעכער מיט עקשנות ווייטער געשאָסען פון אונטער די דעכער, האָט מען זעקס מאָל אויסגעשאָסען מיט קאַרטאַטשען פון האַרמאַטען אין די הייזער אַריין, דאַן האָבען די רעוואָלוציאָניסטען אויפגעהערט

צו שיסעז, און דאָס מיליטער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט פון מאָסען-רעוויזיעס.

„אַרעסטירט האָט מען ביז 300 פּאַרשוין, דערונטער עטליכע מיט געוועהר אין האַנד. געהרג'עט האָט מען העכער 25 פון די רעוואָלוציאָניסטען, פערוואונדעט האָט מען 150, הויפּטזעכליך יודען. די שאָסען פון די רעוואָלוציאָניסטען האָבען קיין שאָדען נישט געמאַכט, ווייל פאַר רעוואָלוציאָנערען איז געוועזען די שטרעקע צו ווייט. פון מיליטער איז געהרג'עט געוואָרען איין סאָלדאַט, עטליכע מענשען און עטליכע פערד זענען לייכט פערוואונדעט געוואָרען. וועהרענד די אונרוהען אין דער שטאָדט, איז אויף זיבען שטעלען אויסגעבראָכען פייער, וועלכעס מען האָט באַלד איינגעלאָשען. ווי עס ווייזט זיך אויס, האָבען די רעוואָלוציאָנערען אָנגעצונדען דאָס דאָזיגע פייער, אום אָבצוציהען דאָס מיליטער פון די גאַסען, וואו די רעוואָלוציאָנערען זענען.

„לויט דעם בעריכט פון דעם דערווייליגען גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט דאָס מיליטער געאַרבייט מיט מסירות-נפש און מיט ענערגיע. דער אויפשטאַנד, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז געווען פריהער צוגעגרייט. איינצעלהייטען וועל איך מיט דער פּאָסט בעריכטען. איך וואַרט אויף נייע נאַכריכטען פון דער שטאָדט פון די אונרוהען — פון דער קאָמיסיע, וועלכע איך האָב אַהין געשיקט, אום די אונטערזוכונג צו פיהרען. גענעראַל-אַדיוטאַנט סקאַלאָן."

דער, וואָס זיין האַרץ איז נישט געפּלאַצט אין איהם ביי די שרעקליכע מעשים אין שעדלעץ, דעם קאָן עס פּלאַצען, ווען ער לייענט דעם בעריכט איבער דער שחיטה אין דער אָפיציעלער בעלייכטונג. און קיין דומא איז שוין אויך נישטאָ, וואָס זאָל געהן און קוקען און הערען און זאָל קומען און ווייזען דער וועלט דאָס פירכטערליכע בילד, אַזוי ווי עס איז געווען!

און דאָס עיקר שלעכטע האָלט דאָך אייגענטליך ביים אָנהויב. מיר האָבען קיין שום גאַראַנטיע נישט, אַז דאָס, וואָס איז געווען אין שעדלעץ, זאָל נישט זיין אויך אין וואַרשא און אין גאַנץ פּוילען

און אין הונדערט שטעדט ארום. אדרבא, די שטרענג-לאגישע קאנ־סעקווענץ פיהרט צו דעם געדאנק, אז דאס, וואס איז פארגעקומען אין שעדלעץ, מוז יעצט נויטווענדיג פארקומען אויך אין יעדער יודי־שער קהלה. קוים איז די רעגירונג געקומען אויף דעם איינפאל פון מיליטער-פאגראמען, טא הויבט זיך דאך ערשט אן דערמיט. מיניסטער סטאליפין אליין — דער אייגענער סטאליפין, וועלכער האט דורך די באראנין הירש געלאזט טעלעגראפירען צו דער ווארשאווער יודישער געמיינדע, אז זי מעג זיין רוהיג — האט בפירוש געזאגט א „הויכ־געשטעלטער פערזענליכקייט" אין אויסלאנד, אז ער בעדויערט זעהר די פארפאלען אין שעדלעץ, נאר ער קאן נישט גאראנט־רען, אז זיי זאלען זיך נישט ווידערהאלען אויך אין אנדערע שטעדט, „אזוי לאנג ווי יודען וועלען נישט ארויסגעבען די רעוואלוציאנערען".

די מעשה מיט דעם ארויסגעבען פון די רעוואלוציאנערען איז עפעס א נייע שטיקעל פורים-שפיעל. די רעגירונג איז גאנץ גוט אי־בערצייגט, אז די יודישע קהלה קאן נישט און האט נישט וואס ארויסצוגעבען, אבער א מקום צום פייניגען איז דאך דא. די רעגי־רונג מאכט זיך תמ׳צוואטע און שטעלט זיך אזוי, ווי זי וואלט נישט וויסען, אז ווען רעוואלוציאנערען האבען א שט׳קעל אסיפה, מאכען זיי זי נישט דווקא מיט א היתר פון רב און נישט דווקא אין געגענ־ווארט פון די שבעה טובי העיר. — א וויץ-בלאט כאראקטעריזירט דאס דאזיגע אזוי: דער שטאדט-לץ קומט צו אנ׳אלטען יוד אויף באלעווקי, א הענדלער מיט אלטע הויזען, און זאגט צו איהם:

„הערר איזראצליט! זייט אביסעל פארזיכטיג, דען דארט אויף דער רעכטער זייט האט מען אויפגעשטעלט הארמאטען".

„וואס האב איך צו זיין פארזיכטיג, אז איך האב גאר קיין שום געשעפטען נישט מיט א הארמאט?"

„זיי וועלען שיסען צו אייך..."

„צו וואס האבען זיי צו שיסען צו מיר?"

„זיי וועלען אייך הייסען, איהר זאלט ארויסגעבען די דאזיגע לייט, וועלכע האבען געשאסען אויף דעם פאטראל און האבען קיינעם נישט געהרג׳עט."

„אָבער אַז איך ווייס גאָרנישט, ווער עס האָט געשאָסען... וואָס קאָן איך אַרויסגעבען?"

„דאָס אַהרט זיי נישט... אַבי איהר זענט אַ יוד, מוזט איהר קאָנען אַרויסגעבען!"

די שרעקליכע מעשים אין שעדלעץ האָבען אַזוי שטומפיג געמאַכט די נערווען, אַז מען פערגעסט שוין מישטיינס געזאָגט די אַנדערע „קליינינקייטען", וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אַנדערע ערטער. ווער קוקט זיך היינט אַרום אויף אַ קליין הריגה'לע פון 17 פאַרשוין, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף אַ וואַרשאווער גאַס? וואָס מאַכט היינט אויס אַ שחיטה'לע, ביי וועלכער עס זענען דאָ עטליכע און פופציג פערוואונדעטע? ווער מאַכט זיך נאָך עפּעס פון אַ מהומה אין גאַס, ביי וועלכער מען אַרעסטירט 3000 מענשען? — עפּעס ווי אין אַ נעבעל נעהמט מען אינדערפריה די צייטונג אין האַנד אַריין און מען לייענט ווי אין אַ שכרות: — „זעהר טרויעריג איז אָבער געווען דער אָוענד, ווען די רעוויזיעס האָבען זיך אָנגעהויבען אין יודישען קוואַרטאַל, וואו עס זענען פאָרגעקומען זעהר שרעקליכע מעשים. נאָך פאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער טומעל; מכן האָט פערמאַכט די קראָמען און יעדער איז געלאָפען אַהיים. נישט יעדער האָט אָבער געקאָנט קומען צו זיך אַהיים, ווייל אין פיעל ערטער זענען געווען די גאַסען פערמאַכט דורך מיליטער; פיעל מענשען האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין הויפען, פון וועלכע מען האָט פערשלאָסען די טויערען און מען האָט קיינעם נישט געלאָזען אַרויסגעהן, און זיי האָבען דאָרט געמוזט בלייבען נעכטיגען, נישט האָבענדיג וואו צו שלאָפען און וואָס צו עסען" — און דאַן לייענט מען די לאַנגע רשימות פון די געהרג'עטע און פערוואונדעטע און אַרעסטירטע אויף נאָוואָליפּיע, אויף דזיעלנא און דזיקאַ, אויף לעשנאָ, אויף סאָלנאַ און אָגראָדאָוואַ און אויף נאָך אונצעהליגע יודישע גאַסען אין וואַרשאַ. אויף ווּעמען מאַכט עס נאָך אַנ'איינדרוק? ווער קוקט זיך נאָך גאָר אום דערויף?

און איך לייען אין אַ צייטונג: „נעכטען נאָכמיטאָג האָט אַ פּאַטראָל אויף דער דזיעלנא-גאַס, נעבען נומער 47, פערהאַלטען אַ זעקס־יעהריג יונגעל, ליבוש גאָלדבערג, וועלכער איז געגאַנגען

אין חדר אַריין מיט אַ סידור'ל אונטער'ן אָרעם. דער פּאַטראָל האָט רעווידירט דאָס קינד, וועלכעס האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקען, אַז ווען עס איז אַהיים געקומען, איז עס אַנידערגעפאַלען אין קרעמפּען. יעצט וויל דאָס קינד באין אופן נישט מעהר געהן אין חדר אַריין, ביז מען וועט איהם נישט געבען אַ... פּאַספּאָרט". רבונו של עולם! אַ זעקס-יעהריג קינד... און ווען מען שטעהט ראש-השנה און יום-כפור אין דיינע שוהלען און מען שרייט: „נשה למען תינוקות של בית רבן!" געדענקט מען אַזאַ זעקס-יעהריג קינד, וואָס אַ מיליטער-פּאַטראָל האָט איהם, אָודאי נאָר צום שפּאַס רעווידירט?

און אַזוי, אין דער דאָזיגער פינסטערער שטימונג, איז געקומען דער ראש-השנה. אַזאַ ראש-השנה האָב איך אין וואַרשא נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. די גאַסען זענען געווען פול מיט מיליטער-פּאַטראָלען. אויף די שפּיץ נעגעל איז דער עולם געגאַנגען. דאָס פּנים בלאַס און אין האַרץ טויט-שרעק. אַבי נאָר מען איז געקומען לעבעדיג אין אַ שוהל אַריין און אַבי מען איז נאָר בשלום ווידער געקומען אַהיים. ווי די מתים איז מען געשטאַנען בלאַס און בלייך, און מען האָט מורא געהאַט זיך צו שאָקלען און מען האָט מורא געהאַט הויך אַ וואָרט אויסצוריידען. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין מאַנכע שוהלען, און הויפּטזעכליך אין די ווייבער-שוהלען, זענען אין דעם היינטיגען יאָהר די פּראָנט-ערטער, סאַמע אויבען-אָן, געווען ביליגער ווי אַלעמאָל, ווייל אַ טייל פון עולם, און הויפּטזעכליך פון ווייבערשען עולם, האָט מורא געהאַט צו שטעהן אויבען-אָן. אַז מען זעט אַריינשיסען — האָט מיר געכטען אַ פרוי געזאָגט — זענען דאָך די, וועלכע שטעהען אין פראָנט, אין דער ערשטער סכנה.

צוועלפטער בריעף

איך האָב שוין איינמאָל כּלאחר יד אָנגעריהרט דאָס דאָזיגע סעמאַ: די פראַגע פון דער גלייכבערעכטיגונג. די רוסישע רעגירונג קאָן נעבעך נישט געבען יודען פרייהייטען אָדער גאָר גלייכע רעכט, און דאָס טאַקי פון רחמנות וועגען, פון לויטער רחמנות וועגען. די הומאַניטעט ערלויבט עס איהר נישט. אַ קשיא אויף אַ מעשה! ביי וועמען דען זאָל זיך געפינען הומאַניטעט, אַז נישט ביי רוסלאַנד? די יודען, זאָגט דער פּרעמיער סטאָליפּין, קאָנען חלילה האָבען צרות דערפון. ווער ווייס? די ווילדע רוסען קאָנען חס ושלום אָנפאַלען אויף זיי, און אַנ'אָנפאַל אויף יודען איז אַ זאַך, וואָס דאָס איידעלע האַרץ פון אַ רוסישער רעגירונג קאָן עס גאָרנישט אַריבערטראָגען. דער בעל-הבית פונ'ם ליבעראַליזם, אונזער סטאָליפּין, אין זיין אונענדליכער ליעבע צו יודען, וויל זיי דורכאויס בעשיצען און בעשירמען, און ווי אַזוי קאָן מען גאָר פערלאַנגען פון איהם, אַז ער זאָל זיין האַנד געבען צו אַזאַ זאַך און זאָל דערלאָזען זעקס מיליאָן מענשען פעראומגליקען? און, זעהט איהר, דער גרעסטער וויץ דערפון איז: דאָס דאָזיגע זאָגט מען זיך אַזוי גלאַט אָב און מען האָט דעם כּח זיך דערביי נישט פונאַנדערצולאַכען! און דאָס דאָזיגע זאָגט מען באַלד נאָך אַ ביאַליסטאָק און באַלד נאָך אַ שעדלעץ! און דאָס דאָזיגע זאָגט מען מיט דעם טיעפען באַריטאָן פון עהרליכקייט און מען איז איבערציינגט, אַז מען וועט עס אַפילו גלויבען אויך!

אוי, ווי קאָן זיך איינעם דערעסען דער גאַנצער טאַראַראַם אַרום און אַרום! שוין יאָהרהונדערטער לאַנג, יעדעסמאָל ווי מען קעמפט וועגען עפּעס אַ פרייהייט, קומט די רעאַקציע און בענוצט זיך מיט דעם דאָזיגען תירוץ. ווי אַ רויטער פאָדים ציהט זיך דאָס דאַזיגע וואָרט דורך די געשיכטע פון אַלע פרייהייטס-בעוועגונגען

אין אַלע לענדער און ביי אַלע פעלקער. און דאָס מערקווירדיגע דערביי איז, אַז יעדעסמאָל, נאָכדעם ווי די בעטרעפענדע פרייהייט איז סוף-כּל-סוף דערגרייכט געוואָרען און עס האָט זיך אַרויסגע-וויזען ווי נאַריש און אונבעגרינדעט די גאַנצע אויסרייד איז געווען, קומט אַלעמאָל ווידער עפּעס אַ מיניסטער אָדער אַנ'אַנדער קלוגער יונג, און ביי יעדער נייער מלחמה וועגען אַ נייער פרייהייט אין אַ נייעם אָרט האָט ער יעדעסמאָל ווידער דעם מוט די אַלטע בבא-מעשה צו איבער'חזר'ן און עס זענען אַלעמאָל פאַרהאַן פונדאָכט מענשען, וועלכע לאָזען זיך דערמיט פּטר'ן.

איך האָב אַ שעהן מעשה'לע צו דערצעהלען פון אַלטע צייטען. עס איז אַזוי זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד, ווייל עס קלינגט ווי אַ סאַטירע, וואָס וואָלט זיין אָנגעשריבען עקסטרא אויף רוסלאַנד און זיינע היינטיגע צושטאַנדען. און זעהט, די מעשה איז געווען אין ענגלאַנד. אויך ענגלאַנד האָט אַמאָל דורכגעמאַכט די צייט, ווען די רעאַקציע האָט געהאַט דעם אַלטען תירוץ: „מיר האָבען מורא". און בעזונדערס שעהן איז די דאָזיגע מעשה, ווייל זי אַליין שוין איז געוואָרען בענוצט אַלס אַ סאַטירע אויף נאָך אַ פריהערע צייט. — ווערענד איך שרייב דאָס, האָב איך ליעגען פאַר מיר נאָטיצען לויט אַ בעריכט וועגען פאַרלאַמענטאַרישע פערהאַנדלונגען אין לאָנדאָן אין פערלויף פון די יאָהרען 1825 און 1826. (Parliamentary history and review during the session of 1825 — 1826).

געווען איז עס דעם 26-טען מאַי 1826. אינ'ם אונטערהויז האָט מען גערעדט וועגען דער פראַגע פון די קאַטאָליקען און זייער פרייהייט. נאַטירליך, זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געשריען, אַז קוים וועט מען געבען די קאַטאָליקען גלייכע רעכט, וועט דאָס גאַנצע לאַנד אומגליקליך געמאַכט ווערען. דאָס גאַנצע פאָלק וועט אויפשטעהן געגען די קאַטאָליקען. בלוט וועט רינען אין די גאַסען, אָדער: ווען די קאַטאָליקען וועלען קריגען גלייכע רעכט, וועלען זיי באַלד ווע־ען די הערען פונ'ם גאַנצען לאַנד. בקיצור: אַלע טענות ווי מען הערט זיי פון אייביג אָן אין עהנליכע פאַלען. אָט דאָ איז אויפגעשטאַנען ספּרינג רייס, אַ ליבעראַלער רעדנער, און האָט בע-האַלטען די דאָזיגע רעדע:

„אינ'ם יאָהר 1753 האָט מען אַריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט אַ ביל וועגען דער נאַטוראַליזאַציע פון יודען: אַ געזעץ, געגען וועלכען עס וועט אין היינטיגער צייט אין אונזער לאַנד אַפילו אַן'אַלטע פרוי גאָרנישט האָבען וואָס איינצווענדען, אָבער צו יענער צייט האָט עס אַרויסגערופען אַ פירכטערליכען פּראָטעסט. אונצעהליגע ביטשריפטען זענען אָנגעקומען פון לאָנדאָן און פון אַנדערע ערטער, כמעט אַזוי ווי יעצט וועגען דעם ביל פאַר די קאַטאָליקען. אין דער ביטשריפט פון די לאָנדאָנער בירגער איז געשטאַנען: „ווען דער ביל וועגען די יודען וועט חלילה ווערען אַ געזעץ וועט דאָס זיין אַ שרעקליכע סכנה פאַר דער קריסטליכער רעליגיע; עס וועט אונטערגראָבען די קאָנסטיטוציע פון דער מדינה און פון אונזער הייליגער קירכע (מען לאַכט) און וועט פירכטערליך שאָדען די אינטערעסען פונ'ם האַנדעל בכלל און פון לאָנ-דאָן בפרט (געלעכטער). און פאַרט האָבען מיר געזעהען, אַז טראָץ די דאָזיגע מסירות, האָט דער שפּעטערדיגער האַנדעלס-מיניסטער זיך איבערצייגט, אַז אַלע יענע שרעקליכע סכנות זענען נישט געקומען, נאָכדעם ווי מען האָט די יודען אַריינגעלאָזען אין די סיטי פון לאָנדאָן און אַפילו אין דאָונינג-סטריט (געלעכטער). דענקסמאָל האָט די צייטונג „דער קראַפטסמאַנש", ביי דער מסירה וועגען די אונצעהליגע אומגליקען, וועלכע דאָס נייע געזעץ קאָן מיט זיך ברענגען, אַזוי געשריבען: „איך מוז בעטען ערלויבניש צו מעגען ערקלערען די פאָלגען פון דעם דאָ-זיגען ביל. ביי גאָט איז פאַראַן רחמנות, אָבער ביי יודען איז קיין רחמנות נישט פאַראַן; זיי האָבען זיך מיט אונז אָבצורעכענען פאַר 1700 יאָהר צרות, וועלכע מיר האָבען זיי אָנגעטהון. ווען דער דאָזיגער ביל וועט דורכגעהן, וועלען מיר אַלע זיין שקלאַפען פון די יודען, און אָהן האָפנונג אויף עפּעס אַ רעטונג אַפילו דורך די הילף פון גאָט. דער קעניג וועט ווערען אונטערטעניג ביי די יודען און וועט נישט אַכטען מעהר די פרייע לאַנדבעזיצער. ער וועט אָבשאַפען אונזערע ענגלישע סאָלדאַטען און וועט זיך מאַכען אַ גרעסערע אַרמעע פון לויטער יודען, וועלכע וועט אונז צווינגען צו פערלאָזען אונזער קעניגליכע פאַמיליע און צו לאָזען זיך דעסגלייכען נאַטוראַליזירען אונטער אַ יודישען קעניג. דערפאַר זאָג איך אייך: שטעהט אויף פון שלאָף, מיינע קריסטליכע און פּראָטעסטאַנטישע ברידער! נישט האַניבאַל שטעהט פאַר אייערע טויערען,

נאר די יודען, און זיי פערלאנגען פון אייך, איהר זאלט זיי אבגעבען די שליסלען פון אייערע קירכען!" (א שטורמיש לאכען פון עטליכע מינוטען).

„בעת די דעבאטען וועגען דעם דאזיגען ביל אינ'ם אונטער-הויז, האט א באראן פונ'ם וועסטען (מען לאכט) ערקלערט, אז ווען מען זאל צולאזען די נאטוראליזאציע פון די יודען קאן מען קומען אין די סכנה, אז זיי זאלען האבען א מעהרהייט אויך אינ'ם פארלאמענט. „זיי וועלען זיך איינטיילען מיט אונזערע גראפשאפטען און אונזערע גיטער וועלען זיי פערקויפען דעם דאזיגען, וועלכער וועט אכמייסטען פאר זיי צאהלען". אנ'אנדערער דעפוטאט האט געזאגט: „ווען דער ביל וועט דורכגעהן, וועלען זיך די יודען אזוי גיך פערמעהרען, אז זיי וועלען זיך פערברייטערען איבער דעם גרעסטען טייל פון ענגלאנד און וועלען ביי דעם פאלק צונעהמען זיין לאנד און זיין מאכט". אנ'אנדערער ווידער דער דעפוטאט פון לאנדאן, סער דזשאן בערנארד, האט די זאך בעטראכט פון א העכערען טעאלאגישען שטאנדפונקט: אונגעפעהר אזוי ווי די היינטיגע, וועלכע האבען אונטערגעשריבען די כעטיציע פון לייכטער, ווארפען פאר די קאטאליקען, אז זייערע טאטעס האבען פערברענט די פראטעסטאנטען — אזוי האט אויך ער געטענה'ט: „די יודען זענען אייניקלעך פון די דאזיגע, וועלכע האבען קריסטוס אויפגעהאנגען, און דערפאר זענען זיי פערשאלטען פון גאט ביז אויף דורי-דורות".

און ספרינג רייס רעדט ווייטער. ער ברענגט — זאגט ער — די דאזיגע נאטיצען, אום צו ווייזען, ווי דאס גאנצע ליארמען דענסמאל איז געווען אזוי בערעכטיגט און האט געהאט זיך אויף וואס כוכך צו זיין, פונקט אזוי ווי דאס ליארמען יעצט וועגען די קאטאליקען (הערט! הערט!). בשעת דער דיסקוסיע ארום דעם ביל וועגען די יודען איז געדרוקט געווארען עפעס א וויציגע „יודען-צייטונג", אין וועלכער עס איז געווען צו לייענען אזעלכע ווערטער: „זינט אונזער לעצטער נומער איז ארויס, איז אנגעקומען דער פאסט-וואגען פון ירושלים. די פאריגע וואך זענען אין דעם האספיטאל פאר קימפעטארינס אין בראנלא סטריט 25 יונגלעך עפענטליך געווארען געמל'ט. נעכטען אוועגד האט מען אין סנהדרין מיט רוב דעות דאס געזעץ וועגען דער נאטוראליזאציע פון די קריסטען נישט אנגענומען. די נאכריכט, אז די קריסטען אין נארד-

אונלס האָבען זיך געבוּנטעוועט, איז נישט אמת. אין לעצטען פרייטאָג, ווען עס איז געווען די יאָהרצייט פון קריסטוס'עס קרייציגונג, איז געווען ששון ושמחה אין גאַנצען לאַנד."

„אויף דעם דאָזיגען אופן און צו אַלע צייטען, סיי ביי אַ ביל וועגען יודען, סיי ביי אַ ביל וועגען קאַטאָליקען, אַלעמאָל האָט מען זיך לעכערליך געמאַכט מיט פּראָטעסטירען און מיט ליאַרמען דורך די נאַרישסטע מיטלען, און פאָרשט מען וועגען די אורזאַכען פון אַזאַ ליאַרמען, געפינען מיר אַלס ערנסטע אויטאָריטעט דעם לאָרד טשעסטער, וועלכער האָט געזאָגט אינ'ם פּאַרלאַמענט: „ער, ווי אויך דער גרעסטער טייל פון די אַנדערע דזשענטעלמענס זענען איבערצייגט, אַז די רעליגיע אַליין האָט מיט דער דאָזיגער פראַגע גאָרנישט צו טהון, און נאָר דער גייסט פון רדיכות, וועלכער שטעקט אין דער אַלטער ערהאַבענער קירכע, בעמיהט זיך, דעם פאָלק דאָס געגענטייל איינצורעדען". (הערט! הערט!). אַזוי איז עס אויך אין דעם איצטיגען פאַל; נאָר די תאוה צו בעזונדערע פּריווילעגיעס און צו אַ בעזונדערער מאַכט בונטעוועט אַ געוויסע חברה דאָס פאָלק צו העצען געגען די קאַטאָליקען; און ער (ספרינג רייס) איז איבערצייגט, אַז פיעל מענשען, וועלכע בענוצען זיך מיט אַזעלכע קונסט-שטיקלעך, ווייסען גאַנץ גוט, דאָס די רעליגיע האָט אַזויפיעל צו טהון מיט דער איצטיגער קאַטאָליקען-פראַגע, ווי, למשל, זי האָט צו טהון מיט דער פראַגע וועגען אויסרעגולירען די געוויכטער און די מאָסען, אָדער וועגען בעשטימען די לענג פון דעם פּערפּענדיקעל לויט דער צאָהל פון די בעוועגונגען. און אויך אין בעצוג צו דער יודען-פראַגע, געפינט מען אין דער דאַמאָלסדיגער הארדוויק-צייטונג אַ בריעף פון אַ דר. בירטש צו אַ הערען פיליפ יאָרק, אין וועלכען ער שרייבט, אַז דער גאַנצער גערודער וועגען דעם ביל פאַר די יודען האָט נאָר די אַבזיכט אַנ'איינפלוס צו האָבען אויף די וואַהלען פונ'ם נעכסטען יאָהר". (הערט! מען לאַכט) „אויך דענסמאָל האָט זיך געמאַכט, ווי עס מאַכט זיך אויך אין אונזערע צייטען, אַז עפּעס אַ פערנונפטיגער בישאָף פון נאָריטש איז געווען פאַר דעם יודען-ביל. דר. בירטש ערצעהלט, אַז ווען דער דאָזיגער בישאָף איז אַהיים געקומען אין זיין געמיינדע אַריין, איז ער וועגען זיינע „בייזע מחשבות" עפענטליך בעליידיגט געוואָרען. „אויף זיין רייזע קיין איפּסוויטש, אום דאָרט

צטליכע יודגלעך צו קאָנפירמירען, האָט מען איהם אויסגעלאַכט, און מען האָט פערלאַנגט, אז ער זאָל בעסער געהן מל זיין", און אויך האָט מען מודיע געווען, „אַז דער הערר בישאָף וועט אינ׳ם נעכסטען שבת די יודען קאָנפירמירען און זונטאָג וועט ער די קריסטען מל זיין" (מען לאַכט). — אַזוי זעהט איהר, איז דאָס ליאַרמען געגען יעדער ליבעראַ־לער רעפאָרם געווען אין אַלע צייטען פונקט אַזוי נאַריש ווי אונבאַרם־הערציג. (הערט איהם! הערט איהם!) יענעם נאַרישען גערודער וועגען דעם ביל פאַר יודען מוזט איהר פערגלייכען מיט דעם גערודער יעצט וועגען די קאַטאָליקען. די סכנה, וואָס קאָן קומען, אַז מען וועט זיי געבען גלייכע רעכט, איז פיעל קלענער ווי די סכנה, וועלכע קומט דאַ־דורך, וואָס מען אונטערדריקט זיי". און כפריגגס ענדיגט: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט קוקען אויף אַזאַ עקשנותדיגען פראָטעסט פון אַ פאַרלאַמענט געגען מענשען־רעכט נישט בלויז מיט פערוואונדע־רונג, נאָר אויך מיט פעראַכטונג. די רעליגיעזע חכמה פון אַ פריהערען דור איז שוין אָפט געווען צום שפאָט און צו פעראַכטונג כון די קו־מענדע דורות." (הערט! הערט!)

און יענער נאַרישער גערודער וועגען יודען־רעכט און וועגען קאַ־טאָליקען־רעכט דענסמאָל אין ענגלאַנד מוז מען פערגלייכען מיט דעם גערודער וועגען דער יודען־פראַגע אין רוסלאַנד יעצט!

איך בין איבערצייגט: עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, אַז די יודען אין רוסלאַנד וועלען האָבען אַלע רעכט, און „אַפילו אַנ׳אַלטע פרוי וועט גאָרנישט האָבען דאַגעגען איינצווועגדען" — און דענסמאָל, קאָן זיין, וועט זיך מאַכען, אַז עפעס אַ פערוואָרפענע אומה אין דעם דאָזיגען גרויסען לאַנד וועט נאָך זוכען זיינע רעכט און וועט זיי נישט קריגען און עפעס אַ קלוגער מיניסטער, וואָס וועט דענסמאָל זיין, וועט אויפשטעהן און טענה׳ן די אַלטע קלוגע טענה, אַז מען האָט מורא און מען קאָן נישט און מען טאָר נישט און אַז בלוט וועט זיך גיסען, ווען מען וועט עס טהון, און דאַן, זעהט איהר, וועט קומען איינער, וואָס וועט זיך דערמאָהנען די איצטיגע צייטען און וועט ווייזען, אַז דאָס איז שוין אַמאָל געווען, דאַכט זיך מיט אַנ׳אומה וועלכע הייסט יודען, און אַז מען האָט די פערלאַנגטע רעכט סוף־כל־סוף זיי געגעבען און בלוט איז פאָרט נישט געפלאָסען אין די גאַסען!

דרייצעהנטער בריוו

פון די צוויי גרויסע מיטעלאַלטערליכע ערפינדונגען: פולווער און דרוק, האָט אונזער רוסישע רעגירונג אַ פּנים ליעב מיט אַ בעזונדערען ברען די ערשטע און האָט פיינד די צווייטע. אויף וויפיעל זי ענטווי-קעלט די חכמת השיסערייִ פון טאָג צו טאָג מעהר, אויף אַזויפיעל איז זי גורס דאָס געדרוקטע וואָרט פון מאָל צו מאָל ווייניגער. שוין טרעפּאָוו עליו-השלום האָט איבערגעלאָזען די הייליגע צוואה: „קיין קוילען זאָל מען נישט קאַרגען”, און סטאָליפּין איז משלים די ברכה און פּסק'ענט: „צייטונגען וואָס ווייניגער”. און סטאָליפּין, ווי בעקאַנט, איז אַ ליבע-ראַלער מאַן. אויף אַזויפיעל ווי מיר זעהען אַנ'אונגעהויערען פּאָרט-שריט ביי אונז אין הלכות שיסען — למשל: 8 אַ זייגער אינדערפריה ווערט איינער געכאַפּט, 9 אַ זייגער זיצט שוין איבער איהם דאָס פעלד-געריכט, 9 אַ זייגער מיט איין מינוט האָט דער פערטיידיגער שוין גע-ענדיגט זיין פערטיידיגונגס-רעדע, 9 אַ זייגער מיט 2 מינוט האָט דאָס געריכט נאָך אַ זעהר רייפער איבערלעגונג שוין אַרויסגעזאָגט זיין גזר-דין, 9 אַ זייגער מיט 5 מינוט איז דער פעראורטיילטער שוין דערשאָ-סען און 9 אַ זייגער מיט 6 מינוט נעהמט מען זיך שוין צום צווייטען און דאַן צום דריטען און דאַן צום פיערטען און אַזוי ווייטער — אויף וויפיעל, זאָג איך, ווי מיר האָבען פּאָרטשריט געמאַכט אין מענשען-אומ-ברענגען, אויף אַזויפיעל האָט זיך ביי אונז ענטוויקעלט אויך די קונסט, צייטונגען צו דערשטיקען — למשל: ביינאַכט בעפאַלט מען אַ רעדאַקציע, די נומערען ווערען קאָנפיסקירט, די צייטונג ווערט אָבגעשטעלט „אינ'ם נאָמען פון געגערעאַל-גובערנאַטאָר”, דער רעדאַקטאָר ווערט איינגעזעצט און איבערגעגעבען דעם געריכט. אינדערפריה 6 אַ זייגער ערשיינט די צייטונג מיט אַנ'אַנדערען נאָמען און פון כלומרשט אַ'אַנדערען רעדאַק-טאָר, 8 אַ זייגער ווערט שוין אויך די דאָזיגע צייטונג קאָנפיסקירט און

אָבגעשטעלט, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, ביז צום סוף ער־שײַנט אַ צײַטונג, וועלכע שרייבט וועגען זיד־אַמעריקאַ און וועגען מיטעל־אַפֿריקא און וועגען אַ סענסאַציאָנעלען מאָרד אין קאַלקוטאַ און וועגען אַ ליעבעס־דראַמע אין טעמיר־כאַן־שורא, און פֿון רוסלאַנד און רוסישע אנגעלעגענהייטען שווייגט מען און מען היט זיך צו דערמאָהנען דאָס וואָרט „רעגירונג״ און מען בענוגענט זיך מיט די טעלעגראַמען פֿון דער בעוואוסטער „פּעטערבורגער אַגענטור״ און פֿון דער בעקאַנטער „רוסישער אַגענטור״ און מען ציטירט נאָר די זעהר אמת׳ע „ראָסיאַ״ און די זעהר אמת׳ע „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ און פֿון זיי דערוויסט מען זיך, אַז אַלעס איז ברוך־השם אויפ׳ן בעסטען אופֿן און „אין שיפּקא איז אַלעס רוהיג״, און פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבען אַמאָל פּאַר־צײַטענס בײַ אונז געהאַט, איז שוין קיין זכר נישטאָ און די רעפֿאָר־מען זענען שוין אַלע כמעט ווי געגעבען און — סטאָליפּין איז אַ ליבעראַ־לער כאַן.

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג מאריך זיין? מען האָט אין דער לעצטער צײַט כמעט אַלע אונזערע צײַטונגען, וועלכע האָבען אַמאָל עפּעס אַ פֿריי וואָרט אַרויס־גערעדט, פֿערמאַכט, אָדער זיי צרות אָנגעטהון, אָדער זיי אַ מויל־קאָרב אָנגעהאָנגען — און יעצט איז שאַ שטיל. מען הערט נאָר ישועות טובות ונחמות. די „פּעטערבורגער אַגענטור״ ווייס יעדען טאָג טעלעגראַמען צו ברענגען פֿון די „אמת רוסישע מענשען״ פֿון אַלע ווינקעלעך רוסלאַנדס, וועלכע קומען דעם פּרעמיער סטאָליפּין צו גראַ־טולירען און צו בענשען פֿאַר זיינע גוטע מעשים; די „רוסישע אַגענ־טור״ לאָזט זיך טעלעגראַפֿירען פֿון אַלע עקען און ענדען, ווי די פּויערים קומען און בעטען זיך, מען זאָל בײַ זיי די שטייערען צונעה־מען; „ראָסיאַ״ ווייס צו דערצעהלען, אַז נאָר די עטליכע יודען זענען שולדיג געווען אין די עטליכע אונרוהען, וואָס זענען „אַמאָל״ בײַ אונז געווען, און „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ לאָזט איהר בעוואוסטען פֿעליעטאָ־ניסט מענשיקאָוו שרייבען און גאַנץ ערנסט פֿערלאַנגען, אַז פֿון די צוקונפֿטיגע פּאָליטישע רעכט זאָל מען אויסשליסען אַלע ברייטערע פֿאָלקס־קלאַסען און אַלע אַרבייטער־קלאַסען און אַלע נישט־אמת׳ע רוסען און אַפֿילו די קליין־רוסען. „דאָס פֿאָלק — דאָס זענען מיר״, „מיר גרויס־רוסען״, און אויך פֿון די גרויס־רוסען מוז מען אַרויסנעהמען נאָר

דעם עיקר, דאָס הייסט, די ביוראָקראַטען, די גייסטליכקייט, די גרויס-גרונד-בעזיצער, די געבוירענע אַריסטאָקראַטען (ווײטע למשל נישט, ווייל ער איז נישט קײן געבוירענער גראַף), די גרויסע כוחרים (ווײטע למשל יאָ, ווייל ער איז אַ גרויסער סוחר), די אמת'ע אינטעליגענץ, דאָקטוי-רים, יוריסטען, טעכניקער, פּראָפעסאָרען, ליטעראַטען — דען מענשיקאָוו איז אַ ליטעראַט און איז פון נאַטור אַ ליבעראַלער מאַן און ערלויבט אויך פּראָפעסאָרען און ליטעראַטען אָנטײלצונעהמען אין דעם צוקונפט-טיגען רוסלאַנד, אויבוואָהל עס איז גוט בעקאַנט דאָס די דאָזיגע לייט זענען פון תמיד אָן יאַקאָבינער, רעוואָלוציאָנערען, בונטאָװשטשיקעס און דערגלייכען. אָט דאָס זענען די צייטונגען, וואָס מיר האָבען יעצט אין אונזער ליעבען רוסלאַנד, און — זעהט איהר — דאָס איז געווען אַביסעל איבערטריבען פון מיין זייט, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז די רו-סישע רעגירונג האָט אַזוי פיינד די ערפינדונג פון דרוק. אדרבא, אַ געוויסען סאָרט פון צייטונגען האָט זי זעהר און זעהר ליעב און פּראָטע-זשירט זיי גאָר שטאַרק. זי שיקט זאָגאַר אַרויס מענשען, אום צו גרינ-דען אויך אין דער פּראָווינץ צייטונגען לויט דעם מוסטער פון איהר צייטונג „ראָסיאַ". מסתם דאַרף זי דאָס האָבען צו דער מלאכה. איב-ריגענס, האָט די ליעבע רוסישע רעגירונג אין דער לעצטער צייט גע-געבען שטיצע און סובסידיעס פאַר די פאָלגענדע פּערזאָנען: קרושעוואַן, דער אָרגאַניזאַטאָר פונ'ם קישינעווער פּאָגראָם, האָט בעקומען אויף אַרויסצוגעבען זיין „דרוג" — 40,000 רובעל; יאַרמאָנקין, דער אַרויס-געבער פון „זאַריאַ", האָט בעקומען 35,000 רובעל; גענעראַל-לייטענאַנט באָגדאַנאָוויטש, דער בעקאַנטער פּאָגראָמען-אָרגאַניזאַטאָר, האָט בעקומען 25 טויזענד רובעל אויף אַרויסצוגעבען און צו פערשפּרייטען זיינע בראָשורען צווישען דעם נידריגען פאָלק. און דאָס איז די ליטעראַטור און דאָס איז די פּרעסע, פון וועלכער די מיליאָנען מענשען אין רוסלאַנד שעפּען זייערע נאַכריכטען און פון וועלכער זיי דערוויסען זיך, אַז אַלץ איז ברוך-השם גוט. און די קאָרעספּאָנדענטען פון דער אויסלענדישער פּרעסע ווערען אָנגעשטעקט פון דעם דאָזיגען גייסט, וועלכער האָט אָנ-געהויבען הערשען אין די לעצטע צוויי-דריי וואָכען, און זיי קאָרעס-פּאָנדירען און טעלעגראַפירען אַהיים אויך אַזוי, אַז אַלעס איז שוין ברוך-השם גוט אין רוסלאַנד, און דאָס אויסלאַנד הויבט אָן ביסלעכווייז

צו גלויבען. דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק יעצט פון רוסלאַנד. זאָגאָר דער לאָנדאָנער „טיימס" גלויבט דאָך און שרייבט אין'ם לייט-אַרטיקעל פון דעם לעצטען נומער, אַז די רוסישע רעגירונג איז יעצט אַזוי שטאַרק ווי נאָך קיינמאָל נישט און דאָס אַלעס האָט מען צו פערדאַנקען סטאָליפינס חכמה און זיינע אַגראַרישע און אַנדערע רעפאָרמען...

רעפאָרמען? — איך וואָלט זיין אַ בעלן צו מאַכען אַ שטיקעל חשבון: צעהן וואָכען מיט עטליכע טעג האָט די דומא עקזיסטירט, און אַזוי לאַנג גראָד עקזיסטירט אויך שוין דאָס קאַבינעט סטאָליפין. אדרבא, זעהט וואָס די דומא האָט אָבגעאַרבייט אין דער דאָזיגער צייט און זעהט וואָס סטאָליפינס קאַבינעט האָט פערטיג געקראָגען אין דערזעל־ביגער מאָס פון צייט. און איך שווער אייך: אַ בעזונדערער פריינד פון דער דומא און פון איהר צוועקמעסיגקייט בין איך קיינמאָל נישט גע־ווען! באַלד אין איהרע ערשטע עטליכע טעג זענען די פאָלקס-פערטרע־טער אימשטאַנד געווען אויסצואַרבייטען דעם ענטפער אויף דער טראָהן-רעדע און דערין אָנצוגעבען זייער פראָגראַם, וועלכעס האָט דורך זיין קלאָרקייט און אויספיהרליכקייט די וועלט אין שטוינען געזעצט. דאַן האָבען זיי בעוויזען אַ גאַנצע רייה פון פראָיעקטען אויסצואַרבייטען, וועלכע זאָלען פערפעסטיגען די געזעצען וועגען אַלע אַרטען פון פריי־הייטען, ווי זיי זענען געגעבען געוואָרען דעם 30-טען אָקטאָבער. די דאָזיגע פראָיעקטען, ווי בעקאַנט, זענען אַפילו ביז צו דעם רעגירונגס־ראָט נישט געקומען, חוץ דעם איינעם, וועגען די 15 מיליאָן פאַר די הונגעריגע. די פראָיעקטען וועגען אַמנעסטיע אין אָבשאַפונג פון טויט־שטראָף זענען נישט דורכגעקומען. נישט ווייניג צייט האָט די דומאַ געברויכט אויף פאַר די אונטערהאַנדלונגען וועגען דער וויכטיגער און זעהר פערוויקעלטער אַקערבוי-פראַגע. אויך ביאַליסטאָק האָט אַ געוויסע צייט ביי זיי צוגענומען. חוץ דעם קומען אינטערפעלאַציעס וועגען מיס־ברויכען פון פערשידענע נידעריגע און העכערע בעאַמטע, און די דאָזיגע אינטערפעלאַציעס צעהלען זיך אין די הונדערטער. און אַלע 40 זיצונגען פון דער דומא זענען דאָך עפּעס געווען ביים העלען ליכ־טיגען טאָג, פאַר די אויגען פון גאַנץ אייראָפּא און אָהן מורא פאַר קריטיק פון דער פרייער פרעסע און פון דער אונאָבהענגיגער עפענט־ליכער מיינונג! — און יעצט קומט ווייטער: דאָס גליקליכע מיניסטעריום

סטאָליפינס עקזיסטירט יעצט גראָד אויך שוין אַזוי לאַנג. לעגט די האַנד אויף דעם האַרץ און זאָגט מיר: וואו זענען די רעזולטאַטען און וואו די בעשטעטיגונגען פון אַלע זיינע אונצעהליגע הבטחות? זוכט און זאָגט מיר: וואו זענען די פרוכטען פון זיין גרויסער אַרבייטס-פעהיגקייט, וועגען וועלכער מען רעדט אַזוי פיעל? איבערלעגט אייך און זאָגט מיר: וואו איז די ב ע ר ו ה י ג ו נ ג פון לאַנד, צוליעב וועלכער ער האָט געמוזט די דומאַ פונאַנדערטרייבען? — אָנשטאָט אַ קלאָר, פּאָזיטיוו פּראָגראַם, האָבען מיר בעקומען אַ נעבעלהאַפטע דעקלאַראַציע פון'ם קאַבינעט, און די אויסאַרבייטונג פון דער דאָזיגער דעקלאַראַציע האָט געדויערט סך-הכל אַ פיער וואָכען, און דערוואוסט האָבען מיר זיך פון דעם דאָזיגען דאָקומענט, אַז כוף-כל-סוף פערמאָגט דאָס קאַבינעט נישט מעהר ווי „גוטע אַבזיכטען”. אָנשטאָט אָבשאַפונג פון טויט-שטראָף האָט מען אונז בעשערט מיט אַ פעלד-געריכט; אָנשטאָט אַמנעסטיע, האָט מען אָנגעפילט די געפענגענישען אויפסנייע מיט הונדערט-טויזענדער נייע אומגליקליכע; אָנשטאָט 15 מיליאָן, וועלכע מיר האָבען אַסיגנירט, זעהען מיר ווי די ביוראָקראַטיע האָט צו איהר געברויך הונדערטער מיליאָנען פון דעם פאָלקס-שווייס און בלוט; אָנשטאָט אַ פריי וואָרט, האָט מען אונז דאָס לעצטע ביסעל צייטונגען, וועלכע מיר האָבען געהאַט, געגזל'ט. דאָס זענען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטען — און אַלעס איז ברוך-השם וואויל און גוט!

אמת, אָנשטאָט די פערמאַכטע צייטונגען און אָנשטאָט די צייטונגען מיט אַ אָנגעהאָנגענעם מויל-קאָרב, האָט אין דער לעצטער צייט ווידער אָנגעהויבען שטאַרק בליהען די געהיים-ליטעראַטור, די פלוגבלעטער, די פּראָקלאַמאַציעס, און עס ווימעלט און עס רוישט און עס קאָכט זיך עפּעס, און קלאָר ווייס מען נישט וואָס. דאַדורך וואָס מען פערגראָבט זיך אונטער דעם שירם, האָט דער רעגען נישט אויפגעהערט מען ווייס נישט קלאָר, וואָס עס קומט פאָר אין הונדערט געזעלשאַפטען און הונדערט פערבינדונגען און הונדערט פעראיינען, נאָר שפּירען שפּירט זיך עפּעס, אַז מען לעבט אויף אַ וואולקאַן, און ווען נישט מאָרגען — וועט ער אויסברעכען איבערמאָרגען, און ווען נישט איבערמאָרגען — דאַן אין אַ חודש, דאַן אין צוויי חדשים, אָבער אויסברעכען וועט ער. עס שפּירט זיך, אַז עס ווערט עפּעס צוגעגרייט און אַז עס טהוט זיך עפּעס.

דערווייל אָבער טהוען אויך אונזערע יודען דאָס זייעריגע. זיי טהוען — און מיר געהט איבער די גרינגע גאַל פאַר זייער טהון. אין אַ היינטיגער צייטונג לייען איך אַ טעלעגראַם: „מיטוואָך, דעם 3-טען אָקטאָבער, האָבען מיר אונטען אונטערגעשריבענע געהאַט אַן׳אוידיענץ ביים פרעמיער סטאָליפין אין דער פראַגע וועגען דעם שעדלעצער פאָגראָם. דער פרעמיער-מיניסטער האָט אונז געזאָגט, אַז ער האָט נאָך נישט גענוג ידיעות וועגען די רעזולטאַטען פון דער אונטערזוכונג, אָבער פון די ביז-איצטיגע נאַכריכטען זעהט ער אַרויס געוויסע מיסברויכען פון דער בעוואָפענטער קראַפט. נאָך דער דורכפיהרונג פון דער אונטערזוכונג, וועלען די שולדיגע בעשטראָפט ווערען, נישט נאָר וועגען די אינטערעסען פון דער בעשעדיגטער שטאָדט, נאָר וועגען די אַלגעמיינע אינטערעסען פונ׳ם גאַנצען לאַנד". און אונטער דער טעלעגראַם איז אונטערגעשריבען: זונדערלאַנד, חרזשאַנאָווסקי, טשאַצקעס.

גליקליכע מענשען! גל קליך ווייל זיי האָבען געהאַט די זכיה פון אַן׳אוידיענץ און גליקליך ווייל זיי האָבען געהערט אַזעלכע ווערטער! זבכן: זעהט מען פאָרט אַרויס „געוויסע" מיסברויכען פון דער בעוואָפענטער קראַפט; און אַן׳אונטערזוכונג" פעהלט נאָר, אַן׳אונטערזוכונג על-פי נוסח קדמונים; און בעשטראָפען וועט מען דעסגלייכען לויט דעם אַלטען נוסח; און אַ דעפוטאַציע איז פאָרט געקראָכען צום מיניסטער, גאַנץ לויט דעם אַלטען נוסח!

אוי, יודען, יודען! אוי נאַרישע יודען, אוי קלוגע יודען! ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג נאָך?

פיערצעהנטער בריעף

פּאָרלויפיג – ענטשולדיגט מיר, וואָס איך זאָג פּאָרלויפיג; מען קאָן פאָרט נישט וויסען, וואָס עס קאָן זיין מאָרגען אָדער איבערמאָרגען – פאָר׳ויפיג אָבער געהט אַלעס אויפ׳ן בעסטען אופן. אונזער סטאָליפּין, דער בעקאַנטער אָנהענגער פון אַ דורכאויס ליבעראַלער רעגירונג, מעג זיך רייבען די הענד פאַר פערגעניגען, דען אַלעס איז ברוך־השם געראָטען: צעהנדליגער טויזענדער זענען אַרעסטירט, טויזענדער זענען פערשיקט, הונדערטער זענען אויפגעהאָנגען און דער שאָסען, און חוץ דעם שטעהען תּליות הויך און ווינקען צו יעדען, האַרמאַטען און ביקסען הערען נישט אויף צו דונערען און מיליטער פערפלייצט די גאַסען בייטאָג און ביינאַכט. געהט מען אַביסעל ווייטער: צעהנדליגער צייטונגען זענען אונטערדריקט, און די, וועלכע ערשיינען זענען ענטוועדער לאָיאַל אָדער זענען פאַרב- און אינהאַלטסלאָז. קוקט מען זיך ווייטער אַרום: די געוועזענע דומא-דעפּוטאַטען זענען אונטער שלאָס און ריגעל און די, וועלכע בלאָנדזשען נאָך אַרום אויף דעם עולם השקר, זענען אונשעדליך געמאַכט און וועלען שוין נישט קאָנען מיטרעדען. און דאַן: די „שוואַרצע הונדערט״ פייערט איהרע נצחונות אין עפענטליכע לעגאַליזירטע פערזאַמלונגען, גראַטולירט דער רעגירונג און ווערט פון איהר גראַטולירט און שיקט – מעשה פאַן בראַט – טעלעגראַמען צו קייזער ווילהעלם און צו קעניג עדוואַרד. און אויך דאָס: די לאָנדאָנער דעלעגאַציע צו דעם געוועזענעם דומא-פּרעזידענט איז מיט מזל און ברכה אַרויסגעגרוילט געוואָרען פונ׳ם לאַנד און ווער נישט מעהר קומען, נאָכדעם ווי מען האָט איינפאַך געגעבען צו פערשטעהן, אַז מען ווערט געבען קלעפּ און מען ווערט ברעכען רוקען און לענד, און אחינו בני ענגלאַנד, די גרויסע מייסטער אין ספּאָרט און אין באָקסען, זענען אַפּנים פאָרט נישט קיין בעלנים אויף רוסישע קלעפּ

און אויף באַקסען־זיך אין רוסלאַנד, און אַז יאָ שוין קלעפּ, לאָזען זיי דאָס איבער פאַר אונזערע יודענס ווענען. בקיצור, אַזוי זעהט עס אויס איצט אין רוסלאַנד, און אום צו בעשיינען די גאַנצע שמחה, ווערט אַמאָל נאָך, אַמאָל אין די צווישענפויזען, אויך אַביסעל פּאָגראָמען גע־מאַכט, גרויסע און קליינע, אַלעס לויט בעדאַרף, און דאַן קומען צוגעהן דעפּוטאַציעס פון קלוגע מענשען אין די הויכע פענסטער, און אין די הויכע פענסטער מאַכט מען אַ פערוואונדערט פּנים און מען שטוינט שטאַרק, ווי „אַזעלכעס" האָט געקאָנט פּאַרקומען אין אַזאַ ליבעראַלען לאַנד, און מען ווייזט אָן אויף דער עקסטראַ־אויספאַרשונג, וואָס וועט אם ירצה־השם זיין און מען איז מבטיח די קלוגע מענשען אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל געווען און מעהר וועט אַזעלכעס שוין נישט געשעהן — הכל על־פּי מנהג קדמונים. בקיצור, אַזוי זעהט עס אויס איצט אין רוסלאַנד און אַלעס געהט על צד היותר טוב. עס זענען נאָר איבערגעבליבען דער רעגירונג צוויי דאגות. איינע: וואו וועט מען נעהמען אַ פּאָר גילדען, און אַ צווייטע: די געפענגענישען זענען איבערפולט און עס איז נישטאָ וואו צו זע־צען. און דאָס אומגליק איז, מען קינדעלט אַזויפיעל אין רוסלאַנד און די בעפעלקערונג ווערט אַלעמאָל גרעסער און פון די הונדערט און פערציג מיליאָן וועלען באַלד ווערען הונדערט און פופציג, און דאָ געה, פאָלג מיר אַ גאַנג און האָב געגרייטע געפענגענישען פאַר אכשר הונדערט און פופציג מיליאָן מענשען! פאַר אַזאַ גרויסען בעדאַרף קאָן אַפילו אַזאַ קלוגע און ערפינדונגסרייכע רעגירונג ווי די אונזערע אויך נישט באַלד קיין עצה געפינען. עס איז פראָסט אַ רחמנות אויף די געפענגעניש־דירעקטאָרען און אויף די פערוואַלטונגען, ווי זיי שיקען טאָג־טעגליך פּאַרטיעס פון צוועלף הונדערט אָדער צוועלף טויזענד פון שטאָדט צו שטאָדט און זוכען אַ בעגרעבניש פאַר זיי. מען קאָן זיך פאָרשטעלען די פערלעגענהייט פון אַ רעגירונג און מען קריגט אָרענט־ליך רחמנות אויף איהר, ווען מען זעהט ווי זי מוז נעבעך — לויט אַן אָפיציעלער מיטטיילונג — טעלעגראַפיש מודיע זיין די גובערנאַטאָרען אַז „אַזוי ווי עס איז דאָ ווייניג פּלאַץ, זאָל מען די, וועלכע זענען פערדעכטיג פון דער פּאָליציי אָהן גרונד, פּאָרלויפיג פריי לאָזען". ובכן, טיילווייז האָבען מיר, רעוואָלוציאָנערען, אויסגעפיהרט: אַ שטי־

קצל אַמנעסטיע וועט פֿאָרט זיין! ווייל עס איז נישטאָ געוויס פלאַן, וועט מען די, וועלכע זענען פערדעכטיג אָהן גרונד, פּאָרלויפיג פֿאָרט פריי לאָזען!

אָבער נחזור לענינני: מילא וועגען דער דאגה פון אַ פּאָר גיל־דען וועט שוין גאָט מוזען העלפען: עס זענען פֿאַרהאַן אין אויסלאַנד, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד, גוטע מענשען, יודישע באַנקירען, און די וועלען מסתמא שוין זאָרגען דערפֿאַר, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל למען־השם קריגען אַ נייע הלואה און זאָל חס ושלום נישט בלייבען שטעהן אין דער מיטען פון איהר ליבעראַלער טעטיגקייט. אָבער די דאיה וועגען די געפּענגנישען מאַכט מיך אַליין בעזאָרגט: מיר קאָנען דאָך נישט פּערלאַנגען, אַז אויסלענדישע אונטערנעהמער, יודישע באַנ־קירען, זאָלען אַריין אין רוסלאַנד און זאָלען אָנהויבען דאָ בויען נייע געפּענגנישען, פּיתום ורעמסס. עס איז גענוג, ווען זיי וועלען לייהען געלד דערצו. דערווייל אָבער זעה איך נישט אין קיין אַנדערע עצה ווי די, אַז אונזער רעגירונג וועט מוזען פּאָרלויפיג בענוצען אַלע אוני־ווערזיטעטען, וואו עס ווערט סיי־ווי־סיי נישט געלערענט, און זיי איבער־מאַכען אויף געפּענגנישען, און דאַן וועט זי זיך שוין מוזען נעהמען אויך צו די מוזעען און צו די טעאַטערס און צו די ביבליאָטעקען און צו אַלע איבעריגע קונסט־טעמפּלען און וועט פון דאָרט אַרויסוואַרפען אַלע נאַרישקייטען, וועלכע זענען דאָרט פֿאַרהאַן און וועט זיי בענוצען צו אַ דבר טוב — ביז רֶוח והצלה יעמוד ממקום אחר, דאָס הייסט, ביז די יודישע אויסלאַנדס־באַנקירען וועלען האָבען געגעבען די עָ־ליכע פרישע גראָשען און מען וועט קאָנען בויען מתוך הרחבה נייע ציטאַדעלען.

אַ קלייניגקייט, רוסלאַנדס ליבעראַלע טעטיגקייט! דער פּעטער־בורגער יודישער הילפס־קאָמיטעט האָט צונויפגעשטעלט עטליכע ציפערען בנוגע די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין פערלויף פון לעצטען יאָהר. די דאָזיגע סטאַטיסטיק ווייזט אויף, אַז פּאָגראָמען זענען געוועזען אין 638 וזאָג און שרייב: זעקסהונדערט און אַכט און דרייסיג!! ערטער, נאָר אַזוי ווי דער חשבון גרייכט נאָר ביז צום ערשטען סעפּ־טעמבער, זענען די לעצטע פּאָגראָמען, ווי למשל דער אין שעדלעץ, נאָך נישט אין איהם אַריינגעגאַנגען. פון די פּאָגראָמען האָבען געליטען

37,075 (זיבעצן און דרייסיג טויזענד מיט פינף און זיבעציג!) פאמיליעס, וועלכע צעהלען 158,101 נפשות. דער מא־טעריעלער היזק בעטרעפט ארום און ארום 51,094,703 רובעל, געהרג'עטע זיינען געווען — 937, שווער פערוואונדעטע — 1,190, אהן שום געבלי־בענע אלמנות — 351, גאנצע יתומים — 181 און האלבע יתומים — 1,278. די אומגליקליכע, וועלכע האבען פערלוירען זייער האב און גוטס, האבען ביז יעצט בעקומען שטיצע 5,431,700, און די אלמנות און די פערוואונדעטע האבען בעקומען 414,265 רובעל. די דאזיגע סומען זע־נען צונויפגעקליבען געווארען פון נדבות אין אויסלאנד אין בעטראג פון 4,093,361 רובעל און אין רוסלאנד אין בעטראג פון 1,752,671 רו־בעל. דער דאזיגער חשבון איז אבער נאך נישט קיין אבגעשלאסענער, אזוי ווי דער קאמיטעט האט נאך נישט די לעצטע בעריכטען.

און נאך איין אינטערעסאנטען חשבון האב איך וועגען דער לי־בעראלער טעטיגקייט פון סטאליפינס רעגירונג: דעם חשבון פון דעם, וואס איז געווארען פון די געוועזענע דומא-דעפוטאטען. 1 דעפוטאט איז געהרג'עט געווארען; 1 איז אראב פון זינען און איז אין א דול־הויז; 2 זיינען געווארען קראנק פון קלעפ; 10 בעהאלטען זיך און מען ווייס נישט, וואו זיי שטעקען; 5 זיינען פערשיקט געווארען; ביי 33 זיינען געמאכט געווארען רעוויזיעס; 24 זיצען אין געפענגנישען און 182 זיינען צוגעצויגען געווארען צו גערינטליכער פעראנטווארטליכקייט. און גלייכצייטיג האט מען זיי אבגעזאגט פון אלע עפענטליכע שטעלען און זיי ארויסגעשטופט פון יעדער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט און צו־גענומען ביי זיי אלע פאליטישע רעכט. און דאס אלעס דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען די, וועלכע דער קייזער האט זיי אמאל גערופען „די בעסטע פונ'ם פאלק"!

און ווילט איהר וויסען, וואס נאך האט געטהון אונזער טייערע רעגירונג פאר דעם ליבעראלען געדאנק, פאר וועלכען אונזער סטאליפין האט אין אנפאנג אזוי שטארק און פייערדיג געדרשנ'ט — זי האט גע־לאזט אין קיעוו צוזאמענפאהרען זיך די „אמת רוסישע מענשען". גע־קומען זיינען דארט אהין דעלעגאטען פון זעכציג גובערניעס און שטעדט פון רוסלאנד און סיבירי, און צווישען זיי — די הויפט-זיילען פון דער רעאקציע: פירשט מ. ל. שאכאווסקאי, פירשט שטשערבאטאוו,

ענגעלהארדט, גראף בוקסהעוודען, ב. וו. ניקאלסקי, פירשט מ. מ. וואל-קאנסקי, א. י. דובראווין, ארכימאנדריט וויטאליס, דער בעקאנטער וו. א. גרינגמוט, פירשט א. מ. גאליצין, דער פראטאיעריי י. וואסטרא-גאוו, ל. י. ראגאזין, מיראליובאוו, רומיאנצעוו, באלאשעוו, א. א. ניקי-טין, וו. ג. ארלאוו, דר. גלאגאלעוו, י. י. שאראפאוו און נאך און נאך. צוערשט האט מען א גאטעסדיענסט אבגעהאלטען, געזונגען דעם פאלקס-הימן און זיך גענומען צום קלויבען א פארזיצענדען; דער דאזיגער כבוד איז צוגעפאלען דעם פירשט שאכאווסקאי, דובראווין און גרינגמוט. דאן האבען זיך אנגעפאנגען די בעגריסונגס-רעדעס. אין נאמען פונ'ם פעטערבורגער רוסישען קלוב האט דעם צוזאמענפאהר בעגריסט ענגעל-הארדט. דאן האט גרינגמוט געהאלטען א פייערדיגע רעדע; ער האט נאכגעוויזען, ווי די אידעע פון זעלבסט-הערשונג איז פון רוים געקומען בירושה צו רוסלאנד. רוים, לויט גרינגמוט'ס פערזיכערונג, איז נאטיר-ליך נישט אזוי הויך געשטאנען, ווייל עס האט איהר געפעהלט דער מאראלישער יסוד, און דערפאר האט דארט די הויכע אידעע געליטען און רוים האט געמוזט אונטערגעהן. דא האט קאנסטאנטין דער גרויסער געבראכט די גרויסע אידעע קיין צאראגראד, וואו זי האט זיך צונויפ-געגאסען מיט דער אידעע פון קריסטענטום. די עכטע הייליגע פארם האט די אידעע ערשט בעקומען דאדורך, וואס דער הייליגער וולאדימיר האט אין קיעוו אנגענומען די רעכט-גלויביגקייט און דאן — דער גאנ-צער פרק ווי, להבדיל, משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וכו'. קיעוו האט איבערגעגעבען די מיסיע וולאדימיר'ן, וולא-דימיר — מאסקווא און מאסקווא—פעטערבורג. און דאס איז געווען דאס גרויסע אומגליק. פעטערבורג, דאס האלב-דייטשע פעטערבורג האט נישט פערשטאנען די גרויסע רוסישע אידעע און האט זי פערקויפט דורך וויטע'ס הענד די יודען, אזוי אז יעצט מוז מען אנהויבען די ארבייט ווידער פון פארענט. — נאך דער דאזיגער רעדע האט מען אוועקגע-שיקט גראטולאציאנס-טעלעגראמען צום קייזער, צום הייליגען סינאד, צום ליבעראלען מיניסטער סטאליפין און צום ענגלישען פארלאמענט, וועלכען מען האט בעפויהלען, אז ער זאל זיך נישט אונטערשטעהן מעהר ארויסצושיקען די דעלעגאציע צום געוועזענעם רוסישען פארלא-מענט. דאן האט מען אנגעהויבען צוטיילען כיבודים אלע גרויסע לייט.

וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר דער גרויסער אידעע פון די עכט-רוסישע מענשען און פון די שוואַרצע הונדערטער. אַזוי, למשל, האָט בעקומען דיין כיבוד דער בעקאַנטער דר. פּיכנא און אויך שאראפּאָוו. ליידער זיצט איצט גראָד דער בעקאַנטער קישיניעווער קרושעוואַן אין געפענגעניש פאַר אַ געפעלשטען וועקסעל און ער האָט נישט געקאָנט זיין אויף דער פערזאַמלונג און האָט זיין כיבוד נישט געקאָנט בעקומען.

אוי, די רוסישע ליבעראַלע רעגירונג! וואָס זי האָט געמאַכט מיט דער לאָנדאָנער דעלעגאַציע און וועלכע טעלעגראַם דער ענגלישער פאַרלאַמענט האָט געמוזט אַהערשיקען, ברויך איך אייך נישט צו דערצעהלען. אינטערעסאַנט איז אָבער דער טעקסט פון דעם קאָמוניקאַט, וועלכען עס האָט פערעפענטליכט דער פעטערבורגער קאָמיטעט, וואָס איז געווען בעשטימט מקבל פנים צו זיין די געסט. דער דאָזיגער קאָמוניקאַט לויטעט:

„דעם 6-טען און 8-טען אָקטאָבער האָבען מיר דערהאַלטען פונ׳ם לאָנדאָנער קאָמיטעט אַ טעלעגראַם מיט דער ביטע פונדאַסניי צו בעהאַנדלען די פראַגע פון דעם קבלת-פנים פאַר דער דעפּוטאַציע, „וויל עס האָבען זיך פערשפּרייט אין דער דאָזיגער זאַך פאַלשע נאַכריכטען" און „וויל עס זענען פאַרהאַן נאַכריכטען, אַז דאָס ערשיינען פון דער דעפּוטאַציע אין רוסלאַנד קאָן אַרויסרופען אין פעטערבורג אַ געפעהרליכע קאָנטער-רעוואָלוציע". און אַזוי ווי דער פעטערבורגער קאָמיטעט קאָן באַין אופן נישט גאַראַנטירען די לאָנדאָנער געסט די אונבעריהרליכקייט פון זייער פערזאָן צווישען דעם פינסטערען פאָלק, וועלכעס איז געוואָרען אויפגעהעצט אין דער דאָזיגער זאַך דורך אַ קינסטליכע אַגיטאַציע, דערפאַר האָט עס געמוזט ענטפערען אויף די ענגלישע טעלעגראַם אין דעם זין פון ניין".

נישט אמת, מיר זענען ווייט געקומען!

כופּצעהנטער בריעף

עס איז ביי מיר שוין פראָסט געוואָרען אַ כּלל אַזעלכער, אויף וועלכען איך קאָן מיך פערלאָזען ווי אויף אַ גוטען ריכטיגען וויגער. ליינען איך אין אונזערע אָפיציעלע צייטונגען, עפּעס בשורות טובות אויף יודען אָדער פּראָיעקטען פון רעפאָרמען אָדער גלאַט אַזוי אַ נאַכריכט, אַז דער פּרעמיער-מיניסטער (אויף יודיש הייסט דאָס: דער מיניסטער וועלכער פיהרט אַלע ביי דער נאָז) האָט פּלוצלינג בעקראָגען אַ גליהענדען חשק צו געבען דעם פאָלק כּל המינים הומאַנע מתּנות, וועלכע זענען נאָר פאַרהאַן אויף דער וועלט, ווייס איך באַלד, אַז איך וועל געפינען אין דיזעלביגע צייטונגען אויף דער אַנדערער זייט אויך די ידיעה, אַז עפּעס אַ שליח מיוחד פון רוסלאַנד איז אַרויסגעפאָהרען און זוכט אין אויסלאַנד אַ שטיקעל הלוואה. אַזוי פיהרט זיך שוין דאָס פון דורי-דורות. ביידע סדרות געהען אַלעמאָל צוזאַמען ווי, להבדיל, תזריע און מצורע. אַ טאָפּ נאָך אַ פּאָר גראָשען אין אויסלענדישע קעשענעס און גלייכצייטיג אַ פול מויל מיט הבטחות אויף רעפאָרמען און ספּעציעל אויף רעפאָרמען פאַר יודענס וועגען. אַ נאַכריכט, למשל, אַז דאָס מיניסטעריום זיצט טאָג און נאַכט און עסט נישט און שלאָפט נישט און זוכט נאָר ווי צו פערבעסערן די יודישע לאַגע, און אויף דער אַנדערער זייט די נאַכריכט, אַז גראַף וויטע איז נאָך אַלץ לא-עלינו נישט געזונד און מוז שוין נעבעך ווידער אַריינפאָהרען אויף עטליכע טעג אין פּאַריז וועגען זיין אָפּעראַציע (מסתּם די אָפּעראַציע ביים פּראָפעסאָר רויטשילד!) און דאַן נאָך בערלין (מסתּם ווידער צום פּראָפעסאָר מענדעלזאָן!) און דאַן אפשר אויך נאָך לאָנדאָן (ווי הייסט דאָרט דער לאָנדאָנער פּראָפעסאָר?) און צום סוף אַודאי אויך קיין אַמעריקא. אַ מענש, אַ חלוש נעבעך. נאַטירליך, מיט דעם פאַלען און מיט דעם שטייגען פון די אויסזיכטען אויף די הלוואה, פאַלען און שטייגען אויך

די נאָכריכטען וועגען די רעפאָרמען. און קריגט מען די הלואה, פּער-בעסט מען באַלד די הבטחות און מען רעדט נישט מעהר פון די רע-פאָרמען; און קריגט מען זי נישט — דערלאַנגט מען אַ שפּיי מיט דער בעקאַנטער רוסישער קללה, און מען רעדט מ מ י ל א נישט מעהר פון יענע „נאַרישקייטען". ווי אַ רויטער פאָדים ציהט זיך יענע רעפאָרמען-קאָמעדיע, אָדער יענע יודען-גלייכבערעכטיגונגס-קאָמעדיע זינט חדשים און יאָהרען דורך אונזער טעגליכער געשיכטע, און מיך וואונדערט נאָר, ווי עס געפינען זיך אַלעמאָל נאָך נייע נאַראָנים, וועלכע גלויבען. אָבער איז די קאָמעדיע אַזוי בולט, אַז זי שטעכט פּראָסט אין די אויגען; על-פּי-רוב קומט אַזאַ נאָכריכט וועגען רעפאָרמען אין דעם בעקאַנטען גע-שוואָלענעם (צפּ־דאַרישען סטיל מיט אַ ים פון ווערטער און מיט אַ סך אַ סך נעמען, אַזוי אַז ווען דער אויסלענדישער לעזער (און דאָס איז דאָך בזרעכענט פאַר דעם אויסלענדער!) לייענט, מיינט ער, אַז ער האָט באמת פאַר זיך עפּעס אַ זאַך, וועלכע האָט אַ שטיקעל ממשות.

אין די לעצטע טעג האָב איך געלייענט איבער די פערהאַנדלונ-גען וועגען אַ נייער הלואה: ראָטשילד וויל, ראָטשילד וויל נישט; לאָנדאָן וועט זיך בעטייליגען, לאָנדאָן וועט זיך נישט בע-טייליגען; דייטשלאַנד האָט צוגעזאָגט, דייטשלאַנד האָט זיך אָבגעזאָגט. אויסערדעם האָב איך בעמערקט עפּעס אַ קאָך אויף די בערזעס; עס האָלט אין שטייגען. און נאָך עפּעס: די לייטאַרטיקלען און די רובריק „רוסלאַנד" אין די גרעסערע אויסלענדישע צייטונגען זענען מיר פּלוצ-לינג געוואָרען זעהר פריינדליך געשטימט פאַר רוסלאַנד'ס וועגען. נאַטיר-ליך דרעה איך אום דאָס בלעטעל און זוך — און ריכטיג: איך געפין אַ גרויסען אַרטיקעל מיט דער איבערשריפט: „קאָקאָווצעוו'ס פּראָיעקט אין דער יודענפראַגע". ישועות טובות פאַר יודען וועגען! איך לייען און איך בין זיך מחיה.

אויף סטאָליפּינס וואונש — ערצעהלט אונז די נאָכריכט — האָט דער פינאַנץ-מיניסטער (זעהט איהר: דוקא דער פ י נ אַ נ ץ-מיניסטער!) קאָקאָווצעוו אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט פון נייע פאַרשרייטען אין דער יודענפראַגע, הויפּטזעכליך וועגען דער פערגרעסערונג פון זייערע רעכט בנוגע די ערטער, וואו זיי מעגען וואוינען און בנוגע קויפען הייזער און ערד און בנוגע זיך בעשעפטיגען מיט האַנדעל און מלאכות גגון

בנוגע אַנטיילנעהמען אין אַקציאָנערע אונטערנעהמונגען. — נאָך דעם דורכפאָרשען דאָס גאַנצע ריעזיגע היסטאָרישע מאַטעריאַל פון די דינים וועגען יודען אין רוסלאַנד זינט קאַטערינאַ די צווייטע ביז אויף אונזע־ע טעג, איז קאָקאָווצעוו געקומען צו דעם שלוס, אַז די גאַנצע רוסישע לעבענס-אָרדנונג איז למפרע געגען דער אויסברייטונג פון די גרעניצען, וועלכע דער יודישער תחום המושב האָט און געגען דעם, אַז מען זאָל יודען געבען פולע רעכט גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער. — דערפאַר האָט ער אויסגעאַרבייט אַזאַ פּראָיעקט:

1) יודען, רוסישע אונטערטאַנען, מעגען זיין בעשטענדיגע איינוואוינער אין די שטעדט און דערפער פון די פאָלגענדע גובערניעס: בעסאַראַביער, ווילנער, וויטעבסקער, וואָהלינער, גראָדנער, יעקאַטערינאָסלאַווער, ק׳עווער, קאָוונער, מינסקער, מאָהילעווער, פּאָדאָלסקער, טאַורישער, כערסאָנער, טשערניגאָווער און אויך אין גאַנץ קעניגרייך פּוילען.

2) יענע יודען, וואָס האָבען ביז יעצט געהאַט רעכט צייטענווייז אָדער שטענדיג צו וואוינען אויסערהאַלב די גרעניצען פון תחום המושב, וועלען פון איצט אָן האָבען דאָסזעלביגע רעכט אויף צו וואוינען אין דער גאַנצער מלוכה אָהן אויסנאַהם. די סוחרים פון ערשטער גילדע אין קיעוו, אויב זיי וועלען נאָר האָבען אָבגעצאָהלט גילדע שוין 15 יאָהר און זיי וועלען אָבגען געצוואוינט שוין 10 יאָהר אין קיעוו, וועלען אויך האָבען אַזעלכע רעכט.

3) אַרבייטער און בעלי-מלאכות, אויב זיי האָבען געוואוינט אויסערהאַלב דעם תחום-המושב 10 יאָהר, וועלען מעגען וואוינען אין דער גאַנצער מלוכה.

4) ווייטער: זייערע ווייבער און מינדעריעהריגע קינדער און ברידער און שוועסטער וועלען אויך מעגען וואוינען מיט זיי.

5) דאָרט, וואו יודען וועלען מעגען וואוינען, וועלען זיי האָבען אויך די רעכט פון די איבעריגע איינוואוינער, מיט אויסנאַהם פון׳ם רעכט צו קויפען און בעזיצען פּויערישע ערד און „פּאַרצעלע-גיטער״, ווי אויך צו קויפען און בעזיצען ערד און גיטער, וועלכע ווערען געקויפט דורך דער פערמיטלונג פון דער פּויערים-באַנק. אין האַנדעל און אינדוסטריע בלייבען דיזעלבע בעגרענצונגען ווי געוועזען בנוגע אויסאַרבייטען און

האַנדלען מיט הייליגע בילדער, צלמים און אַנדערע קריסטליכע הייליגע זאַכען.

6) דאַגעגען װעלען אַלע בעגרענצונגען בנוגע דעם אָנטיילנעהמען פון יודען אין אַקציאָנערע אונטערנעהמונגען אײנציגװײז אָבגעשאַפט װערען.

איך לייען דעם דאָזיגען פּראָיעקט, און איך פיהל, װי דאָס בלוט שטייגט מיר אין פנים אַריין און איך הויב אָן עפּעס אַזוי װי זיך צו שעהמען. אַזוי ביליג קאָן מען אַ װעלט אָבנאַרען! און דערצו ערשט האָט אַ מענש מיט אַ מיניסטער-קאָפּ געברויכט דורכצופאָרשען דאָס גאַנצע ריעזיגע היסטאָרישע מאַטעריאַל פון די דינים װעגען יודען אין רוסלאַנד זינט קאַטערינאַ דער 2-טער ביז אויף אונזערע טעג! און מענשען אין אויסלאַנד לייענען און לייענען דאָס גאַנצע בערגעל פון געאָגראַפישע נעמען װי בעסאַראַביע, װיטעבסק, װילנא, װאָהלין א. אַז. װ. און מיינען, אַז מען האָט טאַקי עפּעס געגעבען, און כאַפּען זיך צום בייטעל און הויבען אָן צו צעהלען די הלואה! און די מעקלערס קומען, און די װיטעס קומען, און פון די פּאָרטפעלען שלעפּט מען אַרויס די „פּראָיעקטען” פון די רעפאָרמען און מען װייזט אויף זיי אָן מיט דעם פינגער און מיט אַ שטאָלצער מינע אויפ'ן פנים, און די שיפס און די ראָטשילדס און די אַנדערע הערען קוקען און שמייכלען צופריעדען און — געבען. עס װילט זיך אַ שפּיי געבען אויף די גאַנצע היבשע געזעלשאַפט און עס װילט זיך דאָס צייטונגס-בלאַט צערייסען און דאַן אײנציגװײז צערייסען אויך יעדען פון די דאָזיגע פיינע הערען! איז עס מעגליך, אַז עס איז ניטאָ פאַרהאַן צװישען זיי אַלע כאָטש אײנער, װאָס זאָל זיך כאַפּען דערפאַר און דערקענען, װי װייט מען מאַכט חוזק פון זיי אַלעמען און װי אין דעם גאַנצען „פּראָיעקט” פון די דאָזיגע „פרייהייטען” פאַר יודענס װעגען איז נישטאָ אפילו קיין קוצו של יוד, װעלכע זאָל זיין געענדערט פון דעם װי עס איז געװען ביז אַהער? און דאָס דאָזיגע בעסאַראַביע, װיטעבסק, װילנא, װאָהלין וכדומה, זענען עס דען נישט די ערטער, װאו יודען אין רוסלאַנד האָבען געמעגט װעגעטירען אויך ביז אַהער? און דאָס דאָזיגע װעגען די סוחרים פון דער ערשטער גילדע, איז עס דען נישט דאָסזעלבע, װאָס איז געװען ביז איצט? און די רעכט פון די אַר-

ביי‏טער אין די רעכט פון די בעלי־מלאכות און די מעשה מיט די וויבער און די קינדער און די חסדים טובים וועגען האַנדעל און האַנדעל און די ישועות טובות וועגען בעטייליגונג אין אַקציאָנערע אונטערנעהמונגען, איז עס נישט דערצ‏ו‏לבער מפטיר כדאתמול?

אָבער איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיך בחנם אויפגערעגט און האָב נישט געהאַט פּאַרוואָס. אין דעם היינטיגען מאָרגענבלאַט לייען איך אַ טעלעגראַם פון פעטערבורג, אַז „אַזוי ווי דער רעגירונגס־ראַט האָט זיך איבערצייגט, דאָס די געזעצגעבונג וועגען די יודען מוז אינגאַנצען רעווידירט און אויך רעפאָרמירט ווערען, און אַזוי ווי דער רעגירונגס־ראַט האָט גלייכצייטיג אַרויסגעפונען, אַז עס איז נאָך פאַר דער צייט צוצוטרעטען יעצט צו אַזאַ אַרבייט פון רעוויזיע, האָט דער רעגירונגס־ראַט בעשלאָסען, די יודען־פראַגע דערווייל נישט ספּעציעל צו בעהאַנדלען.“ — די יודען־פראַגע וועט אַלזאָ מוזען ווערען איבערגעגעבען, ווען די צייט וועט קומען, צו אַ בעזונדערע „קאָמיסיע“ אָדער מען וועט זיך פערלאָזען וועגען איהר אויף דער קומענדער דומא.

מילא וואָס אַ „קאָמיסיע“ איז טייטש אין רוסלאַנד, האָב איך אייך שוין אַמאָל ערקלערט; דענסטמאָל ווען עס וועט מיר אַרויסוואַקסען האָר כון דער אינערער פלעכע פון מיין האַנד, דענסטמאָל וועט די קאָמיסיע פערטיג זיין מיט איהרע אַרבייטען. נאָר אויך די „קומענדע דומא“ איז קיין שלעכטע זאַך נישט; איך בין שוין בייצייטענס אויף איהר אַ שטיקעל מבין.

דען, זעהט איהר, די דומא קומט, זי קומט טאַקי! דער פּרעמיער־מיניסטער האָט שוין אַרויסגעלאָזען אַ צירקולאַר צו אַלע גובערנאַטאָרען וועגען די פאָרבערייטונגען צו די וואַהלען פאַר דער קומענדער דומא — און זי וועט אם ירצה־השם קומען. איהר טאָרט מיך אָבער נאָר נישט פרעגען, וואָס פאַראַ דומא דאָס וועט זיין. מילא די אַלע שלעק פון דער ערשטער דומא, איך מיין די אַלע, וואָס האָבען געהאַט די חוצפּה אויפצוטרעטען געגען דער רעגירונג און צו בונטעווען און צו מאַכען רעוואָלוציעס און צו פערלאַנגען מענשען־רעכט און נאָך אַזעלכע רעכט — זיי וועלען אין די נייע דומא שוין נישט אַריינקומען. אַ גרויסען טייל פון זיי האָט מען שוין

פערשטאָפּט די מיילער, און מיט דעם איבעריגען טייל גיט מען זיך אויך אַן עצה. איך לייען היינט, למשל, אַ טעלעגראַם פון פּעטער-בורג, אַז „דער שטאָדט-הויפּטמאַן האָט מודיע געווען דער שטאָדט-פערוואַלטונג, אַז די געוועזענע דומאַ-דעפּוטאַטען, וועלכע זענען צוגע-צויגען געוואָרען צו אַ געריכטליכער פעראַנטוואָרטונג, ווייל זיי האָבען אונטערגעשריבען דעם „וויבאָרגער אויפרוף", ווי: קעדרין, נאַבאָקאָוו, פּעטרונקעוויטש, פאָן רוטצעס, מ. פּעטרונקעוויטש, מיטאַלניקאָוו, פּאָ-פּאָוו, פּעטראַזשיצקי, סעמיאָנאָוו, פירשט אורוסאָוו, מאַסלעניקאָוו און סמירנאָוו, האָבען פערלוירען דאָס רעכט צו נעהמען אַנטייל אין די וואַהלען צו דער רייכס-דומאַ". אַחוץ דעם האָט אונז די רעגירונג בעשענקט מיט אַ שעהן ביסעל נייע תקנות וועגען די וואַהלען. לויט די דאָזיגע תקנות זענען שוין בעהיט אַ גרויסער טייל פון די בויע-רים און אַזוי אויך אַ גרויסער טייל פון די אַרבייטער אַנטיילצונעה-מען אין די וואַהלען. נאָר עכטע רוסען זענען עכטע וועהלער: מענ-שען, וועלכע וועלען מוזען ברענגען מן הסתם אַ הכשר פון אַ פאַר-שטעהער פון דער „שוואַרצער הונדערט". און אפשר וועט זיך די רע-גירונג נאָך מישב זיין און וועט עס מאַכען נאָך בעסער: נאָר מענ-שען, וועלכע וועלען קענען נאָכווייזען, אַז זיי האָבען זיך וועניגס-טענס איינמאָל אין זייער לעבען בעטייליגט אין אַ פּאָגראָם, וועלען ווערען צוגעלאָזט צו די וואַהלען. וועלכע פרייהייטען און וועלכע רעפאָרמען אַזאַ דומאַ וועט געבען, קאָן מען פערשטעהן שוין איצט. גאַנץ בעזונדער קאָנען מיר פערשטעהן, ווי אַ יודען-פראַגע וועט ווערען געלעזט פון אַזאַ דומאַ. נישט אכט, די אויסזיכטען זענען הערליך!

נאָר איין זאַך פּלאָנטערט זיך מיר פאָרט אַרום אין מוח: אירט זיך די רעגירונג נישט אַביסעל טועה אין דעם חשבון, ווען זי מיינט, אַז מיט פּויטשען און מיט ביקסען און מיט אַרעסטען און מיט טויזענד אַנדערע פּורעניות קאָן מען פערשטעלען דעם וועג פאַר'ן גייסט?...

זעכצעהנטער בריעף

וואָס מיין קאָפּ קאָן שוין גאָרנישט פֿאַרשטעהן און גאָרנישט בעגרייפען, דאָס איז די שטעלונג פון אונזערע ליבעראַלע מענשען צו דעם אָנדענקען פון דעם 30־(17)־טען אָקטאָבער. די דאָזיגע מענשען האָבען גאַנץ עהרליך און אָהן אַ שום איראָניע געפייערט אין לאַנגע צייטונגס־אַרטיקלען די יאָהרצייט פון דעם דאָזיגען טאָג. אמת, זיי האָבען זי געפייערט מיט אַ זעהר געדריקטער שטימונג און מיט טרויעריגע ניגונים און מיט זָך און וועה, אָבער געפייערט האָבען זיי דעם אָנדענקען פון דעם דאָזיגען טאָג פּאָרט. מאַנכע האָבען געשריבען, אַז „דאָס איז אַ מין 14־טער יולי, ווען מען האָט די באַסטיליע איינגעריסען; מאַנכע — אַז דאָס איז אַ טאָג פון אַ מורא'דיגען היסטאָרישען „נצחון", אַ „וואונדערבאַרער טאָג"; מאַנכע — אַז „דאָס איז דער טאָג, אין וועלכען עס איז אין רוסלאַנד געבוירען געוואָרען די פרייהייט, די קאָנסטיטוציע"...

די פרייהייט? די קאָנסטיטוציע איז דענסטמאָל געבוירען געוואָרען? אַז אָך צו אייער פרייהייט, אַז וועה צו אייער קאָנסטיטוציע! ווי קינדער האָט איהר אייך געלאָזט נאַרען, ווי נאַראָנים האָט איהר אייך געלאָזט אָנהענגען, און אויף די גליטש האָט איהר אייך געלאָזט פיהרען, און בשעת מען האָט אייך געבונדען טויזענדמאָל מעהר ווי פריהער, האָט מען אייך פערשוויגען אייערע נאַרישע פראַזען „אַז די ביוראָקראַטיע גוסס'ט" און „אַז דער אַלטער רעזשים איז שוין געפאַלען", דען מען האָט אייערע דאָזיגע נאַרישקייטען בעדאַרפט האָבען צו אַ געוויסען צוועק, און איהר, איהר זענט אויף דעם אַלעם איינגעגאַנגען און איהר זענט געווען ווי די קינדער! און היינט קומט איהר און רעדט פון קאָנסטיטוציע און פון פרייהייט? ניין, נאַרישע מענשען! איך האָב געמיינט, אַז ווען דער דאָזיגער

טאָג ווען קומען, ווען איהר פערהילען דאָס פנים און ווען בליקען צו דער ערד און ווען זיך שעהמען צו קוקען איינער דעם צווייטען אין די אויגען אריין, ווייל איהר זענט אזוי נאריש געוועזן און האָט אייך געלאָזט אויף אזא קינדישען אופן אָבנאַרען — און דאָ קומט איהר נאָך און רעדט פון אַ מורא׳דיגען היסטאָרישען נצחון און פון אַ וואונדערבאַרען טאָג און ווייס גאָט פון וואָס נאָך! אויב אַזוי, זענט איהר עס ווערט, וואָס איז געקומען אויף אייך!

און ווי, ווען דאָס גאַנצע איז געוועזן אַ קאָמעדיע פונ׳ם אָנ-פאַנג ביז׳ן סוף? און ווי, ווען מען האָט זיך דאָס גאַנצע שפּיעל אָבגערעדט פריהער? און ווי, ווען איידער מען האָט דעם 17-טען אונטערגעשריבען דעם אַקט פון דער „קאָנסטיטוציע”, האָט מען שוין געהאַט דעם 16-טען, אָדער נאָך פריהער, אונטערגעשריבען און ארויס-געשיקט בעפעהלען צו די גובערנאַטאָרען וועגען די הונדערט פּאָגראָ-מען און וועגען קאָנטר-רעוואָלוציעס און וועגען טויזענד נייע אונטערדריקונגען?

איך ווענינסטענס, פאַר זיך אליין, האָב פון אָנפאַנג אָן זיך פאָרגעשטעלט דעם גאַנג פון דער גאַנצער זאַך אין אַלגעמיין אין פאָלגענדע שטריכען:

רוסלאַנד, דער גרויסער בער, ליעגט צעלעגט אויף אַלע פיערע אין זיין גאַנצער מורא׳דיגער געשטאַלט, און זיין שווערער בערען-קאָפּ אַרבייט איבער זיין שווערער אונבעהאָלפענער בערען-פּאָליטיק. די הויפּט-אַרבייט איז דער אויסלענדישער קרעדיט; אַ נצרך איז רוסלאַנד פון תמיד אָן געוועזן. פון צייט צו צייט קומען עפּעס עט-ליכע פריי׳הייטס-פליעגען און פּרובען אַ גראָבעל געבען איהם ביי דער נאָז. ער דערלאַנגט אַ בלאָז מיט די גרויסע נאָזלעכער און ווערט אַלעמאָל זייערער פּטור אויף אַ קורצע אָדער אויף אַ לאַנגע צייט, טיילמאָל דערלאַנגט ער אַ מאַך מיט דער לאַפּע און לעגט אַוועק אַ היבשע צאָהל פון זיי, און ערשט רעכט איז ער זייערער פּטור. אַ מינוט שפּעטער האָט ער שוין פערגעסען די גאַנצע פליעגען מיט דער גאַנצער פרייהייט און ער טראַכט שוין דערפון ווי פון פאָריאָהריגען שנעע און ער האָט שוין ווידער נאָר אין זין זיין הויפּט-אַרבייט אין אויסלאַנד. וויטע, דער פּשוט׳ער וויטע, וועלכער

איז נאך נישט גראף, זיצט אין אויסלאנד, אין אמעריקא, און טאפט אלע וואגענס און ארבייט ועגען אנ׳אנלייהע. זעלבסטפערשטענדליך ענטפערען איהם די אויסלענדער, צום גרעסטען טייל יודישע באנקי- רען, אז געלד וועלען זיי געבען, נאר בתנאי, אז פרייהייטען זא- לען געגעבען ווערען אין רוסלאנד און אויך געווינסע רעכט פאר גע- וויסע מענשען פון א געוויסער אומה. וויטע, א פנים א מענש מיט א גוטען היתוך הדיבור (אויך אונזער סאקאלאוו האט איהם א הסכמה געגעבען, או ער קאן רעדען!) הויבט אן צו בעווייזען זיי, אז פריי- הייטען קאן מען נישט געבען, ווייל „דאס פאלק“ וועט נישט דער- לאזען זון וועט אויפשטעהן און וועט הרג׳ענען אויף רעכטס און אויף לינקס. די באנקירען שטעהען און קנייטשען די שטערענס, א משונה׳דיגע אומה די אומה פון רוסלאנד: עפעס איז דארט פארהאן א „פאלק“ און דאס דאזיגע פאלק שטעהט אלעמאל געגען זיך אליין, אזוי ווי דער זעהר עהרבארער מיסטער וויטע ערקלערט דאס. און פארט האבען זיי זיך איינגע׳עקשנ׳ט, ווי א קינד, וועלכעס פערלאנגט אז מען זאל איהם געבען די לבנה, און האבען געטענה׳ט: א קאנ- סטיטוציע, גיט פרייהייטען, גיט גלייכבערעכטיגונג פאר יודענס וועל- בען! וויטע שטעהט און ווערט אונגעדולדיג. עפעס א נארישע אומה די דאזיגע אומה פון באנקירען; זיי מאכען זיך צו נאר ווי די קינ- דער און פערלאנגען שפיעלצייג, בשעת מען רעדט פון געשעפט, און אויפ׳ן קול זאגט ער: מיט־אמאל קאן מען נישט אלצט געבען; ביס- לעכווייז מוז מען געבען; „דאס פאלק“ אין רוסלאנד, א קלייניגקייט „דאס פאלק“! „דאס פאלק“ לאזט נישט; איך וועל אבער אהיים קומען און וועל מיך בעמיהען...

און ווי ער איז אהיים געקומען, האט ער זיך נישט בעמיהט, נאר ער האט קורץ און שארף געזאגט: מזל־טוב! מיר קריגען א הלואה, צוויי און א ניערטעל מיליארד זענען שוין ווי אין דער קעשענע. מיר מוזען נאר געבען א „קאנסטיטוציע“! די נאראנים, די אויסלענדער פערלאנגען עס דורכאוס, און ווענען אזא נאַ־ישקייט לוינט עס זיך נישט אזא הלואה ארויסצולאזען פון דער האנד...

— אבער קאנסטיטוציע! זענט איהר משוגע געווארען? מיר אין רוסלאנד וועלען געבען קאנסטיטוציע? מיר?...

וויסע אָבער שטעהט און שמייכעלט: — עס ווערט נישט אַזוי הייס געגעסען ווי עס ווערט געקאָכט. אויף אַ נאָמען קומט עס נישט אָן. קאָנסטיטוציע איז נאָר אַ וואָרט. און איידער מען גיט די, קאָן מען עס מאַכען אַזוי, אַז אויף די קניהען וועלען זיי דאַן ליעגען און אונז בעטען רחמים, אַז מען זאָל פון זיי די דאָזיגע קאָנסטיטוציע צוריקנעהמען. אַזאַ קאָנסטיטוציע וועט עס זיין. און די גאַנצע וועלט וועט דאַן זעהען, אַז אין רוסלאַנד קאָן נאָך נישט זיין קאָנסטיטוציע— און געלד וועלען מיר פאָרט האָבען.

איך גצה נישט איין אויף די איינצעלהייטען. אַ טהאַטזאַך איז, אַז דעם 17-(30-)טען אָקטאָבער האָט מען געגעבען די קאָנסטיטוציע, און דעם 18-(31-)טען האָט זיך אָנגעהויבען די גרויסע בלוטבאָד איבער גאַנץ רוסלאַנד. הונדערטער מענשען האָט מען געשאָכטען אויף דעם שרעקליכסטען אופן, קינדער האָט מען צעשמיקעלט אין מורא'דיגע מיתות משונות, טעאַטערס האָט מען אָנגעצונדען איבער די קעפּ פון די מענשען, וועלכע זענען אין דרינען געזעסען און האָבען נישט געקאָנט אַרויס. זינט מענשען געדענקען, האָט די גרויזאַמקייט און די אונמענשליכקייט נישט געפייערט אַזעלכע ווילדע אָרגיעס ווי דענסטמאָל. און אַלעס איז געווען בערעכענט, און אַלעס איז געווען אָבגעמאַכט פון אָנפאַנג אָן. איהר ווילט נישט גלויבען? איהר ווילט אפשר זאָגען, אַז דאָס איז געווען אַ צופאַל און אַז באמת האָט דאָס פאָלק געמאַכט אַ בלוטיגע דעמאָנסטראַציע געגען דער קאָנסטיטוציע? איהר ווילט אפשר הערכסטענס צוגעבען אַז נאָר די נידעריגערע בעאַמטע האָבען געפיהרט דאָס רעדעל און די העכערע רעגירונג דאַרף מען פרייספּרעכען פון דעם שרעקליכען פאָרוואורף? סאָ איז עס גענוג, אַז איך זאָל דערמאָהנען אָן די אויפגעדעקטע סודות פון פירשט אורוסאָוו; און איז אויך דאָס נישט גענוג, מוז איך שוין אָנווייזען אויף די נייעסטע ענטדעקונגען אין דעם בריעף פון דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט לאָפּוכין, אַ בריעף, וועלכער איז בעקאַנט געוואָרען ערשט אין די לעצטע טעג און אין וועלכען עס ווערט קורץ און שאַרף ערקלערט און בעוויזען, אַז אַלע פּאָגראָמען, סיי געגען יודען, סיי געגען דער רוסישער אינ־טעליגענץ, סיי געגען יעדער פרייהייטס-בעוועגונג, זענען אָרגאַניזירט

געוואָרען פון פעטערהאָף דורך דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַליין, און געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער דאָזיגער אָרגאַ־יזאַציע איז דער הויף־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געהאַלטען אין זיינע הענד אַלע פּע־דים צוזאַמען און האָט אַלעס געפיהרט פון דאָרטען אויס!...

און גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך געלאָזט נאַרען, און דאָס גאַנצע אויסלאַנד האָט זיך געלאָזט נאַרען — און גאַנץ רוסלאַנד און דאָס גאַנצע אויסלאַנד לאָזען זיך נאַרען נאָך יעצט! און מיר האָבען געמיינט, אַז מיר האָבען אַ דומא, מיר האָבען געמיינט, אַז מיר זענען עפּעס און מיר האָבען גערעדט און מיר האָבען זיך בענוצט מיט היכע ווערטער און מיר האָבען כלומרשט בעפויהלען און מיר האָבען כלומר'שט געזעצען פאַרגעשריבען און געגעבען און מיר האָבען יונגלעך געשיקט אין גאַס אַריין מיט רויטע פאָהנען און מיט פייערדיגע ליעדער און מיט ווערטער, ווי: „די ביוראָקראַטיע ליעגט שוין אין דער לעצטער גסיסה”, אָדער: „דער פערפוילטער רעזשים האַלט שוין ביי זיין לעצ־טען זיפץ” — און יענע דאָרט, פון דער אַנדערער זייט, האָבען זיך געקאָנט קוים איינהאַלטען פון לאַכען און האָבען זיך געטראַכט: לאָ־זען זיך די קינדער נאָך אַ ווייל״ע שפּיעלען; וועט קומען די צייט, וועלען מיר אַ ציה געבען ביים שנירעל, און אַלעס וועט פערשווינ־דען ווי אַ חלום־געשטאַלט! — אוי, די „גוסס'דיגע” ביוראָקראַטיע! אוי, דער „פערפוילטער” רעזשים!

א י י ן סצענע וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען. דאָס גליק, וועלכעס איז אונז געגעבען געוואָרען דעם 17־טען אָקטאָבער איז דעם פאָלק בעקאַנט געוואָרען ערשט דעם 18־טען אינדערפריה. וואַרשא האָט זיך אַרומגעקוקט אַזוי ערשט אַרום עלף אַ זייגער פאַר־מיטאָג. די גאַסען האָבען אָנגעהויבען ווערען צו ענג. צעהנדליגער טויזענדער מענשען, מענער און פרויען און זויגעדיגע קינדער און אַלטע קראַנקע און ווער עס האָט נאָר געקאָנט קריכען אויף די פיס, איז אַרויס אין גאַס אַריין. דער לאָמער בעטלער פאַר דער קירכע, וועלכער שפּיעלט די ראָליע פון אַ לאָמען, האָט פערגעסען זיין ראָליע און האָט אַוועקגעוואָרפען דעם שטעקען און איז געלאָפען, ווילד־פרעמדע מענשען זענען זיך געפאַלען איינער דעם אַנדערען אין די אָרעמס אַריין און האָבען זיך געקושט און האָבען זיך גראַטולירט

און האָבען געוויינט. אויף שנעל-אימפּראָוויזירטע טריבונעס און אויף לייטערס זענען געשטאַנען צעהנדליגער און הונדערטער רעדנער און האָבען גערעדט. די פאָהנען האָבען געפלאַטערט רויט אין דער לופט. און שטימען האָט מען געהערט: נידער מיט דער קנעכטשאַפט, נידער מיט דעם אַבסאָלוטיזם, נידער מיט דעם צאַראַט! און אָפיצירען זע־נען פערבייגעגאַנגען און האָבען זיך אָראָבגענומען די היטלען און האָבען זיך געבייגט. און פּלוצלינג... איך וועל דעם אויגענבליק קיינמאָל נישט פערגעסען. דאָס בלוט איז מיר שטעהן געבליבען אין די אָדערען. פון דעם פלאַץ פאַר'ן ראָטהויז איז עס געקומען, און פינף מינוט שפּעטער האָט מען געוואוסט אין אַלע גאַסען, אַז פאַר'ן ראָטהויז האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע בלוטבאָד. די זשאַנדאַרמען שלאָגען מיט בלאַנקע שווערדען אין דעם פּובליקום אַריין און רייטען מיט די ווילדע פערד אַריין אין דעם המון און צעטרעטען לעבע־דיגע און טויטע. דער וואַנדאַליזם האָט זיך אָנגעהויבען. מען האָט דאָס פּובליקום געהאַט פערנאַרט ביז צום ראָטהויז, און ווי עס האָט געהאַלטען אין מיטען פון זיין ליעדער-זינגען, האָט זיך פּלוצלינג די בלוט-באָד אָנגעהויבען...

אוי אַ'ז דאָס אַ ביוראָקראַטיע, וועלכע „גאָסס'ט" שוין! אוי, איז דאָס אַ רעזשים, וועלכער איז שוין „פערפוילט"! ניין, קינדער, מיט פראַזען אַליין מאַכט מען עס נישט!...

און אַ טהאַטזאַך איז: נאָך קיינמאָל איז די קנעכטשאַפט אין רוסלאַנד נישט אַזוי שטאַרק געווען ווי איצט און נאָך קיינמאָל זע־נען אונטערדריקונגען נישט אַזוי געוואַלדיג געווען ווי אינ'ם לעצטען יאָהר און נאָך קיינמאָל זענען די בעגרענצונגען נישט אַזוי געווען אָנגעוואַקסען און נישט שווערער געווען צו דערטראָגען ווי גראָד אין דעם יאָהר פון דער פרייהייט!

און דאָס אומגליק איז, וואָס מיר אַליין נאַרען זיך, און אַ טויזענדפאַכיג אומגליק איז עס, וואָס דאָס אויסלאַנד קאָן גאָרנישט די לאַגע און לאָזט זיך אַלעס איינרעדען און לאָזט זיך בעהאַנדלען ווי די קליינע קינדער. עס איז גענוג, ווען עטליכע בעצאָהלטע קאָ־רעספּאָנדענט־ען מאַכען שטימונג פאַר רוסלאַנד און ווען עטליכע גע־שיקטע בערזען-אַגענטען הויבען קינסטליך אַ קורס און ווען עטליכע

ליגנערס זענען מבטיח אין אינטערוויוען, אז מען הויבט שוין אָן צו נעבען אַלע פרייהייטען.

היינט – בעת מען פרעהט זיך וועגען די קומענדע פרייהיי־טען און וועגען קאָמיסיעס, וועלכע מען וועט אָוועקזעצען פאַר יו־דענס וועגען און וועגען אַ גערעכטע, נישט נאָר פלוידערענדע דומא, וועלכע וועט זיין – קומט מיר אָן אַ נאַכריכט פון פעטערבורג, אז די פאָליציי האָט זיך גענומען נאָכצוקוקען דאָס „וואוינרעכט“ פון אַלע יודען דאָרט און מען פייניגט און מען יאָגט יודען און יודישע בעלי־מלאכות אויף דעם בעסטען אַלטען אופן און אַ „גירוש פעטער־בורג“ איז גאָרנישט פון די אונמעגליכע זאַכען!

זיבעצעהנטער בריכף

צווישען די ווערטער, וואָס יעדעס רוסישע מויל רעדט זיי אַרויס מעכאַניש און אונבעוואוסט אפשר הונדערט מאָל איבער'ן טאָג, איז פאַראַן אַ וואָרט „פוסטיאַקי" (בעדייט אַזויפיעל ווי: נאַרישקייטען) אָדער אויך „ניטשעוואָ" (אַזויפיעל ווי: גאָרנישט מיט גאָרנישט) אָדער „יערונדאַ" (אַזויפיעל ווי: אַ נעכטיגער טאָג) אָדער „טשעפוכאַ" (אַזויפיעל ווי: אַנ'אויסגעבלאָזען איי). דער רוסישער מענש בענוצט זיך מיט די דאָזיגע רעדענסאַרטען ביי טאָג און ביי נאַכט, און וועט זיי רעדען אויך פון שלאָף. דו דערצעהלסט איהם אַ מעשה-נורא, אַז אַנ'ערדציטערניש האָט אָבגעמעקט פון דער ערד אַ גאַנצע שטאָדט מיט עטליכע הונדערטטויזענד איינוואוינער, און ער וועט רוהיג אויסהערען און דיר ענטפערען „פוסטיאַקי". דו זאָגסט איהם עדיסאָן האָט ערפונדען אַ מאַשין, אַז דער מענש וועלכער דרעהט זי אָן, קאָן לעבען אייביג, און ער וועט דיר ענטפערען „ניטשעוואָ". דו לייענסט איהם פאָר פון דער צייטונג, אַז אין מאָסקווא קעמפען די רעוואָלוציאָנערען אויף די באַריקאַדען און האָבען שוין איינגענומען דעם קרעמל, און ער גיט דיר אַ מאַך „יערונדאַ". דו ווילסט איהם איבערשרעקען און זאָגסט איהם, אַז הונדערט און פערציג מיליאָן מענשען אין רוסלאַנד זיצען שוין אין די פעסטונגען און די ציטאַדעלען און באַלד וועט די דומא אַרויס מיט אַ געזעץ, אַז יעדער אָנשטענדיגער רוס וועט מוזען לכל הפחות איינמאָל אין טאָג געהן געבונדען אין אייזערנע קייטען, און ער וועט אויך דאָס רוהיג מקבל זיין און וועט דיר ענטפערען זיין „טשעפוכאַ". דער פירוש איז: ער מאַכט זיך פון גאָרנישט. עס איז דער גרויסער בטול-היש, וואָס ער איז אַלצדינג מבטל, און נישט ווייל ער פילאָזאָפירט אַזויפיעל, נאָר ווייל דער מוח הויבט גאָרנישט אָן צו אַרבייטען. עס

האָלט זיין אַ זעהר אינטערעסאַנט ווערק, ווען עבעס אַ משוגענער פּראָפעסאָר וואָלט אויפשטעהן און וואָלט שרייבען די פסיכאָלאָגיע פון דעם רוסישען „טשעפוכאַ" און „יערונדאַ", פון „פוסטיאַקי" און „ניטשעוואָ". עס איז די שווערפעליגקייט פון אַ בער נעבען דער לייכטער געדאַנקענלאָזיגקייט פון אַ קינד. אַלעס איז רעכט. עס איז רעכט אַ רעוואָלוציע — און ער מיינט, אַז איבער נאַכט איז ער שוין פערטיג מיט איהר און האָט שוין אַלעס דערגרייכט; עס איז רעכט אַנ'אויגענבליקליכע אונגעהויערע רעפּרעסיע, וועלכע נעהמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד — און ער מיינט, אַז אַלעס האָט זיך שוין גענענדיגט און עס איז שוין קיין שום אויסזיכט נישט מעהר פאַרהאַן. דער זין פאַר אַ היסטאָרישער נויטווענדיגקייט, פאַר אַ היסטאָרישען גאַנג, פעהלט איהם אינגאַנצען.

עס איז אונגעפעהר אַ יאָהר, ווי די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געווען אין גרויסען ברען. ווער עס האָט יענע טעג מיטגעמאַכט, דער וועט זיי קיינמאָל נישט פערגעסען, און קינדער וועט ער האָבען צו דערצעהלען און קינדס-קינדער און וועט קיינמאָל נישט האָבען גענוג. אָבער לאַכען מוז מען פאָרט, ווען מען דערמאָנט זיך, ווי צעהנדליגער טויזענדער מענשען האָבען די זאַך אַזוי לייכט גענומען און האָבען געפּלוידערט טאָג און נאַכט פון דער „גוסס'דיגער רעגירונג" און פון דעם „פערפוילטען אַלטען רעזשים", וועלכער מוז אין 24 שעה אָדער שוין אין אַ חוזש אָדער העכסטענס אין אַ פיערטעל יאָהר איינברעכען און איינפאַלען. נאַטירליך האָט דער בעזונענער מענש זדער דער שפּעטער, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט, בעוואָרענט אָדער הויך געלאַכט און ערקלערט, אַז דאָס איז אַ פּראָצעס, וועלכער מוז דויערן יאָהרען און אפשר גאָר צעהנדליגער יאָהרען און אַז דאָס איז ערשט דער אָנפאַנג און אַז בעגריפען, וועלכע זענען געוואָרען דורך יאָהרהונדערטער פלייש און בלוט, ווערען נישט בטל איבער נאַכט און אַז טויזענד געגעבענע פרייהייטען, אפילו ווען זיי זענען עהרליך געגעבען און זענען עהרליך געמיינט, זענען נאָר פרייהייטען אויפ'ן פּאַפּיער. און ביז זיי געהען איבער אין לעבען דויערט עס יאָהרצעהנדליגער — עס האָט נישט גענוצט, מען האָט בעטראַכט אַזאַ מענש אַלס אַ רעאַקציאָנערען פינסטערען מענש,

וועלכער פערשטעהט נישט און ליעבט נישט און וויל נישט די פרייהייט. — זינט דענסטמאָל איז אונגעפעהר אַ יאָהר אַוועק און די רעפּרעסיעס האַלטען יעצט אין גרויסען ברען. ווער עס לעבט די דאָזיגע טעג מיט, דער וועט זיי נישט מעהר פערגעסען, און קינדער און קינדס-קינדער וועט ער האָבען צו דערצעהלען. עס איז אָבער קאָמיש, ווי די סיטואַציע האָט זיך געענדערט און ווי די ראָלען זענען איבערגעביטען געוואָרען. צעהנטויזענדער און הונדערט-טויזענדער האַלטען יעצט אין איין שרייען, אַז די רעוואָלוציע איז שוין געענדיגט און אַלעס איז פערלוירען. די דאָזיגע, וועלכע האָבען אינ'ם פאָריגען יאָהר טאָג און נאַכט גערעדט פון דער גוסס'דיגער רעגירונג און פון דער פערפוילטער ביוראָקראַטיע און פון דעם אָבגעשטאָרבענעם רעזשים, זאָגען יעצט, אַז נאָר עטליכע נישט-רייפע יונגלעך האָבען געמאַכט דעם גאַנצען געפילדער און אייגענטליך איז גאָרנישט געווען. בעצאָהלטע קאָרעספּאָנדענטען שרייבען דאָסזעלבע לינקס און רעכטס אין די גאַנצע וועלט אַרויס און זענען מבטיח, אַז די בעסטיע אין רוסלאַנד איז שוין בעזיעגט און אַלעס איז שוין גאָט צו דאַנקען אויפ'ן בעסטען אופן. בערזען-שפּעקולאַנטען און קליינע און גרויסע געשעפטס-גנבים בעמיהען זיך דעם קורס צו האַלטען און רעדען איין מי יודע וואָס און בעווייזען אַז „טוב מאוד“ מיינט מען רוסלאַנד. און נאָר יענער בעזונדער מענש, וועלכער איז דענסטמאָל געשטאַנען ביי דער זייט, שטעהט אויך יעצט ביי דער זייט און בעמיהט זיך צו ערקלערען דעם פּראָצעס פון אַ רעוואָלוציאָנס-גאַנג און ווי די רעוואָלוציע איז יעצט אַקוראַט מיט אַ יאָהר עלטער און ענטוויקעלטער און ווי די בעוועגונג האָט אפילו אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט און ווי אַלעס גצהט און ענטוויקעלט זיך כשורה טראָץ דער קאָמעדיע און טראָץ דעם שווינדעל פונ'ם 17-(30)-אָקטאָבער אינ'ם פאָריגען יאָהר. דען אַ היסטאָרישע בעוועגונג ווערט נישט איבער נאַכט געבוירען און ווערט נישט בטל איבער נאַכט. זי הענגט נישט אָב פון אַ דעקרעט מיט איין אונטערשריפט. ווען עטליכע נאַראָנים האָבען אינ'ם פאָריגען יאָהר געמיינט, אַז אָט אָט זענען זיי שוין מיט אַלעם פערטיג — איז דאָס זייער זאַך; ווען עטליכע נאַראָנים מיינען ווידער יעצט, אַז אָט אָט זענען זיי שוין

מיט דער רעוואָלוציע בעגראָבען און פערלאָרען — איז דאָס ווידער זייער זאַך. אָבער טראָץ דעם געהט זי, די רעוואָלוציע, און ענטוויקעלט זיך און נעהמט אַרום וואָסאַמאָל גרעסערע שטרעקען און וואָסאַמאָל נייערע מענשען-גרופּען. ביי איינצעלנע מענשען איז דער טעות געקומען אפשר דערפון, ווייל מען האָט אַלעס געבויט אויף אַנ'אַרבייטער בעוועגונג, און די פויערים-בעוועגונג האָט מען ווייניג שטודירט. די הויפּט-מאַסע אין רוסלאַנד איז אָבער די פויערים-מאַסע.

און ווירקליך — די רעוואָלוציע געהט. מען דאַרף בלויז גענוי פערפאָלגען די בעריכטען, וועלכע עס קומען אין די קליינע פּראָווינציאַנעלע אונבעדייטענדע בלעטער און צו לייענען די נאַאיווע מעשה'לעך פון די דערפער. די מעשה'לעך זענען אפשר פאַר פרעמדע אויערען אַזוי פיעל ווי גאָרנישט; מיר אָבער, וועלכע וויסען, וואָס אַ רוסישער פויער איז, מיר וועלען ביים לייענען באַלד אַרויסגעפינען, וואָס אַ רעוואָלוציע האָט צו ערוואַרטען פון אַזעלכע פויערים אין עטליכע יאָהר אַרום. — ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט דער רוסישער פויער צופיעל געהאַט ערוואַרטעט פון דער דומאַ, און זינט דעם פונאַנדערלאָזען פון דערזעלבער איז ער זעהר פערביטערט געוואָרען. פאַר איהם איז עס קלאָר, אַז שולדיג אין דעם גאַנצען אומגליק איז די רעגירונג און מען מוז זיך אין איהר נוקם זיין. אָבער וואָס איז „רעגירונג"? רעגירונג הויבט זיך פאַר איהם אָן מיט דעם ערשטען מיניסטער און ענדיגט זיך מיט דעם לעצטען פּאָליציאַנט אין דאָרף; אַלעס איז רעגירונג. און אַזוי ווי מיט דעם ערשטען מיניסטער קומט ער נישט צוזאַמען, קיהלט ער דערווייל זיין צאָרן אָן דעם אַלערלעצטען פּאָליציאַנט אין דאָרף.

איך לייען, למשל, אַ מעשה'לע פון נאָוואָ-אוזענער קרייז אין סאַמאַרער גובערניע, ווי די פויערים זענען בעפאַלען די וואַלד-היטער און האָבען געפאַנגען דעם אוריאַדניק. די מאַסע האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף דעם געפאַנגענעם און האָט געשריען: „פאַר וואָס האָסטו פונאַנדערגעטריבען די דומאַ?" — „קינדערלעך!" ענטפערט דער אוריאַדניק פערציטערט און מיט טרעהרען אין די אויגען, „איך בין אין דעם נישט שולדיג. וואָס מען בעפעהלט מיר, דאָס טהו איך. און דאָס, וואָס איהר זאָגט וועגען דער דומאַ — בין איך דען דער מיניסטער?" —

„אַלץ איינס!“, האָבּן די פויערים געשריען, „דו ביסט פון זייער צד!..“

דאָס דורכאַנאַנדערטרייבען האָט די פויערים אַזוי ווייט אויפגערייצט, אַז זיי הויבען אָן זייערע מחלוקת מיט דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע בּיי דער קלענסטער סיבה און אָפט גאָר אינגאַנצען אָהן אַ סיבה. — איך לייען ווי אין אַ דאָרף, צאַרעוואָקאָנטשורסק, איז עפּעס צרויסגעקומען אַ וואָרט־שטרייט צווישען אַ קרעמער און אַ סאָלדאַט בּיי דעם קויף פון אַ שירם. דער אוריאַדניק מיט צוויי סטראַזשניקעס זענען געקומען און האָבּען געוואָלט אַרעסטירען דעם סאָלדאַט, דאָ האָט זיך אָבּער די מאַסע פון די פויערים אַרויפגעוואָרפען אויף זיי מיט ווילדע קולות און האָבּען זיי געוואָלט שלאָגען, און די דאָזיגע פּאָליציי־לייט האָבּען זיך געמוזט פאַר זיי בּעהאַלטען. די פויערים האָבּען זיך אָבּער דערמיט נישט בּערוהיגט, בּיז זיי האָבּען דעמאָלירט די הייזער פון דער דאָרטיגער פּאָליציי־אַדמיניסטראַציע און האָבּען פון אַלע כלים אַ תּל געמאַכט. — פון ניקאָלסק, אַ דאָרף אין וואָלאָגדער גובערניע, לייען איך, ווי אַ זשאַנדאַרמען־אָפיציר האָט זיך בּעוויזען אין דאָרף, און ווי נאָר די פויערים האָבּען דערפון געהערט, האָבּען זיי זיך גענומען צו קלינגען אין אַלע גלאָקען און עס האָט זיך צוזאַמענגענומען אַ גרויסער עולם, בּעוואָפּענט מיט אייזענס און שטעקענס און אַנדערע כלים, און האָט זיך אַ וואָרף געגעבּען צום זשאַנדאַרם. דער דאָזיגער איז קוים מיט'ן לעבּען אַנטקומען. — און ווידער לייען איך פון אַ דאָרף ס ראָקינאַ אין קורסקער גובערניע. דריי דראַגאָנער זענען אַמאָל אין אָווענד צוגעגאַנגען צו יונגע לייט, װעלכע זענען געזעסען און האָבּען געזונגען לידער. די פויערים פונ'ם דאָרף זענען אַזוי שטאַרק געוואָרען אויפגערעגט, אַז אַ"ע האָבּען זיך אויפגעכאַפּט ווי איין מאַן. די דראַגאָנער זענען זיך צעלאָפען. די פויערים האָבּען זיי נאָכגעשאָסען און האָבּען זיי פערוואונדעט. — אַ'ענהליכע מעשה לייען איך פון אַ דאָרף אילמען אין סאַראַטאָווער גובערניע מיט אַ ראָטע קאָזאַקען, וואָס די פויערים האָבּען זיי אָנגעגריפען. בּיי דעם אָנגריף זענען אומגעקומען פיער מאַן. — און נישט נאָר אויף דער אַדמיניסטראַציע און דער פּאָליציי איז דער צאָרן אַזוי גרויס, נאָר אַפילו אויף דעם פויער, וועלכער ווייזט אַרויס די

קלענכסטע הילף א פאָליציאַנט. אין לעפּעטיק, א דאָרף אין מעליטאָפּאָלער קרייז, האָבען די פויערים פערברענט א הויז פון א פויער איינ-איינעם מיט א מאַנאָפּאָל-בראָנפען-האַנדעל, ווייל דער פויער האָט פערדונגען א וואוינונג פאַר פאָליציי-לייט, און אויך דעם גלח'ס וואוינונג האָבען זיי דעמאָלירט איבער דער אייגענער סיבה.

גאַנץ בעזונדערס קומען פאָר צוזאַמענשטויסען מיט דער פאָליציי צוליעב אַרעסטען. ווען די פאָליציי וויל עמיצען אַרעסטירען, דערלאָזען עס די פויערים באין אופן נישט. אַזעלכע מעשות מאַכען זיך הויפּטזעכליך, ווען עס קומען „אָראַטאָרס" (געוועהנליך זענען עס סטודענטען, וועלכע קומען אין די דערפער רעדעס האַלטען), אָדער ווען די פויערים מאַכען „מיטינגס". נישט ווינדיג איז דער פאָליציאַנט, וועלכער וויל זיי דערין שטערען. עפּעס ווי א עלעמענטאַרע קראַפט ברעכט אַרויס פון די פויערים און זיי ווערען ווילד, ווי די חיות רעות. עס איז נישט פאַרהאַן די קראַפט, וועלכע זאָל זיי קאָנען אָבהאַלטען. אינטערעסאַנט איז די מעשה אין א סאַראַטאָווער דאָרף מיט דעם געוועזענעם דומאַ-דעפּוטאַט פון סאַראַטאָווער גובערניע, וועלכען די פאָליציי האָט געוואָלט אַרעסטירען און וועלכען עטליכע טויזענד פויערים האָבען פערטיידיגט.

ווי ווייט די פויערים זענען שוין ענטוויקעלט און ווי הויך דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק האָט שוין אַרומגעכאַפּט די דערפער, זעהט מען גאַנץ בעזונדערס אַרויס פון די פערשידענע בעריכטען אויס די פערשידענסטע געגענדען, וואו די פויערים שיקען עקסטרא משולחים אין די שטעדט אַריין, אום צו זוכען און צו ברענגען „אָראַטאָרס"...

זאָל אונז גאָט אין אונזער הילף זיין, ווען דער דאָזיגער פויער וועט שוין זיין „רייף" און וועט אויפשטעהן! דער דאָזיגער טעמפּער מוח, וועלכער קאָן קיין שום געדאַנק נישט אויפנעהמען און אין וועלכען א געדאַנק מוז זיך ערשט איינעגבערען דורך צעהנדליגער יאָהרען ביז ער איז איהם תופס — דער דאָזיגער מוח, האָט ער איינמאָל דעם געדאַנק אויפגענומען, ווערט ער אין איהם פלייש און בלוט, און עס איז דאַן אויף דער וועלט די קראַפט נישט פאַרהאַן, וועלכע קאָן אזא מין מענש אָבהאַלטען. גאָט מעג דאַן אויף רוסלאַנד

רחמנות האָבען! עס וועט דאָן, דאַכט זיך, אויך קיין סטאָליפּין נישט העלפען...

האַלט איך שוין ביי סטאָליפּין, וויל איך צום סוף מזכיר זיין נאָך אַ דבר טוב: דער שרייבער סטאָליפּין, דער ברודער פונ'ם מי־ניסטער, האָט אין איינעם פון די לעצטע נומערען פון „נאָוואָיע וורעמיאַ" דערצעהלט, אַז אין זייער פאַמיליען־הערב איז פאַרהאַן אַ ווייסער אָדלער, צוזאַ איינער ווי אין דעם הערב פון דעם פּוילישען קעניגרייך. דאָס האָט בעוואויגען די צייטונג „אוטרעננייאַ פּאָטשטאַ" די זאַך נעהנטער אויסצופאָרשען, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז סטאָליפּינס עלטער־עלטער־זיידע איז געווען אַ פּוילישער יוד, אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך געטויפט.

ווי געפעלט אייך אונזער משפּחה!

צושטעהענדע בריעף

די וואהלען צו דער נייער דומא קומען וואס באלד נעהנטער — דערווייל אָבער זיצט דער סענאט און ארבייט און מאכט „ערקלע-רונגען“...

ווייסט איהר אפשר, וואָס „ערקלערונג“ הייסט? — איהר, אין אייער אייראָפּעאישער תמימות, קאָנט מיינען, אז אן ערקלערונג הייסט אזוי: מען האָט פאר זיך א זאך, וועלכע איז א ביסעל טונ-קעל אָדער ניט אינגאנצען בעגרייפליך, קומט איינער צוגעהן און מאכט זי אונז קלאָר. זאָג איך אייך: געטראָפען אקוראט קאפויר: ביי אונז הייסט אן ערקלערונג גראָד א ביסעל אנ ע ש. מען האָט פאר זיך א זאך, למשל א געזעץ, וועלכעס איז קלאָר אפילו פאר א פיצעל קינד, דאָ קומט צוגעהן דער סענאט און גיט צו דעם דאָ-זיגען געזעץ אַן ערקלערונג, א פירוש, דאָס הייסט, ער טייטשט עס אויס אזוי, אז אפילו א מענש מיט טויזענד קעפ וועט דערין שוין מעהר ניט דערקענען די אנטיקע אורשפּרינגליכע כוונה. אין רוסלאנד געהט צוריבער א גרויל איבער די ביינער, ווען מען הערט אין רעגירונגס-זאכען, אז עס איז דאָ אן ערקלערונג, א קלאָר-מאכעניש; עס קאָן איינעם פינסטער ווערען פאר די אויגען. דו קאָנסט פאר דיר האָבען א געזעץ, קלאָר ווי דער טאָג און פעסט ווי אייזן-אייזן, למשל, אז א מאנסבּערשוין, ווען ער ווערט אלט איין-און-צוואנציג יאָהר, מוז ער געהן צום מיליטער-דיענסט; זאָל דיך אָבער נישט וואונדערען, ווען דער סענאט וועט קומען איינמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען און וועט „ערקלערען“, אז מיינען מיינט מען דערמיט דווקא און דווקא א פרויענצימער, וועלכע איז אלט צוויי-און-פערציג יאָהר. דו קאָנסט דיר האָבען

אַ געזעץ, מיט קלאָרע ווערטער און מיט קלאָרען סינס און מיט אַ קלאָרער אונטערשריפט פונ׳ם געזעצגעבער געשריבען, אַז אין אַ דומא איז וועהלבאַר יעדער, וועלכער צאָהלט אַ געוויסען צענז; ווען די ביזס אָבער אַ רוסישער מענש, וועסטו עס געפינען פאַר זעהר איינפאַך, ווען דער סענאַט וועט קומען און וועט אַזוי לאַנג אויס־טייטשען דאָס דאָזיגע געזעץ, ביז עס וועט אַרויסקומען, אַז מיי־נען מיינט מען דערמיט, דאָס יעדער, וועלכער צאָהלט דעם צענז מוז ווערען געבונדען אין קייטען און צריינגעזעצט אין אַ ציטאַדעל, און נאָר דער, וועלכער האָט אַ צייגניש, אַז ער האָט אומגעבראַכט ווע־ניגסטענס דריי נפשות אין אַ פאָגראָם (בשעת הדחק איז גענוג אויך דריי קינדער), דער האָט דאָס רעכט צו זיין אַ מיטגליד אין דער קייזערליכער דומא. דערויף איז מען דאָך אַ סענאַט און דערפאַר גיט מען דאָך אַנ׳ערקלערונג. בקיצור, דער געזעצגעבער דענקט און־דער סענאַט לענקט.

אָבער היגטער דעם סענאַט שטעהט אַלעמאָל איינער, וועל־כער דרעהט דאָס רעדעל. אייגענטליך לענקט נישט דער סענאַט, נאָר דער בעטרעפענדער, וועלכער איז אינטערעסירט אין דער זאַך. דאָס־מאָל איז עס אונזער בעקאַנטער, דער מיניסטער סטאָליפין.

ווי מאַכט מען עס, אַז די נייע דומאַ זאָל זיין אַ גאָטס־פּאָרכטי־גע, אַ כשר׳ע, אַנ׳עכט רוסישע, און די צאַדינס, די צניקינס, די ראָדיטשעווס, די ווינאַווערס און די אַלע איבעריגע „רעוואָלוציאָ־נערען״ זאָלען נישט קאָנען אין איהר צריינקומען? — די „ראָסיאַ״, די „נאָוואָיע ווערמיאַ״ און די „מאָסקאָווסקיאַ וויעדאָמאָסטי״, די אייזערנע ויילען, אויף וועלכע די רעגירונג שטיצט זיך, זענען געקו־מען מיט גרויסע פייערדיגע לייט־אַרטיקלען און האָבען גאָר פּראָסט און אָהן שום חכמות און גאַנץ גראָבליך גענומען די זאַך אין די האַנד צריין און האָבען געזאָגט: דער מיניסטער מוז זעהען, אַז די וואַהל־געזעצען זאָלען ווערען אינגאַנצען געענדערט; עס מוז צרויס אַ געזעץ, אַז די און די, דאָס הייסט גאַנצע פּאָלקס־שיכטען, טאָרען נישט וועהלען. דאָס איז נאַטירליך אַביסעל פּראָסט און גראָבליך. דאָס קאָן חלילה שאָדען דעם רוסישען אָנזעהן אין אויסלאַנד, און ממילא אויך דער אנזיבט, אַז די רוסישע רעגירונג איז „ליבעראַל״,

און ממילא אויך דער צוקונפטיגער רוסישער הלואה. דער מיניסטער סטאָליפּין איז פיעל קליגער. ער ווייס, ער קאָן דאָס אייגענע קו:צי־שטיק מאַכען אַביסעל פיינער און אַביסעל איידעלער. ער נעהמט דאָס פעקעל וואַהל־געזעצען און קומט מיט זיי צום סענאַט און הויבט אָן צו פרעגען גאַנץ נאַאיוו, אַזוי נאַאיוו ווי נאָר מעגליך, עטליכע שאלות. ער איז נעבעך אַ פשוטער מענש, ער פערשטעהט נישט, און וויל פראַסט מען זאָל איהם בעלעהרען — ובכן אַ פראָסטער ילמדנו רבנו. אדוני הסענאַט, הויכגעעהרטער און זעהר קלוגער סענאַט! איך האָב דאָ ביי מיר אַ פעקעל גרונד־געזעצען פון די געזעצען וועגען די וואַהלען און כ׳וואָלט וועלען אייך פרעגען פשט: צי קאָן זיך רעכענען פאַר אַ פויער, וואָס האָט שטים־רעכט, דער, וועלכער האָט נישט קיין אייגענעם הויז? — און דער קלוגער סענאַט האָט באַלד פערשטאַנען, וואָס דער הערר מיניסטער וויל, און אַז די כוונה איז, דאָס מען וויל זיך בעוואָרענען פאַר די אַלאַדינס און די אַניקינס, און ער האָט געענטפערט: דער פירוש פון דעם דאָזיגען געזעץ איז קלאָר און דייטליך, אַז דער, וועלכער האָט נישט אין דאָרף קיין הויז אָדער קיין ערד, דער רעכענט זיך נישט פאַר קיין פויער. אָט אַזוי איז מען פסור געוואָרען איידעל און פיין פון אַ רעכט ביסעל געפעהרליכע סוביעקטען און אַזוי האָט מען איבערגעוויפט געמאַכט עטליכע מיליאָן מענשען פאַר נישט בערעכטיגטע צום וועהלען. — און דאַן ווידער אַ שאלה: אדוני הסענאַט, הויכגעעהרטער און זעהר קלוגער סענאַט! עפּעס וועגען די אַרבייטער איז מיר נישט גאַנץ קלאָר דאָס וואַהל־געזעץ... און איידער נאָך דער הערר מיניסטער האָט געענדיגט דעם זאַץ, האָט דער סענאַט שוין פערשטאַנען, וואָס מען פערלאַנגט פון איהם און האָט „ערקלערט" דאָס געזעץ, אַז אַ מענש, כאָטש ער צאָהלט זיין צענז און האָט אַ דירה אויף זיין אייגענעם נאָמען און האָט אַלע אַנדערע זכיות צו קאָנען וועהלען ווי יעדער בירגער, קוים אָבער אַרבייט ער צוזאַמען אין אַ פאַבריק מיט נאָך 49 אַרבייטער, געהט ער שוין אַריין אין די קאַטעגאָריע פון די בעשרענקטע אַרבייטער, וועלכע האָבען אַ זעהר בעשרענקטע וואַהל־רעכט און ער קאָן שוין נישט וועהלען לויט דעם רעכט פון אַ פראָסטען בירגער. פערשטעהט זיך, אַז באופן זה ווערט מען שויז

ווידער פטור פֿון אַ סך מיליאָנען לעסטיגע וועהלער און פֿון אַ זעהר אונרוהיגען און געפֿעהרליכען עלעמענטען, נישט בלויז אין דער דומאַ אַליין, נאָר אַפילו ביי פֿערזאַמלונגען און צוזאַמענפֿאָהרען פֿון די שטאָדטישע וועהלער. — אין דאָך פלוצים ווידער אַ שאלה, אַ שאלה פֿון אַ חם נאַטירליך: אדוני הסענאַט, זעהר קלוגער און זעהר עהר־ליכער סענאַט! אַזוי ווי מיר האָבען אַ געזעץ, אַז דער, וועלכער וואוינט אַ יאָהר אין אַ דירה אויף זיין אייגענעם נאָמען, קאָן וועה־לען, קאָנט איהר מיר נישט זאָגען, וואָס הייסט זיין אייגענע דירה? — און דער סענאַט, אַ פּנים באמת זעהר קלוגע מענשען, גיט אַרויס תיכף אַ פּסק, אַז אַ דירה הייסט ווייניגסטענס צוויי צימער מיט אַ באַזונדערען אַריינגאַנג און אַזוי ווייטער — און היינט גייה און זעה, אַז יעדער שנאָרער אין רוסלאַנד זאָל האָבען אַ פֿאָרשריפֿטמעסיגע דירה מיט דעם פֿאָרשריפֿטסמעסיגען בעזונדערען אַריינגאַנג, כדי ער זאָל מעגען וועהלען! פֿערשטעהט מען דאָך, אַז מען ווערט באופֿן זה שוין ווידער פטור פֿון אַ רעכט ביסעל פּראָלעטאַריאַט, וועלכעס קאָן ח״ו געפֿעהרליך פֿאַר דער קינפֿטיגע דומא. — איז ווידער אַ הערבע שאלה: אדוני סענאַט! קאָנט איהר מיר נישט זאָגען עפּעס אַ רעכטען פּירוש וועגען דעם וואַהל־געזעץ פֿון אייזענבאַהן־בעאַמטע און אייזענבאַהן־דינער?... און ווירקליך, דער סענאַט טייטשט אויס און ערקלערט אַזוי לאַנג, ביז עס קומט אַרויס, אַז דער גרעסטער טייל פֿון די דאָזיגע מענשען, וועלכע זענען אַזוי געפֿעהרליך פֿאַר דער רעגירונג און וועלכע האָבען זייער שטאַנדפּונקט אַרויסגעוויזען בעת די גרויסע אייזענבאַהן־שטרייקען, פֿערלירען זייער רעכט צום וועהלען. אָט אַזוי האָט הכּרך סטאָליפּין מיט דער הילף פֿון דעם גוטען סענאַט און זיינע גוטע ע ר ק ל ע ר ו נ ג ע ן געקאָנט בלייבען ביים אַלטען וואַהל־געזעץ, כדי נישט צו דיסקרעדיטירען זיך און זיין ליבעראַליזם אין די אויגען פֿון אויסלאַנד, און פֿאָרט צו דער־גרייכען, אַז אונצעהליגע מיליאָנען רוסישע אונטערטאַנען זאָלען נישט פֿאָרען האָבען קיין שום מגע־ומשא מיט דער דומא. עס איז פֿאָרט שעהן, אַז אַ מענש איז ליבעראַל און איז נישט מבטל גרונדגעזעצען פֿון אַ וואַהל־רעכט!

דערווייל האָט די וואַהל־קאַמפּאַניע שוין זיך אָנגעהויבען אין

אלע לאַגערען. מען אַגיטירט אויף טיש און אויף בענק און אויף וועס די וועלט שטעהט. אויך אונזערע יודישע פרעסע אין רוסלאַנד איז זיין טיעף פערקראָכען אין די דיסקוסיעס וועגען די וואַהלען און די צייטונגען רייסען זיך זיין איינע מיט דער אַנדערער פאַר די קעפּ. שפּיעלט זיך, שפּיעלט זיך, קינדערלעך! ווער ווייסט, ווערענד איהר אַרבייט דאָ מעשים און איהר שרייבט אייערע אַרטיקלען וועגען אַזעלכע אָדער אַזעלכע קאַנדידאַטען, וואָס יודען האָבען אַרויסצושטעלען צו דער דומאַ לויט אייערע איבערצייגונגען, — ווער ווייס, זאָג איך, צי אין דערזעלביגער צייט שטעהט נישט כטאָליפין מיט אַ ניי בערגעל שאלות פאַר די סנהדרין אינ׳ם סענאַט און פרעגט עפּעס אַ פירוש וועגען די וועהלער צווישען דעם פאָלק ישראל, און גאָט דער איינציגער ווייס צי עס וועט נישט אַרויס היינט אָדער מאָרגען אָדער איין אַכט טעג אַרום אַ „פירוש” פון דעם סענאַט, אַז אַזוי ווי דאָס געזעץ זאָגט, דאָס יודען מעגען וועהלען, איז די אמת׳ע בעדייטונג דערפון, אַז אַלע פעלקער אין רוסלאַנד מעגען וועהלען חוץ יודען. בעגרינדען, למשל, וואָלט מען קאָנען אַזאַ ערקלערונג דערמיט, אַז אַזוי ווי יודען האָבען נישט דאָס רעכט צו וואוינען אינ׳ם אינערלעכען רוסלאַנד, איז עס קלאָר, אַז זיי האָבען אויך נישט דאָס רעכט אַריינצוקומען אָדער צו וועהלען אַזעלכע, וואָס זאָלען אַריינקומען אין דער דומאַ. מעגליך איז אַלעס. עס הענגט נאָר אָב דערפון, ווי ווייט עס איז איצט פאַרהאַן די אויסזיכט, אָדער די נישט-אויסזיכט, אויף אַ נייע הלואה אין אויסלאַנד. די מניעה וואָלט אַודאי און אַודאי נישט געווען פון דעם סענאַט׳ס צד און אויך נישט פונ׳ם מיניסטער׳ס צד!

איז זיך אָבער נישט דער הערר מיניסטער אַביסעל טועה? ווייס אפשר דער הערר מיניסטער, אַז אויך אין אַנדערע צייטען און אין אַנדערע ערטער זענען שוין געווען קלוגע מענשען, וועלכע האָבען געפּרובט פּונקט ווי ער, דורך פּאָליציי-איש-מעכאַנישע מיטלען דעם פרייהייטס-גייסט נישט אַריינצולאָזען אין די פּאַרלאַמענטען, און די רעזולטאַטען זענען געווען, מעשה שטן, גראָד פּונקט פערקעהרט? — איך וויל זיך אָבער אין קיין שום השערות נישט אַריינלאָזען; איך וויל בעסער בלייבען נאָר ביי טהאַטזאַכען

אינטערעסאַנט איז דערווייל די פּאַרגעשיכטע פון די דאָזיגע

„ערקלערונגען“ פונ'ם סענאַט, לויט ווי הערר ל. לוואָוו דערצעהלט זי אונז אין דעם לעצטען נומער „טאָוואַרישטש“. — שוין אין חודש יולי האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען צום מיניסטער פון אינערען קלאָג-בריוולעך, אַז אַ דאַנק די „חכרונות“ אין דעם וואַהל-געזעץ, האָבען זיך אַריינגעכאַפּט אין דער דומאַ „נישט געווינשטע עלעמענטען“. די מחברים פון די דאָזיגע בעמערקונגען זענען געוועזען די מיטגלידער פונ'ם צדעל. דער אַדעל האָט עדות געזאָגט, אַז דער קליין-אַדעל וואָלט זיך קיינמאָל נישט פערבונדען מיט די „קאַדעטען“, ווען נישט אַ קליינע גרופּע מענשען, ווי אַלאַדין, אַניקין, זשיקין, באָנדאַרנאָ, אָניפּקאָ און אַנדערע וואָלטען זיי האָבען די קעפּ פערדרעהט. די דאָזיגע לייט זענען אייגענטליך גאָרנישט קיין פּגיערים, נאָר גלאַט עפּעס „מאַכערס“, און האָבען אַלזאָ גאָרנישט קיין רעכט געהאַט צו הערען געוועהלט; זיי זענען אַריינגעקומען אין דער דומאַ נאָר צוליעב די „חסרונות“ פון דעם וואַהל-געזעץ. דער ערשטער, וואָס האָט אָבגעגעבען אַזאַ עדות-ערקלערונג, איז געוועזען דער גראַף דאָרער איב'ם נאָמען פון דעם קורסקער אַדעל, און נאָך איהם איז געקומען אויך דער איבעריגער אַדעל פון אַלע זייטען מיט די דאָזיגע טענות. שפּעטער אויף דעם צוזאַמענפאָהר פונ'ם אַדעל אין סעפּטעמבער האָט מען ערשט רעכט אָנגעהויבען צו בעקרעפטיגען די דאָזיגע מיינונגען. מען האָט פערלאַנגט איינפאַך, אַז אויפ'ן גרונד פון דעם 87-טען אַרטיקעל פון די גרונד-געזעצען זאָל מען דאָס וואַהל-געזעץ ענדערען. דער ראַט פון די מיניסטאָרען האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט דאַגעגען. אַזוי איז עס געקומען, און מען איז געפאַלען אויף דעם שכל, זיך צו ווענדען צום סענאַט וועגען „ערקלערונגען“, און דער סענאַט האָט צוליעב געטהון און האָט געגעבען וואָס מען האָט פערלאַנגט פון איהם. אין דעם ערשטען דעפּאַרטאַמענט פונ'ם סענאַט האָבען זיך אָנגעהויבען די זיצונגען אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם סענאַטאָר שולץ, אין וועלכע עס האָבען זיך בעטייליגט יעדעס מאָל 16–18 מיטגלידער פונ'ם סענאַט. אַנוועזענד געוועזען איז אויך איינער פון די מחברים פונ'ם אוקאַז פון 24-טען דעצעמבער 1905, אום צו געבען די נויטיגע ערקלערונגען פון אַן איינצעל וואָרט אָדער פון אַן איינצעלנעם זאַץ, ווען מען האָט געדאַרפט. אַזוי זענען געבוירען געוואָרען איינציגווייז

די „ערקלערונגען פונ'ם סענאט צו די וואהל-געזעצען און אזוי געהט עס צו מיט זיי אויך איצט און אזוי אויך אין דער צוקונפט.

איז זיך דער הערר מיניסטער נישט אביסעל טועה!

ניינצעהנטער בריעף

פון איין זייט לייען איך: דער פעטערבורגער „טיימס"-קארעס־פאנדענט טעלעגראפירט צו זיין צייטונג אין לאנדאן: „דער פרעמיער־מיניסטער סטאליפין האט ענדליך זיך ארומגעזעהן, אז אלע זיינע בעגרענעצונגען בנוגע די וואהלען ברענגען נישט קיין שום נוצען, און מען האט בעשלאסען צו געבען פאלקאמע פרייהייט אלע פארטייען צו זייערע פארוואהל-פערזאמלונגען". נישט אכת. א שיהנע בשורה, א ליכטיגע בשורה? — פון דער אנדערער זייט אבער לייען איך און זעה און האב די געלעגענהייט מיך פערזענליך צו איבער־ציינגען פון שעה צו שעה מעהר, ווי די בעריהמטע „ערקלערונגען" פונ'ם סענאט וואקסען קיין עין-הרע ווי אויף הייוועך און ווי דער איצטיגער מיניסטער כטאליפין ענטפערט אב די קאדעטען און זיי דעלט די רעוואלוציאנערען און לאזט זיי נישט אויף די ליכטיגע שיין און ווי דער שטריק אויפ'ן האלז ווערט וואסאמאל ענגער און ווי די באגרענעצונגען ווערען די וואהלען זעלבסט און ווערען יעדער מעגליכקייט פון פאר-קאנפערענצען זענען שוין אזוי ווייט, אז דאס גאנצע „וועהלען" איז שוין נאר א ריינע קאמעדיע. עס איז שוין, דאכט זיך, גאר קיין וויך נישט, ווען איינער זאגט, אז אין גאנץ רוסלאנד וועלן שטרענג על-פי-דין מעגען צוטרעטען צום וואהל־קאסטען נאר צוויי מענשען — דער בעריהמטער גרינגמוט און דער בעריהמטער קרושעוואן: ביידע, שכור ווי צוויי לוט'ס, וועלען זיך האלטען געארעמט און וועלען זיך שלעפען ביז צום קעסטעל און וועלען דארט אריינווארפען צוויי צעטלען; גרינגמוט וועט אריינ־ווארפען א צעטעל מיט דעם נאמען „קרושעוואן" און קרושעוואן — א צעטעל מיט דעם נאמען „גרינגמוט". וועמען צלוא זאל איך גלוי־בען? אייער לאנדאנער „טיימס", אדער דאס וואס איך זעה און הער?

אייגענטליך אַלס רעכטשאַפּענער רוסישער מענש, וואָלט עס געווען מיין פליכט, זיך נוהג צו זיין ווי יענע מאַטראָנע, וואָס דער מאַן האָט זי געכאַפּט ביי אַנ׳עבירה, וועלכע איז שוין אַ רעכט ביסעל בולט און זעהט זיך שוין גוט אַרויס, און זי טענה׳ט אַלץ, אַז אַ רעכטער דושענטעלמען האָט די פליכט צו גלויבען זיין פרוי מעהר ווי זיינע אויגען.

אָבער ווערט מען אַזוי פערביטערט, אַז מען פערליערט יעדען גלויבען. עס ווערט פּלוצלינג אַזוי וויסט און אַזוי טרויעריג אין דער נשמה, און עס דאַכט זיך אַז אַלעס איז שוין פערלוירען און עס איז קיין שום אויסוועג נישט פאַרהאַן. נאַרט זיך דאָס אויסלאַנד און ווייס ווירקליך נישט? ווי׳ל עס גענאַרט זיין? ווייס עס אפשר אַלצדינג אַקוראַט ווי מיר, נאָר עס פערשליכט בכיוון די אויגען און זאָגט: נאַרט אונז, זייט מוחל, נאַרט אונז, רעדט אונז עפּעס איין, זאָגט אונז עפּעס פּאָר, דען אַזוי איז עס באַקוועמער און נוצליכער פאַר אונז און אונזערע אינטערעסען?...

זעהט איהר, מיינע הערריען, ווען איהר ווילט ווירקליך קענען דאָס ווירקליכע פּנים פון רוסלאַנד, דאַן קוקט, איך וועל אייך גע-בען אַ געזאַמעלט בינטעל בלומען פון בעריהמטע אויסשפּרוכען פון בעריהמטע רוסישע שטאַאַטס-אַדמיניסטראַטאָרען — אפשר וועט איהר דערפון פערשטעהן דעם גייסט, וועלכער הערשט ביי אונז באמת. טרעפאָוו׳ס וואָרט איז געווען: „קוילען זאָל מען נישט זשאַלעווען“. — דורנאָוואָ האָט אַ זאָג געגעבען: „די רעוואָלוציאָנערען מוזען אוי-מעטום אויסגעראָטעט ווערען מיט קראָפּט פון געוועהר, און אויב זיי וועלען זיך אַנטקעגענשטעלען, זאָל מען פערברענען זייערע וואוינונ-גען. דורך אַרעסטירען דערגרייכט מען נישט דעם נויטיגען צוועק, און משפּט׳ן הונדערטער און טויזענדער מענשען איז נישט מעגליך. דאָס איינציגע, וואָס איז נויטיג, איז, אַז דאָס מיליטער זאָל גוט פערשטעהן די כוונה פון מיינע אָנווייזונגען“ (ווייסט איהר יעצט, ווער עס האָט געלערענט מאַכען פּאָגראָמען?). — דער מאָסקווער געגעראַל-גובערנאַטאָר דובאַסאָוו האָט געזאָגט: „ווען די דאָרפס-געמיינדע, אָדער אויך נאָר אַ טייל פון זיי, וועלען ווי עס איז זיך בונטעווען, וועלען זייערע וואוינונגען און זייער גאַנץ האָב און גוטס פערברענט און פערניכטעט ווערען“. — צליכאָנאָוו,

דער קוטאַיסער גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט געהאַט אַ וואָרט: „פֿאַר איין שולדיגען וועלען בעשטראָפט ווערען צעהן אונשולדיגע". אַ שעהן וואָרט, נישט אמת? — דער טאַמבאָווער גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש האָט אַ זאָג געגעבען: „איהר זאָלט ווייניגער אַרעסטירען און מעהר דערשיסען". נישט אמת, זעהר מענשליך? — דעם קרעמענטשוגער גובערנאַטאָרס אויסשפּרוך איז געווען: „אַלע, וועלכע וועלען זיין פֿערדעכטיג, וועלען זייערע וואוינונגען און זייער גאַנץ האָב און גוטס פֿערברענט ווערען. אויף די ערטער, וואו אַזעלכע מענשען וואוינען, וועט געשאָסען ווערען מיט האַרמאַטען". — דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פֿון גאָריען האָט געלאָזט הערען: „דאָס דערפֿעל אָדער דאָרף, וואו מען וועט געפֿינען אַ ביקס, וועט פֿערברענט ווערען ביז אויפ'ן גרונד". דער קורלענדער גובערנאַטאָר האָט געזאָגט: „שיכען זאָל מען און נישט פֿרעגען". — טימאָפֿייעוו, דער טיפֿליסער גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט געזאָגט: „די אַנטיילנעהמער אין פֿערזאַמלונגען, וועלכע דאָס מיליטער האָט נישט אויסגעראָטען וועלען ווערען איבערגעגעבען צום פֿעלד-געריכט". — דער איספּראַווניק לאָבאַנסקי האָט געזאָגט: לעגט אַוועק דאָס מוסר-זאָגען; צערבייט בעסער מיט פֿייער. וואָס מעהר עס וועלען זיין דערהרג'עטע, וועט איהר אַלץ מעהר זיין אָנגעזעהען ביי אייערע פֿאָרגעזעצטע, פֿלייסט זיך, אַז מען זאָל אייך האָבען צו געדענקען"...

זעהט איהר, מיינע לעזער, ווען איהר ווילט ווירקליך קענען דאָס ווירקליכע פּנים פֿון אונזער לאַנד, דאַן קומט, איך וועל אייך דערצעהלען פֿון צוויי געריכטס-פֿערהאַנדלונגען, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען אין די לעצטע טעג — אפשר וועט איהר דערפֿון פֿערשטעהן דעם גייסט, וועלכער הערשט ביי אונז: — אין זשיטאָמיר איז אַ שוואַרץ-מאה'דיגער בעאַמטער געווען אָנגעקלאָגט אין געריכט פֿאַר פֿערשפּרייטען פּאָגראָם-פּראָקלאַמאַציעס. ביים געריכט איז בעוויזען געוואָרען, אַז דער דאָזיגער בעאַמטער האָט ווירקליך פֿערשפּרייט די פּראָקלאַמאַציעס און האָט געהעצט צו אַ פּאָגראָם. נאַטירליך האָט איהם דאָס געריכט פֿרייגעשפּראָכען. אָבער נישט דאָס איז וויכטיג. פֿרייזשפּרעכען די דאָזיגע אַרט בעשולדיגטע איז קיין נייעס נישט; עס איז אויך נישט ניי, ווען זיי ווערען דערפֿאַר זאָגאַר נאָך בע-

לויתנס. ווײַטער איז גאָר דער מאָטיוו, מיט וועלכען דאָס ווישאַמירער געריכט מאָטיווירט זיין פּסק: „אמת — זאָגט דאָס געריכט — אַז דער אַנגעקלאָגטער האָט פערשפּרייט די פּראָקלאַמאַציעס, אָבער עס איז נישט בעוויזען, אַז ער האָט זיי פערשפּרייט צווישען גויים דוקא; אפשר האָט ער זיי גאָר פערשפּרייט צווישען יודען"... און אויף דעם דאָזיגען „גרונד" איז דער פּאָגראָם-העצער בעפרייט געוואָרען אינגאַנצען. — דאַגעגען אָבער האָבען מיר בייגעוואוינט עהערנעכטען אין וואַרשא אַזאַ מין געריכטס-פערהאַנדלונג: דזיעמביצקי, דער רעדאַקטאָר פון דעם וויץ-בלאַט „ראַבוס" איז געווען „פּאָליטיש" אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר פינף אילוסטראַציעס, וועלכע האָבען געטראָגען דעם טיטעל „דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם". דער בעשולדיגונגס-אַקט זאָגט ווערטליך: „אויף פיער אילוסטראַציעס זעהט מען גענוי פון די קאָסטיומען און די געזיכטס-שטריכען, אַז דאָס זענען געשטאַלטען פון רוסישע אַרבייטער, וועלכע זענען בעוואָפענט מיט מעסערס און שטיינער און שטאַבעס אייזען און וואַרפען זיך מיט אַ חיה'שער מאָרד-תאוה אויף מענשען פון פערשידענעם געשלעכט; אויף דער פינפטער אילוסטראַציע זעהט מען גאָר בפירוש אָנ'אָלגעמיינע אַנזיכט פון אַ פּאָגראָם און אַ שחיטה פון יודען דורך רוסישע אַרבייטער, און דאָס מיליטער איז אַזוי געצייכענט, אַז עס זעהט אויס, ווי עס וואָלט שטעהן מיט די הענד פערלעגט און מיט די ביקסען ביי די פיס און קוקט זיך צו גלייכגילטיג ווי מען קוילעט יודען". „די דאָזיגע צייכנונגען — זאָגט ווייטער דער אַקט — זענען זעהר מסוגל, אָנצוצומאַכען אַ שנאה צווישען דעם רוסישען און דעם יודישען טייל פון דער בעפעלקערונג". נאַטירליך, האָט מען דעם רעדאַקטאָר דזיעמביצקי פעראורטיילט און עס האָט נישט געהאָלפען די גלענצענדע רעדע פון זיין אַדוואָקאַט, און נאַטירליך איז געבליבען ביים געריכט, אַז דער „ראַבוס" איז פערבאָטען אויף אייביג און אַז זיין רעדאַקטאָר טאָר אין פערלויף פון פינף יאָהר קיין שום צייטונג נישט מעהר אַרויסגעבען.

און זעהט איהר, מיינע לעזער, ווען איהר ווילט ווירקליך קענען דאָס ווירקליכע פּנים פון אונזערע לייט און פון אונזער לאַנד, דאַן

קומט, איך וועל אייך דערצעהלען... אָבער וואָס נוצט דאָס דערצעהלען? די ליגענס ווערען וואָסאַמאָל דיקער און דיקער געשפּינען און די טע- לעגראַמען געהען פון די הויכע ערטער צו די הויכע ערטער און די פאַלשע אָנזיכטען ווערען סיסטעמאַטיש פאַרבערייט און פערשפּרייט, און דער עיקר – די, וועלכע הערען זיי, ווילען גענאַרט זיין און ווילען גלויבען. עס ווערט אַזוי גרוי אַרום מיר, און דער לעצטער פונק ווערט פערלאָשען.

פון די פּאָרלויפיג צונויפגעשטעלטע ליסטעס פון די ביז איצט אַרויסגעשטעלטע קאַנדידאַטען פאַר דער קינפטיגער דומאַ זעהט זיך אמת אַרויס, אַז טראָץ אַלע טויזענד בעגרענצונגען און בעשרענקונגען און איסורים און חרמות און שטערונגען וועט די דומא זיין אַ ליבעראַלע און אפשר גאַר נאָך ליבעראַלער ווי די ערשטע דומאַ. אָבער וואָס נוצט דאָס אַלעס? וועט נישט אין דער אַלער-לעצטער מינוט קומען עפּעס אַ גזרה-רעה, אַ מין „ערקלערונג“ פון סענאַט, און וועט פּסל'ען אַלע קאַנ- דידאַטען און פערניכטען אַלע פּאָראַרבייטען? און אַפילו ווען דאָס וועט שוין נ י ש ט זיין, און אַפילו ווען די דומאַ וועט שוין זיין אַ פרייע און דאָס פרייע וואָרט וועט זיך שוין דאָרט הערען – וואָס נוצט דאָס אַלעס? וועט נישט קומען ביים ערשטען אמת'ען וואָרט דער בעפעהל, וועלכער וועט דאָס הויז פערשליסען און וועט די מענשען פערטרייבען אין אַלע מדבריות? און אַפילו ווען אויך ד אָ ס וועט נישט זיין, און אַפילו ווען מען וועט שוין לאָזען אַביסעל רעדען, און אַפילו ווען מען וועט לאָזען פ י ע ל און ל אַ נ ג רעדען – וואָס נוצט עס? וועלען נישט אַלע פרייהייטען בלייבען פּאַפּירענע פרייהייטען און אַלע ישועות – פּאַפּירענע ישועות און פּראַקטיש וועט דערפון קיין שום נוצען נישט אַרויסקומען, און נאָר קיין אויסלאַנד וועלען אָנקומען די פייערדיגע טע- לעגראַמען, אַז מיר זענען שוין אַלע געהאָלפען? אוי, ווען מען דער- מאָהנט זיך אָן דעם קאַמף, וועלכער האָט צו דויערען יאָהרען, צעהנ- דליגער יאָהרען!

אין ווילנער קריעגס-געריכט זענען די פּאָריגע וואָך פער'משפט געוואָרען דריי סלאָנימער יודישע יונגעלייט צום טויט. דער אורטייל האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם; גאַנץ סלאָנים און די גאַנצע געגענד זענען איבערציינט, אַז דריי אונשולדיגע מענשען האָט מען פערורטיילט.

ענדליך זענען פאָריגען פרייטאָג אַראָבגעקומען קיין ווילנא דריי גרויסע רבנים, דער סלאָנימער רב ר׳ מרדכי, דער קאָוונער רב ר׳ צבי ראַבי־נאָוויץ און ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין, און האָבען זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, זאָגענדיג איהם, אַז זיי זענען איבערצייגט אין דער אונשולדיגקייט פון די פער׳משפט׳ע, און בעטענדיג, נישט צו פערגיסען אונשולדיג בלוט. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהייסען די דריי רבנים שווערען אין טלית און תפילין אין דער ווילנער שטאָדט־שוהל, אַז זיי וויסען זיכער, דאָס די דריי יונגע לייט זענען נישט שולדיג אין דעם, וואָס זיי זענען אָנגעקלאָגט. ווי מען דערצעהלט, האָבען די דריי רבנים געשוואוירען, און די סצענע, ווי זיי זענען געשטאַנען ביי דער שבועה אין שוהל, זאָל האָבען געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. צי אויך אויף דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר — ווייס איך נישט; דערווייל האָט מען נאָך נישט געהערט, אַז די דריי פער־אורטיילטע זאָלען זיין בעפרייט געוואָרען.

צוואַנציגסטער בריעף

אָפט בעשעפטיגט מיך די פראַגע: איז אין רוסלאַנד באמת דאָ אַ חברה „עכט רוסישע לייט", אָדער איז דאָס נאָר אַנ'אויסגעטראַכט אָבשרעקונגס-מיטעל, צו שרעקן דערמיט נאַאיווע מענשען דענסטמאָל, ווען מען בעדאַרף עס גראָד צום געשעפט? — מען זאָל נאָר קיין טעות נישט האָבען אין מיינע ווערטער. איך מיין נישט צו זאָגען, אַז איך בין חלילה מסופק אין דעם פאַרהאַנען זיין פון אַ שוואַרצער הונדערט און פון כוליגאַנעס. אַזאַ אַפיקורס בין איך נישט. איבריגענס, האָבען מיר דאָך מיט אייגענע אויגען געזעהען די געשפּאָלטענע קינדער-קעפּ־לעך און די אויפגעשליצטע בייכער און די מיט נעגעל דורכגעלעכערטע אויגען און אויך די איבעריגע האַנד-אַרבייט פון די דאָזיגע מענשען-חיות, מיט וועלכע די מענשהייט וועט זיך האָבען צו שעהמען אייביג. נאָך מעהר: ווילט איהר דורכאויס, קאָן איך אייך זאָגאַר צוגעבען, אַז דאָס זענען נישט פאַר עטליכע קאָפּעקעס געדונגענע מענשען פון דער גאַס אַ־אַב, נאָר א.'אָרגאַניזירטע באַנדע. איך מיין אָבער גאָרנישט דאָס; איך מיין „עכט רוסישע לייט" אַלס אַ מ אַ כ ט א י ן ר ו ס ל אַ נ ד, אַזוי אַז מען זאָל מוזען אָננעהמען, דאָס די רעגירונג איז געצוואונגען צו האָבען באמת דרך-ארץ פאַר זיי — און דאָס, אָפען גערעדט, ווילט זיך מיר עפּעס נישט גלויבען. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז „עכט רוסישע מענשען" איז עפּעס אַנ'איוב שלא היה ולא נברא, אַ זאַך וואָס די רע־גירונג אַליין מאַכט עס און רעדט דערפון, כדי נאַרישע מענשען דער־מיט צו שרעקען. „אָט וויל איך עפּעס טהון, אָט וויל איך געבען, למשל, רעכט פאַר יודענס וועגען, אָט וויל איך געבען רעפאָרמען — באַלד אָבער וועט קומען דער שוואַרצער מענש מיט דעם זאַק, און איך האָב מורא". ניין, קינדער! איך האָב אַ צו גרויסע מיינונג פון דער קראַפט פון אונזערע רעגירונגס-פּאָלעמיאָטען און קאָזאַקען און נאַגייקעס און

ציטאַדעלען, איז צו קאָנען אָננעהמען, אַז זי האָט באמת מורא פאַר עטליכע גרינגמוטס און דובראָווינס און קרושעוואַנס און שמאַקאָווס און בולאַצעלס און זי שרעקט זיך שטאַרק פאַר אַ טעלעגראַם מיט אַן׳אזהרה, וועלכע זי קריגט פון אַ חברה „עכט רוסישע" אָדער פאַר אַן׳אַרטיקעל, וואָס איז געדרוקט אין „רוסקאָיע זנאַמיאַ" און אין וועלכען מען דראָהט איהר, אַז אויב מען וועט געבען רעכט, וועט מען מאַכען אַ פאָגראָם. וויפיעל קאָנען זיין אַזעלכע „עכטע" אין רוסלאַנד? זאָגט הונדערט, זאָגט טויזענד, זאָגט צעהנטויזענד — און ווי, מיט זיי קאָן ניכט פערטיג ווערען אַ רעגירונג, וועלכע איז פערטיג געוואָרען דערוויל מיט הונדערטטויזענדער אמת׳ע רעוואָלוציאָנערען און האָט זיי בעגראָבען אין די געפענגענישען און האָט זיי געבונדען אין אייזענס און האָט זיי איבערגעגעבען דעם פעלדגעריכט און האָט זיי פערשלעפּט קיין סיביריען און האָט זיי ענדליך פערשטאָפּט אויף דערוויל די מיילער? ווי, מיט זיי קאָן זיך נעבעך נישט קיין עצה געבען אַ רעגירונג, וועלכע שטעלט זיך נישט אָב פאַר די שרעקליכסטע רעפּרעסיעס, וואָס אַ פאַנטאַזיע קאָן אויסקלערען? ווי, אַ רעגירונג מיינט עהרליך צו געבען מיטטיינס-צוזאָגט אַ צוויי דריי הנחות פאַר יודענס וועגען און מוז אין דערזעלבער מינוט זיך נעבעך דערפון אָבזאָגען, ווייל אַ טעלעגראַם איז געקומען, אין וועלכער עס איז געשטאַנען געשריבען, אַז „מיר" וועלען ניכט דערלאָזען? ניין, מענשען, און נאָכאַמאָל ניין! ווען דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום סטאָליפּינ׳ס וואָלט נאָר עהרליך מיינען און עהרליך וועלען, בין איך זיכער, אַז נישט בלויז קיין פאָגראָמען וואָלטען נישט זיין, נאָר אַפילו צו ר ע ד ע ן וואָלט מען נישט וואַגען, און אין פיערונצוואַנציג שעה וואָלטען זיך אַזעלכע דובראָווינס און בולאַצעלס און שמאַקאָווס פערקריכען אין די מייזענלעכער און מען וואָלט מורא האָבען אַפילו אַ פּיפּעץ צוגעבען. דערוויל אָבער איז עס פונקט פערקעהרט, אַזוי אַז עס איז פּראָסט אַ רחמנות נעבעך אויף אונזער אָרימער רעגירונג. היינט טעלעגראַפירט מען איהר, זי זאָל זיך נישט דערוועגען צו געבען יודען קיין שום הנחה — און די רעגירונג האָט נעבעך שטאַרק פחד און גיט נישט; מאָרגען וועט אָנקומען אַ טעלעגראַם, מען זאָל זיך נישט דערוועגען נאָכצוקוקען די שעהנע מעלה פון גורקא-לידוואַל — און די רעגירונג וועט ציטערען און וועט קלאַפּען מיט די צייהן און וועט נאַטירליך

אויפהערען נאָכצוקוקען; איבערמאָרגען וועט אָנקומען אַ אזהרה, מען זאָל זאָפאָרט אָבשאַפען די נאַרישע רעוואָלוציאָנערע איינריכטונג פון אַ דומאַ — און די רעגירונג וועט איינבויגען דעם קאָפּ און וועט ציטערען מיט די קניהען און וועט מבטל זיין די נאַרישע איינריכטונג פון אַ דומא; נאָך איבערמאָרגען וועט „רוסקאָיע זנאַמיע“ דרוקען אַנ'אַרטיקעל איז נאָמען פון די „עכט רוסישע לייט“, אַז מען פערלאַנגט, סטאָליפין זאָל זיך זאָפאָרט אָנגעבען אין דעמיסיע און אויף זיין אָרט זאָל ווערען קרושעוואַן — און די אומגליקליכע רעגירונג וועט ציטערדיג ענטפערען: „סלושאַיוס (צו בעפעהל)!“ און קרושעוואַן אָדער גרינגמוט אָדער שמאַקאָוו וועט ווערען מיניסטער. — און מיט אַזעלכע „רוסישע לייט“ ווילט איהר שרעקען דאָס אויסלאַנד און איהר רעדט זיך איין, אַז מען גלויבט אייך? פאַר אַזעלכע קינדער האַלט איהר דערוואַקסענע מענשען מיט געהירען אין קאָפּ?

דען אַ שענדליכע קאָמעדיע איז געשפּיעלט געוואָרען — שענדליך אַן און פאַר זיך און שענדליך פאַר פרעמדע מענשען, ווייל מען האַלט זיי פאַר אַזעלכע נאַראָנים, אַז זיי וועלען דאָס אַלץ גלויבען.

דער חלף איז געלעגען אויפ'ן האַלז, דער חלף פון דער נויטווענדיגקייט צו דעם אויסלענדישען קרעדיט. ווי דער מנהג איז פון קדמונים אָן ביי אַזאַ געלעגענהייט, האָט מען אָנגעהויבען צו קלינגען איף אַלע גלאָקען טאָג און נאַכט, אַז מען גרייט צו אַ פּראָיעקט צו געבען אַ רעכט ביסעל רעפאָרמען פאַר יודענס וועגען, מישטיינסגעזאָגט וואָס כּאַרא רעפאָרמען! אַזויפיעל ווי אויף אַ שפּיץ מעסער. נישט עפעס מען האָט זיך ענדליך ענטשלאָסען, צו געבען יודען מענשען-רעכט מיט אַלע מענשען גלייך; נישט עפעס, אָבצושאַפען די שמאַכפולע און אומגליק-ברענגענדע ליניע פון דעם תחום המושב; נישט עפעס, מבטל צו זיין די טויזענד בעגרענצונגען, מיט וועלכע מען קוועהלט אומגליקליכע נפשות זינט יאָהרהונדערטער. ניין, אַזוי ווייט קאָן מען אין רוסלאַנד גאָרנישט געהן. מען האָט דערווייל „בעשלאָסען“ — איהר הערט? בעשלאָסען! — אָבצושאַפען אַ צוויי דריי פון די בעגרענצונגען, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין געברויך אַריין על-פי טעות דורך איגנאַטיעווען אינ'ם יאָהר 1882, אַזוי למשל וויל מען איינפיהרען, אַז יודען זאָלען מעגען וואוינען אין עטליכע דערפער און אַז די פאַמיליע פון

אַנ'אַנטלאָפענעם רעקרוט זאָל נישט מוזען צאָהלען פאַר איהם דעם קנס פון 300 רובעל. בקיצור, אַזעלכע הנחות וואָס פון זיי וועט אונז אין אַלגעמיין ניכט ווערען נישט קאַלט און נישט וואַרעם. ווי דער שטייגער איז, האָט מען געפּויקט וואָכען-לאַנג אויף דער גרויסער פּויק, וואָס פאַראַ גליקען און ישועות און נחמות מען וועט דאָ געבען פאַר יודענס וועגען. און נאַטירליך האָט מען די קאָמעדיע געמאַכט מיט דעם גאַנצען טאַראַראַם. איין טאָג האָט מען מבשר געווען, אַז מען גיט, און איין טאָג, אַז מען קאָן נישט געבען; איין טאָג, אַז אָט האַלט מען ביים אויסאַרבייטען דעם פּראָיעקט, און איין טאָג, אַז די טינט איז אויסגעטריקענט געוואָרען און מען האָט דערווייל די אַרבייט אָבגעשטעלט. עפּעס ווי אין אַ קדחת האָט עס געוואָרפען, איינמאָל יאָ און איינמאָל נישט. ענדליך איז אַרויס דאָס רעגירונגס-בלאַט, די „ראָסיאַ", מיט דער וועלט-בעוועגענדער נאַכריכט, אַז אָט אָט ווערען די רעפאָרמען באַלד דערלאַנגט; די טעלער קלאַפּערען שוין, מען קאָן דערווייל אויפהאַלטען די מיילער, און נאָך דער „ראָסיאַ" איז געקומען די אָפיציעלע „פּעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור" און האָט מודיע געווען דער גאַנצער וועלט, אַז „די טעג" וועלען די רעכט פון יודענס וועגען אַרויסגעגעבען ווערען, נישט קוקענדיג דערויף וואָס יודען זענען רעוואָלוציאָנערען און זענען נישט ווערט די גרויסע חסדים, וואָס מען טהוט מיט זיי און אויבוואויל מען ווייסט, אַז די דאָזיגע רעוואָלוציאָנערע יודען וועלען נאָך גאָרנישט זיין צופריעדען מיט די דאָזיגע רעכט און וועלען פערלאַנגען נאָך מעהר. און אין בעסטען מיטען, ווי די רעגירונג האַלט אַזוי ביים דרשנ'ען און טראָמפּייטערט אַרויס דורכ'ן טעלעגראַף איהר גוט האַרץ דער גאַנצער וועלט — פּלוצלינג דרוקט זיך אָב אין „רוסקאָיע זנאַמיאַ" אַ פייערדיגער אַרטיקעל, אַז מיר, „עכטע רוסישע לייט", בעשטעהען נישט דערויף און ערלויבען נישט צו געבען יודען קיין שום רעכט. גלייכצייטיג מיט דעם דאָזיגען אַרטיקעל קומט אָן אַ טעלעגראַם פון אַ חברה „עכטע" צו מיניסטער סטאָליפּין און נאָך העכער, אַז למען השם מען זאָל מבטל זיין דעם פּראָיעקט; און פון אַ צווייטער חברה „עכטע" קומט אָן אַזאַ טעלעגראַם, און פון אַ דריטער חברה, און פון אַ פערטער, פון מזרח און מערב און צפון און דרום. בקיצור, די קאָמעדיע

ווערט אָבגעשפּיעלט מיט דעם גאַנצען קנאַק. דאָס „רוסישע פאָלק" וויל לײדער נישט, און די אָרימע רעגירונג מוז זיך נעבעך אונטערגעבען. די צווײ, דרײ פּיצלעך רעכט ווערען נישט מעהר געגעבען. אַ קלײניג-קײט, דאָס „פאָלק"! דאָס „פאָלק" לאָזט נישט... דאָס פאָלק סטראַשעט, אַז מאָרגען ווערט עס אויפשטעהן און וועט מאַכען פּאָגראָמען, אַזעלכע ווי די וועלט האָט נאָך נישט געזעהן... איי וואָס, דעם אמת'ן סוד פון פּאָגראָמען-מאַכען און ווער די אמת'ע בעלי-מלאכה זענען האָט דער וועלט אויסגעזאָגט דער פירשט אורוסאָוו און דער פּאָליציי-שעף לאָפּוכין און אין די לעצטע טעג אויך דער ראָטמייסטער פּיעטוכאָוו אין זיין בּרעקליכען בעריכט איבער שעדלעץ? נישקשה, די וועלט האָט אַ שלעכטען זכרון און וועט דערווייל ווידער האָבען פערגעסען. בקיצור, דאָס „פאָלק" לאָזט נישט — און אַזוי, זעהט איהר, איז די רעגירונג אי פיין אי גוט און אויך ליבעראַל. זי האָט זיך מוסר נפש געווען און האָט געוואָלט טהון מעהר ווי איהר יכולת איז נאָר זי קאָן נישט. אַזאַ רעגירונג, זעהט איהר, פערדינעט פון יעדענפאַלס צו בעקומען אַ הלואה...

און דאָס שענדליכסטע ביי אַזאַ קאָמעדיע איז, אַז עס געפינען זיך תמיד העלפער און העלפערס העלפער, וועלכע פוצען די זאַך פיין אויס. דער פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פונ'ם „דיילי טעלעגראַף" איז מודיע זיין בלאַט, אַז „די רוסישע רעגירונג האָט געהאַט בעשלאָסען צו געבען פאַר יודענס וועגען רעכט, נאָר זי האָט מורא פאַר די מאָנאַרכיסטען, וועלכע פּראָטעסטירען שטאַרק דאָגעגען, און די דאָזיגע פּאַרטיי איז דאָך די איינציגע, אויף וועלכער די רעגירונג שטיצט זיך". די קאָרעספּאָנדענטען פון דעם פּאַריזער „מאַטען" און „פיגאַראָ" און פון נאָך פיעל אַנדערע פראַנצויזישע צייטונגען זענען מודיע, אַז זיי ווייסען פון די „גאַנץ זיכערסטע קוועלען", דאָס „אין די העכערע ספערען פון פּעטערבורג איז מען יעצט שטאַרק צערודערט דעריבער, וויל די פּאַרבעררייטונג פון אַ פּראָיעקט וועגען יודען-רעכט קאָן אַרויס-רופען אַ בירגער-קריעג, און ווי עס ווייזט זיך אויס, וועט די פּאַרטיי פון די „עכט רוסישע" גובר זיין און יודען וועלען קיין רעכט שוין נישט בעקומען". און זאָגאַר אין פּעטערבורגער „טאָוואַרישטש" אַליין קומט הערר לוואָוו און איז מודיע, אַז אין „די ביוראָקראַטישע

ספּצרען" האָט מען זיך מיאוס געוועזן פון געבען רעכט פאַר יודענס ווענען, "ווייל מען וויל נישט צעררייצען דאָס פאָלק". אוי, דאָס פאָלק, דאָס אייביגע פאָלק, מיט וועלכען מען סטראַשעט טאָג און נאַכט! אוי, די אייביגע פינף, זעקס פראָטעסטירענדע מאָנאַרכיסטען פון רוסלאַנד; אוי, דער בירגער-קריעג, וועלכער וועט אויסברעכען, ווען צוויי דריי יודען וועלען מעגען וואוינען אין צוויי דריי דערפער און ווען עטליכע יודען וועלען נישט מוזען בעצאָהלען צו דריי הונדערט רובעל פאַר אָנטלאָפענע קרובים! און פאָרט איז די וועלט אַזוי נאַ־ייש, אַז שוין מיט אַזעלכע נאַרישע, פוסטע, קליינע מיטלען לאָזט זי זיך נאַרען ווי ווייט מען וויל! –

ווי די מעשה איז, דערוויל אַראָב די יודען-רעכט-קאָמעדיע אינ-גאַנצען פון דער סצענע און איהר פּלאַץ פילט אויס די נייע סקאַנדאַל-מעשה פון דעם וויצע-מיניסטער גורקאָ מיט דער פירמא עריק לידוואל עט קאָמפּאַניע. גאַנצע צייטונגען פילט זי אויס און אַלע מיילער זענען פול מיט איהר. און פאָרט איז עס אַ מעשה, פון וועלכער איך פערשטעה נישט, פאַרוואָס זי האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש. בכן, געכאַפּט אַ קאָזאַק ביי אַ טרונק בראָנפען. רבונו של עולם! ווען איז דאָס אין רוסלאַנד נישט פאָרגעקומען? ווען וועט עס אין רוסלאַנד נ י ש ט פאָרקומען? זעהט איהר, א י י ן גורקאָ איז נכשל געוואָרען און האָט זיך געלאָזט כאַפּען, צעהנדליגער אַזעלכע ווערען אָבער נ י ש ט נכשל און מען כאַפּט זיי נ י ש ט – ווייל זיי זענען געשיקטער. אָט איז געוועזן אַ מעשה נורא מיט די געלדער פונ'ם רויטען קרייץ; אָט איז געוועזן אַ מעשה נורא מיט די ליפערונגען, וועלכע מען האָט צוגעשטעלט בשעת דעם רוסיש-יאַפּאַנישען קריעג; אָט איז געוועזן דעסגלייכען עפּעס שרעקליכעס מיט די געלדער, וועלכע מען האָט אויסגעגעבען לצרכי מלחמה; אָט איז געוועזן עפּעס אַ מעשה מיט דעם העלד פון פאָרט-אַרטור, מיט סטעסעל'ן; אָט ווייסט איהר דאָך, וואָס עס האָט זיך געטהון אינ'ם פאַריגען יאָהר מיט אַביסעל האָבער און מיט דעם געוועזענעם מיניסטער דורנאָוואָ; אָט טהוט זיך יעצט אַליין אַ רעכט ביסעל אָב מיט געלד, וואָס די רע-גירונג האָט אַרויסגעגעבען פאַר דעם געברויך פון די פּאָליטיש פער-שיקטע אין אַרכאַנגעלסק און די געלדער זענען פלוצלינג געלם געוואָ-רען. אַ קשיא וואָס עס טרעפט זיך אַלץ אין אַ לאַנד, וואו אַלעס איז

קאָרופּירט! — נישקשה, איך בין זיכער, אַז די „גערעכטיגקייט" פון גורקאָ וועט באַלד אַרויס ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער; העכסטענס וועט מען זאָגען, אַז ער איז געוועזן אַביסעל לייכטגלויביג און האָט שנעל געגלויבט מענשען — דאָס איז אַ סימן פון אַ גוטער נשמה. און דער־פאַר, פערשטעהסט איהר מיך, וועט איהם קומען אַ העכערער „טשין" און עטליכע נייע אָרדענס און אויסצייכנונגען. צריינפּן טאָר מען איהם נישט לאָזען!

זיבּאונצוואַנציגסטער בריעף

וואַהלכן, רוסלאַנד און וואַהלען, רוסלאַנד און אַ בירגער, וועלכער געהט ערפילען זיין ערשטע בירגער-פליכט — מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָרנישט מעגליך, דאָס אַנ׳אויסלענדער, אַ מענש מיט אַנ׳אייראָפּעאישער אינטעליגענץ און מיט אייראָפּעאישע בעגריפען און מיט אייראָפּעאישע פאָרשטעלונגען זאָל האָבען אַפילו דעם שאָטען פון אַ השגה וועגען דעם, וואָס זאָג דאָזיגע בעדייט אין רוסלאַנד. דער אויסלענדער, ווען ער לייענט דאָס וואָרט וועהלען, איבערזעצט ער זיך דאָס אין זיין שפּראַך און נעהמט זיך ראשית אַ ביישפּיעל פון די וואַהלען אין זיין אייגענעם לאַנד, און לויט דעם דאָזיגען אורטיילט ער וועגען וואַהלען אין רוסלאַנד. ער שטעלט זיך פאָר אַ בירגער, וועלכער האָט סוף-כל-כוף אַ געוויסע פרייהייט און געהט אין אַ געוויסער יום-טובדיגער שט׳מונג ערפילען אַ געוויסע הייליגע פליכט און פיהלט זיך, ווענינגסטענס אַ טאָג לאַנג, אַלס מענש, וועלכער איז אַ שטיקעל יחסן און טהוט עפּעס. העכסטענס קאָן אַנ׳אויסלענדער מיינען: ער האָט דאָך דאָ צו טהון מיט אַ רוסישען מענ:ש, נעהמט אַודאי אַזאַ רוזישער מענש אויך אַ גלעזעל בראָנפען לכּבוד אַזאַ יום-טוב׳דיגען טאָג און איז מקיים די מצוות וואַהלען מתּוך שמחה. מען מוז אָבער קענען רוסלאַנד און רוסישע מענשען און דעם רוסישען גייסט, אום צו וויסען וואָס וועהלען הייסט אין ר ו ס ל אַ נ ד. פאַר דעם רוסישען מענשען איז דאָס אַ מין סיבּיריען, אַ מין גזירה, אַ מין קאָזאַק מיט אַ נאַגייקע — און ער ציטערט, און ער שרעקט זיך, און ער ווייס נישט וואָס צו טהון, און מען בעט גאָט, אַז דאָס זאָל שוין אַריבּער בשלום, און אָפט שעלט ער מיט טויט-קללות די שונאים, וועלכע האָבען אויסגעטראַכט די „פרייהייט" און האָבען אויף איהם געבּראַכט די דאָזיגע נייע צרה. רבונו של עולם,

ווי קומט מען שוין דאָס אַריבער! ווי האַלט מען שוין מיט אַ טאָג שפּעטער!

דען ווי ער זאָל נישט טהון, דאַכט זיך איהם, אַז ער וועט נישט יוצא זיין און וועט זיך אָנמאַכען אַ חתונה, אַז קינדער און קינדס-קינדער וועלען עס האָבען צו געדענקען. זאָל ער געהן צו די וואַהלען — ווער ווייסט, אפשר שמעקט עס מיט סיביריען און מיט אַ געפענגעניש און מיט איפּהענגען און מיט געשאָסען ווערען. זאָל ער נישט געהן — מען קאָן נישט וויסען, טאָמער האָט עס די רעגירונג צו איהרע עסקים דווקא יאָ נויטיג, און מאָרגען ביינאַכט, נאָכדעם ווי מען וועט האָבען דורכגעקוקט די ליסטעס און מען וועט זיין נאָמען ניט האָבען געפונען, וועלען קומען אַ צעהן קאָזאַקען און מען וועט איהם אַרויסהויבען פון בעט און מען וועט איהם אַוועקפיהרען און מען וועט דאַן נישט וויסען, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. געה, האָב עסקים מיט פּאָניע! עפּעס איז איהם ווי מיט אַ פאַלשען פּאַספּאָרט איבער אַ רוסישער גרעניץ. עפּעס זעגען וואַהלען און פרייהייטען און קאָנסטיטוציע לויטער אַזעלכע עסקים, וואָס מען האָט דערביי צו טהון מיט פּאָליציי און מיט געהיים-פּאָליציי און מיט דער שרעקליכער זשאַנדאַרמען-אָבטיילונג — און אַ רוסישער קליין-בירגער, דער פּראָסטער בעל-הבית, אַפילו ווען ער האָט אַרויסצונעהמען אַ פּראָסטען פּאַספּאָרט, איז עס פאַר איהם אַן אָנקומעניש, מחמת ער דאַרף אָנקומען צו דער פּאָליציי, און אַמליעבסטען שיקט ער נאָך אַנדערען און בעצאָהלט דערפאַר גוט. רבונו של עולם, ווי האַלט מען שוין אַ טאָג דערנאָך!

ער געהט צו די וואַהלען — און דאָס פּנים איז ביי איהם בלייך אין די צייהן קלאַפּערען אַביסעל. ער טאַפּט ביי זיך אין דער קעשענע, צי ער האָט נאָר חס-ושלום נישט פערגעסען מיטצונעהמען מיט זיך דעם פּאַספּאָרט. ער געהט אָב אַ פּאָר שריט, און ער דערמאָהנט זיך אַז ער האָט ביי זיך אַ פעדער-מעסערעל און ער געהט גיך צוריק אַהיים, אום עס אַוועקצולעגען; אַ מעסערעל איז אַ געוועהר, און מען קאָן חלילה וחס ביי איהם גראָד זוכען און עס געפינען. ער לעגט אַוועק אויך דאָס שטעקעלע, מיט וועלכען ער געהט שטענדיג. ער לעגט אַוועק אויך די בלייפעדער און דעם צאָהן-שטעכער און דאָס אויער לעפעלע און אַלע איבעריגע געפעהרליכע זאַכען, וואָס קאָנען חלילה וחס אויס-

ריצען אַ רעגירונג. ער לעגט צום סוף אָוועק אויך דאָס זייגערעל און נצהמט־מיט מיט זיך וואָס ווצניגער געלד; עלעהיי ווינציגער ריזיקא און ווינציגער טויט־שרעק אין די פּאָר מינוט, ווען ער וועט זיין אין בּיים׳ס הענד. און ענדליך געהט ער. ער פיהלט ווי דער שפּיץ נאָז ווערט איהם בלייכער און בלייכער. עפּעס איז איהם, ווי ער וואָלט זיין גערופען צום סליעדאָוואַטעל (אויספאָרשונגס־ריכטער) וועגען אַ בלבול פון אַ מאָרד.

די גאָס איז טויט־שטיל. הימעל און ערד אין סאָלדאַטען. מען געהט — און ווען דער קאָלאָש סקריפּעט אויפ׳ן שנעע, דערשרעקט מען זיך און מען גיט אַ ציטער. די אויגען האַלט מען אַראָבגעלאָזט, און מען פּיהלט די סעקונדע, ווען מען געהט פּאַרביי פּאָר׳ן סאָלדאַט. מען וואָגט נישט צו קוקען, מען וואָגט נישט צו אָטעמען, מען וואָגט נישט זיך צו בעווענען. און אָפּט מאַכט זיך, אַז מען הערט פּלוצלינג דעם „סטאָי״ (שטעה!) אָדער „רוקי וו׳ווערך!״ (די הענד אין דער הויך!) און דער פּאַטראָל הויבט אָן צו זוכען ביים דורכגעהער אין אַלע קעשענעס, און אָפט מאַכט זיך, אַז מען כאַפּט די עטליכע קלעפּ מיט דער קאָלבע פון דער ביקס און מען ווערט אַהיים געבראַכט אין ליילעכער, מעהר טויט ווי לעבעדיג.

דאָס איז די שטימונג, אין וועלכער מען געהט אין רוסלאַנד צו אַ וואַהל, און דאָס איז דאָס בילד געוועהנליך פון אַ וואַהל־גאַנג. און וועהרענד מען זעהט און מען ווייסט און מען פיהלט דאָס אַלעס, לעזט מען פּלוצלינג די שעהנע נאָטיץ אין די צייטונגען, אַז די רוסישע רעגירונג גרייט זיך צו שיקען אַ נאָטע צו אַלע רעגירונגען, אַז די רעוואָלוציע איז שוין געצענדיגט און אַלע ווילדע עלעמענטען זענען שוין איינגעשטילט און אַלעס איז, גאָט־זיי־דאַנק, שוין רוהיג און וואויל און אויסגערעכענט, און מען געהט מיט מזל וועהלען דעפּוטאַטען אין די דומא אין — דערגרייכט איז די הלואה!

אין וועהרענד מען דערצעהלט דעם אויסלאַנד די אַלע גרויסע גליקען און מען מאַכט גלויבען, אַז דאָס אַלץ איז אמת, זענען פּאַרהאַן ערטער אין רוסלאַנד, וואו מען שפּיעלט אפילו די קאָמעדיע למראית עין אויך שוין נישט, אין פּראָסט און פשוט און אָהן אַלע צערעמאָניעס וויזט מען אַרויס דאָס אמת׳ע פּנים. אין סמאָלענסק, למשל, האָט דער

שטאָדט-הויפטמאַן אָפען און קורץ און שאַרף ערקלערט, אַז ווען יודען וועלען זיך אונטערשטעהן צו בעטייליגען זיך אין די וואַהלען, וועט ער זיי אַלע אַרויסשיקען פון סמאָלענסק. זעהט איהר, אין סמאָלענסק האָט מען שוין נישט נויטיג געהאַט קיין „ערקלערונגען" פון סענאַט און קיין פּירושים פון די גובערנאַטאָרען און קיין שום אויסנאַהמס-אָדער פאַרלויפיגע געזעצען; אַ טשינאָווניק מיט אַ נאַגייקע אַליין האָט געמאַכט אַ שולחן-ערוך פאַר זיך און האָט זיך אָבגעמאַכט'עוט פאַר זיך.

און נאָך אַנדערע שטעדט זענען געווען, וואו מען האָט אַרויסגע-שטעלט די פיינע „עכטע רוסישע" — די דאָזיגע, וועלכע זענען איי-גענטליך פאַרהאַן נאָר אויפ'ן פּאַפּיר און זענען אין דער אמת'ן די רעגירונג אַליין — און מען האָט געלאָזט זאָגען, אַז ווען מען וועט זיך אונטערשטעהן צוצוטרעטען צו די וואַהלען, וועט מען מאַכען פּאָגראָמען און מען וועט איינפאַך שלאָגען און הרג'ענען און ברענען און בראָטען. געהן צו די וואַהלען מעגען און זאָלען נאָר טרייע אָנ-העננער פון דער רעגירונג: טשינאָווניקעס און קליינע בעאַמטע און עכט-רוסישע מענשען.

און מען בענוגענט זיך נישט מיט דעם רעדען אַליין. דערווייל קומען פאָר דאָ און דאָרט טהאַטזעכליך אויך פּאָגראָמען, מאַנכע קלענערע און מאַנכע גרעסערע. אין אָדעס, למשל, איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די לעצטע טעג אַ גאַנץ אָנשטענדיגער פּאָגראָם, ביי וועלכען מען האָט עטליכע קראָמען דעמאָלירט און עטליכע מענשען דערהרג'עט; נאַטירליך, נאָך די ג ר ו י ס ע פּאָגראָמען, ביי וועלכע עס ווערען מיליאָנען שאָדענס געמאַכט און הונדערטער נפשות אומ-געבראַכט, לויהנט זיך כמעט נישט צו רעדען פון אַזאַ פּאָגראָם-נפל'ע און מען דערמאָהנט עס כמעט גאָרנישט. הוץ דעם אַרבייט דאָס פעלד-געריכט גאַנץ געשמאַק און עס איז כמעט נישטאָ דער טאָג, אין וועלכען מען זאָל נישט הענגען און דערשיסען עטליכע מענשען. חוץ דעם אַרבייטען די פּאַטראָלען טאָג און נאַכט און דאָס שיסען הערט נישט אויף. מען האָט זיך נאָר צו דעם דאָזיגען צושטאַנד מעהר צוגעוועהנט, און דעריבער איז דער געוואַלד נישט מעהר אַזוי גרויס. יעדענפאַלס אָבער וואָלט נישט שאַדען, ווען אין רוסלאַנד וואָלט זיין אַ געזעץ וועגען מענשען ווענינסטענס אַזוי ווי וועגען רעבהיהנער;

אויף רעבעליהנער מעגען די יעגער שיסען נאָר אין ווינטער-טעג, דאַ-
געגען אויף מענשען איז בײַ אונז ערלויבט צו שיסען ווינטער און
זומער און טאָג און נאַכט. מען האַלט דאָ אין איין שיסען. און חוץ
דעם ווערען צעהנדליגער און הונדערטער מענשען טאָג-טעגליך נאָך
אַלץ אַרעסטירט און צעהנדליגער און הונדערטער ווערען נאָך אַלץ
געשלעפּט קיין סיביריען און פערגראָבען אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע,
דען, זעהט איהר, אין רוסלאַנד איז שוין אַלעס „רוהיג“. נאַטירליך,
אַרבײַט אויך דער צד השני ווי ער קאָן: אָנפאַלען ווערען טאָג-טעג-
ליך געמאַכט, רעגירונגס-באַנקען און רעגירונגס-קאַסעס ווערען טאָג-
טעגליך בערויבט, באָמבעס ווערען טאָג-טעגליך געוואָרפען. היינט,
ווערענד איך שרייב די דאָזיגע ווערטער, ברענגט דער טעלעגראַף די
נאַכריכט, אַז מען האָט אין פעטערבורג געוואָרפען צוויי באָמבעס
אויף דעם בעוואוסטען גענעראַל-גובערנאַטאָר דובאַסאָוו פון מאָסקווא.
דען, זעהט איהר, די „רעוואָלוציע איז שוין געענדיגט און אַלע
ווילדע עלעמענטען זענען שוין איינגעשטילט“. ווען אונזער עהרליכע
און אַלעמאָל נאָר אמת-זאָגענדיגע רעגירונג איז דאָס אייך מודיע,
מעגט איהר גלויבען. פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, אום מעהר איינ-
דרוק צו מאַכען, האָט אייגענטליך געדאַרפט זיך נאָך בעשטימטער
און גענויער אויסדריקען, למשל אַזוי: אין דעם און דעם טאָג, דרײַ
אַ זייגער מיט צוואַנציג מינוט נאָכמיטאָג האָט זיך די רעוואָלוציע
געענדיגט. פאַר אַ מענש, וואָס די גאַנצע בעוועגונג איז איהם אַ
מין טעאַטער-שטיק מיט אַ בעשטימטען אָנהויב און מיט אַ סוף, וואָלט
פּאַסען זאָגאַר אַזאַ מין גענויאיגקייט.

אין אמת'ן גערעדט: ווען רעוואָלוציע זאָל הייסען אַ פּראָצעסיע
פון צוואַנציג יונגלעך אָדער פון צוואַנציג יונגע לייטלעך דורך די
גאַסען מיט די רויטע נאָז-טיכלעך אָנגעבונדען אויף שטעקענס און מיט עס-
ליכע נישט גאַנץ גראַמאַטיקאַלישע און נישט גאַנץ צענזור-כשר'ע ליעדלעך
אין די מײַלער — דאַן קאָן מען זיך ריהמען, אַז די רעוואָלוציע איז בעזיעגט.
נאָך מעהר: ווען רעוואָלוציע זאָל הייסען אַן'אַלגעמיינער שטרייק פון
וואָכען און חדשים, ווען אַלע אייזענבאַהן-קאָמוניקאַציעס זענען אָבגע-
ריסען און די טעלעגראַפען פונקציאָנירען נישט און די טעלעפאָנען
אַרבייטען נישט און יעדעס געשעפט האָט אויפגעהערט און יעדער

פירקעהר איז אוממעגליך געווארען – דאן קאן מען רעדען פון א רעוואלוציע-איינשטעלונג, פראסט ווייל די רעפרעסיעס זענען אזוי גרויס, אז ביים בעסטען ווילען קאנען די דאזיגע מאניפעסטאציעס פארלויפיג נישט קומען צום פארשיין. דעסגלייכען: ווען רעוואלוציע זאל הייבען באריקאדען-בויען און עפענטליך קעמפען אין די גאסען – דאן קאן מען דעסגלייכען רעדען וועגען א פארלויפיגער איינשטעלונג פון דער רעוואלוציע, פראסט ווייל די מאכט אויף יענער זייט איז פארלויפיג שטארקער פון דער מאכט אויף דער זייט און עס מוזען דא ערשט געזאמעלט ווערען די נויטיגע קרעפטען, אום ווידער דרייסטער ארויסצוטרעטען, אדער עס מוז ערשט ווערען אבגעווארט די צייט, ביז דער כח פון די איבער-אנגעשטרענגטע רעפרעסיעס און די אונגאטירליכע און אונגארמאלע טעטיגקייט פון יענעם צד וועט ווערען אבגעשוואכט און וועט ענדליך מוזען אויפהערען. ווען אבער רעוואלוציע הייסט א היסטארישער פראצעס, א גיפט, וועלכער צעגעהט זיך לאנגזאם פון אבר צו אבר, ביז ער נעהמט דורך דעם גאנצען קערפער פון אנ'אומה און גראבט-אונטער דעם גאנצען געוואלדיגען באדען, אויף וועלכען עס שטעהט דער רעגירונגס-בנין – דאן האלט די רעוואלוציע אין בעטען און שענסטען בליהען. טויזענד צירקולארען און נאטען וועלען דאס נישט אוועקשאפען פון דער וועלט.

און זאגאר אין דעם זין פון א סטאליפין, דאס, וואס ער רופט „רעוואלוציע", איז נאך גארנישט איינגעשטילט. די ווילדע עלעמענטען זענען אייגענטליך ווילד ווי פריהער, נאר זיי זענען געבונדען און ארייגעשטעקט אין די צוואנגס-יאקע. דער ווילדער, בעת מען האט איהם געבונדען הענד און פיס און איז איינגעזעצט אין דעם דול-הויז, אזוי אז ער קאן דערווייל נישט שלאגען און בייסען און רייסען, האט דאדורך אייגענטליך נאך נישט אויפגעהערט ווילד צו זיין. ער איז נאר געבונדען און קאן נישט.

ווען איך וואלט זיין דאס יעניגע שטיק רעגירונג, צו וועלכען עס קומט אן אזא נאטע וועגען דער רעוואלוציע-איינשטילונג אין רוסלאנד, וואלט איך אודאי און אודאי ענטפערען: אהובי ידידי! ווען עס איז אמת, אז אלעס איז שוין גוט און פיין,

טאָ זיי-זשע מוחל, נעהם אַראָב אַלע אויסנאַהמס-צושטאַנדען, ווי, למשל, קריעגס-צושטאַנד און פערשטאַרקטע אויפזיכט און פעלד-געריכט און אַלע איבעריגע אַזעלכע קלייניגקייטען, און מיר וועלען זעהען...

צווייאונצוואַנציגסטער בריוו

מען איז שוין מיט מזל פערטיג מיט די פאָרבערייטונגען צו די וואַהלען אין די צווייטע רייכס־דומא, און לויט ווי די חברה פון די „עכט רוסישע" זענען מודיע, איז שוין צייט צוצוטרעטען צו די וואַהל־פאָרבערייטונגען פאַר דער דומא נומער 3. דערנאָך, ווי עס ווייזט זיך אויס, וועלען זיי הייבען צוטרעטען צו די הכנות פאַר דער דומא נומער 4, און דאַן וועלען קומען די אַרבייטען פאַר דער דומא נומער 5 און אַזוי ווייטער. וויפיעל אַזעלכע דומא־סעזאָנען עס וועלען זיין אין פערלויף פון איין איינציג יאָהר, קאָן מען דערווייל נאָך נישט גענוי וויסען. עס איז אָנצונעהמען, אַז אין אַזאַ קולטור־לאַנד ווי דאָס הייליגע רוסלאַנד וועט זיך די טעכניק פון דעם פונאַנדערלאָזען און פון דעם צונויפרופען אַ דומא אויף אַזוי ווייט ענטוויקלען, ביז מען וועט קומען צו דער מדרגה, אַז ביי דער טהיר פון דעם טאַווריטשען פאַלאַץ וועט שטעהן דער שליסער מיט די שליסלען אין דער האַנד און יעדע מינוט וועט ער קריגען דעם בעפעהל פון אויבען, און אַט וועט ער צושליסען — און די דומא וועט זיין פונאַנדערגעלאָזען, און אַט וועט ער אויפמאַכען — און די דומא וועט זיין ווידער געעפענט, אַזוי ווי להבדיל אברהם־אבינו מיט דעם אייביגען אויפבינדען און צובינדען. אוי אוי, גלויב איך דאָס ביסעל אין דער צוקונפט פון אַ רוסישער דומא! ווען מען וואָלט מאַכען אַ כוף גזר אינגאַנצען צו דער דאָזיגער נאַרישער כוכטער קאָמעדיע פון בישטיינסגעזאָגט אַ פאַרלאַמענט אין רוסלאַנד! וואָס מיר פאַרלאַמענט? וואָס מיר וועהלען? וואָס מיר פערטרעטער פונ׳ם פאָלק מיט אַ דעה? אַ נעכטיגער טאָג! קאָזאַקען וועהלען און קאָזאַצקע נאַגייקעס גיבען די ענטשיידונג... זענען נישט גענוג געוועזען די „גרונד־געזעצען", וועלכע האָבען גענוג שוין צונויפגעשרומפען די רעכט פון די וועהלער באַלד פון כאָרגנט,

איז געקומען דער סענאַט מיט זיינע בערימטע ערקלערונגען; זענען די דאָזיגע ערקלערונגען נישט גענוג געווען, קומען די גובערנאַטאָרען און בעגרעניצען פון טאָג צו טאָג מעהר די רעכט פון די וועהלער, וועלכע זענען נאָך געבליבען; איז אויך דאָס נאָך צו וועניג, קומט יעדער טשינאָווניק און יעדער וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו דער ביוראָקראַטיע און מאַכט אַ סוף מיט דעם רעשט. שוין אין מיין לעצטען בריעף האָב איך געשריבען וועגען דעם, ווי דער שטאָדט-הויפטמאַן פון סמאָלענסק האָט גאָר פראָסט און אָהן שום חכמות אַרויסגעגעבען אַ מודעה, אַז ווען יודען פון סמאָלענסק וועלען זיך אונטערשטעהן צוצוטרעטען צו די וואַהלען, וועט ער ביי זיי גאָר פשוט אַוועקנעהמען זייער וואוינרעכט און וועט זיי משלח זיין פון שטאָדט אַרויס. יעצט לייענען מיר נאָך אַ שענערע מעשה: דער גע-נעראַל-גובערנאַטאָר פון קיעוו האָט געפּס'לט עטליכע טויזענד וועהלער און האָט זיי אויסגעמעקט פון די וואַהל-צעטלען, ווייל זיי האָבען נישט געבראַכט קיין צייגנישען פון אַרכיטעקטען, אַז זייערע דירות שטימען גענוי מיט אַלע פאָדערונגען, וועלכע די סענאַטס-ערקלערונגען פערלאַנגען. עס דאַכט זיך אין דער ערשטער מינוט, אַז דאָס איז אַ מעשה אַרויסגענומען פון אַ וואָדעוויל אין אַ פאָרשטאָדט-טעאַטער. און דאַן לייענען מיר אַ מעשה, וועלכע איז נאָך שענער: דער מאָסקווער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט בעפויהלען די דרוקערייען, וואו עס דרוקען זיך די וואַהל-צעטלען, אויסצומעקען פון זיי די שורה, וועלכע האָט געפלעגט אָנווייזען די וועהלער דאָס אָרט, צו וועלכען זיי געהערען, און אַזוי אויך האָט ער געהייסען דעם אלף-בית-רע-גיסטער אַוועקלאָזען, אַזוי אַז דאַדורך ווערט זעהר פערשווערט די קאָנטראָלע פון די וואַהל-צעטלען און אָפטמאָל ווערט זי גאָר לגמרי אונמעגליך. אָט מיט וואָס פאַראַ פרימיטיווע און איינפאַכע מיטלען עס אַרבייט אַ רעגירונג און עס אַרבייטען ביוראָקראַטען, אום צו מאַכען אַ סוף מיט דעם געדאַנק פון אַ פאָלקס-פערטרעטונג! און פון דער אַנדערער זייט לייענען מיר, ווי די גענעראַל-גובער-נאַטאָרען גיבען טאָג-טעגליך אַרויס נייע געזעצען, וואָס נישט נאָר זיי ערלויבען, נאָר זיי בעפעהלען די טשינאָווניקעס און אַלע אונטער-בעאַמטע און אַלע רעגירונגס-לייט און אפילו דעם

לעצטען דיענער פון אַ פּאָליצײ-אַמט צו נעהמען דורכאויס אַנטייל
אין די וואַהלען, אַזוי אַז מיר קאָנען זיך שוין איצט גאַנץ גוט פאָר-
שטעלען, ווער עס וועלען זיין די „פערטרעטער" פונ'ם פאָלק אין
דער קינפטיגער דומאַ — ווען נאָר אַלץ וועט אַזוי געהן ווי די רע-
גירונג וויל עס. קאָזאַקען און דראַגונער און פּאָליציאַנטען און זשאַנ-
דאַרמען און נאָך אַזעלכע וועלען זיין די „געוועהלטע". און די „גע-
זעצען", וועלכע אַזאַ דומאַ וועט געבען, וועלען זיין די דאָזיגע גע-
זעצען, וועלכע עס עמפּפעהלען די קרושעוואַנס און די דובראָווינס
און די בולאַצעלס און די „נאָוואָיע ווערעמיאַס" און די רוסקאָיע זנאַ-
מיאַס" און דערגלייכען. און אפילו ווען עס זאָל שוין געשעהן אַ נס און
די דומאַ וועט זיין אַ לינקע, מיט עפּעס אַ שטיקעל זין פאַר פריי-
הייט, ווייסען מיר דאָך, וואָס איהר סוף וועט זיין: זי וועט ווערען
געשלאָכען און די דעפּוטאַטען וועלען ווערען איבערגעגעבען דעם
געריכט און דאַן וועט זיין אַ דריטע דומאַ — און זי וועט ווערען
געשיאָסען, ווען זי וועט זיך וואָס עס איז ערלויבען געגען דער רעגי-
רונג. און אַזוי וועט עס זיין מיט אַ פיערטער און אַזוי מיט אַ פינפ-
טער — ביז ענדליך מען וועט איינזעהן, אַז די גאַנצע קאָמעדיע
איז גאָר אַן'איבעריגע און מען וועט מאַכען אַ סוף מיט איהר.

און מיט נאָך אַ קאָמעדיע וואָלט שוין זיין צייט, אַז מען זאָל
מאַכען אַ סוף אין רוסלאַנד: מיט דער קאָמעדיע פון דעם „בערוהי-
גען" און דער אייביגער מודעה פון דער רעגירונג, אַז אַלץ איז
שוין גאָט זיי דאַנק „רוהיג" לויט דעם בעסטען אופן. איך האָב
היינט געמוזט, נישט ווילענדיג, זיך צעלאַכען אויפ'ן ק"ל. איך האָב
גענומען עפּעס אַ צייטונג פון היינט אין די האַנד אַריין און האָב
געפונען אין איהר, ווי תמיד, די רעגירונגס-נאַכריכט, אַז אַלץ האָט
זיך ענדליך, גאָט צו דאַנקען, בערוהיגט". דערווייל אָבער האָב איך
אומגעדרעהט דאָס בלעטעל און מיין בליק איז געפאַלען גראָד אויף
דעם אינהאַלט-פערצייכניס פון דעם דאָזיגען נומער, און זעהט איהר,
שוין דאָס אינהאַלטס-פערצייכניס אַליין איז גענוג און מען ברויכט
גאָרנישט ווייטער צו לייענען. איך לעז דאָרט: „אַ באָמבע אויפ'ן
לאָדזער פּאָליצײ-מייסטער. אַרעסטירט די פּעטע-בורגער ס. ד.-מילי-
טער-אָרגאַניזאַציע. באָמבען אויפרייסונגען אין קאַזאַן און טיפליס. אַ

שרעקליכער אויפרייס אויף אַ שיף אין אָדעסער פּאָרט. אויסגעבּיהרט 10 טויט-שטראָפען. גרויסע אַרעסטען אין פּעטערבורג. זעקס פּאָליטישע פערוּרטיילט צום טויט. אַלגעמיינער שטרייק אין ראַדאָם. אַ בּלוטיגער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי אין טיפליס. אַנ'אָנפאַל אויף דער רעגירונגס-קאַסע אין בּיאַלא. אַנ'אַטענטאַט אויף דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר אין ריגא". עס הויבּט אָן צו ווירקען ווי אַ קאָמישער פּאַרס אויף דער סצענע, ווען נעבּען אַזאַ רייכען אינהאַלט פון בּלוטיגע געשעהענישען אין איין איינציגען טאָג, לייענט מען די נאַיווע געשריבּענע פערזיכערונג פון דער רעגירונג, אַז אַלעס איז שוין רוהיג. פאַר וועמען שפּיעלט מען די קאָמעדיע? ווער גלויבּט דאָס? צו וואָס זאָל עס? — איך קאָן בשום אופן נישט גלויבּען, אַז צבּילו אין אויסלאַנד נעהמט מען אַזאַ פערזיכערונג ערנסט.

און דאַן נאָך אַ קאָמעדיע: די קאָמעדיע פון אַ קאָמיסיע, וועלכע מען האָט אַוועקגעזעצט וועגען דער גורקאָ-לידוואַל מעשה. דען זעהט איהר, וועהרענד מען שפּיעלט זיך דאָ אין קאָמיסיעס און מען קומט זיך צונויף יעדען טאָג אָדער אַ צוויי דריי מאָל אין דער וואָך אויף אַ שעה אָדער צוויי שעה און מען רויכערט גראָבּע ציגאַרען און מען לאָזט בּלויען רויך און מען דרימעלט, קומען נאַכריכטען פון די הונגער-געגענדען אַזוי שרעקליך און אַזוי האַרצרייסענד, אַז דאָס בּלוט ווערט געגליוועט אין די אָדערען. מיר האָבּען ערשט יעצט האַלבּ דעצעמבּער און בּיז צום נייעם שניט מוז נאָך דויערען גוטע אַכט חדשים, און שוין איז דער הונגער-טיפוס אין קאַזאַנער און סאַמאַרער גובּערניע אַזוי גרויס, אַז גאַנצע דערפער שטאַרבּען אויס און ווערען אָבּגעמעקט פון דער וועלט. עס איז דערכּוּן צו דרינגען, אַז דאָס מיסגערעטעניש היי-יאָהר איז נישט פערגלייכליך גרעסער פון דעם מיסגערעטעניש אין דעם שרעקליכען יאָהר 1891/92, ווייל דענסטמאָל האָט די מגפה פון דעם טיפוס זיך אָנגעהויבּען אויסצובּרייטען ערשט אין חודש מערץ. וואָס וועט שוין זיין אַרום פּסח-צייט, ווען שוין יעצט בּיים אָנפאַנג ווינטער פערקויפען גאַנצע פאַמיליעס זייערע טעכטער און זייערע יונגע ווייבּער און דער טיפוס און די צינגא-קראַנקהייט האַלטען זייער אונדערבּאַרמליכען שניט? אין יאָהר 1891 האָט ווייניגסטענס די גאַנצע רוסישע געזעלשאַפט און אַלע כּחות פון דער

לאַנד־בעפעלקערונג געהאַט די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די מלחמה בנוגע צום הונגער. יעצט אַבער האָט דאָס רעכט דערצו נאָר דאָס מיניסטעריום פון אינערן דען די „העכערע פּאָליטיק“ ערלויבט נישט אַנדערש, און ווען אַ פּריוואַט־מענש אָדער אַ פּריוואַט־אינסטיטוציע וועט זיך וועלען אַריינמישען אין דער הילף־אָרגאַניזאַציע, וועט מען עס נישט דערלאָזען — און ווי דאָס מיניסטעריום פון אינערן בעשעפטיגט זיך מיט דעם פּראָוויאַנט ברענגען, ווייסען מיר דאָך: דאָס מיניסטעריום האָט עס איבערגעגעבען גורקאָ׳ן, גורקאָ האָט עס איבערגעגעבען לידוואַל׳ן, לידוואַל האָט עס איבערגעגעבען דער מאַדאַם עסטער און איהרע מיידלעך, וועלכע זי שטעלט צו, און דערווייל זענען די אינצעהליגע מיליאָנען געגאַנגען לאיבוד, מען האָט זיי פערשיכורט און פערהוליעט, און בין כך וכך עסט דער פויער, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט און קאָן נאָך קייען, עטליכע חזיר־ניסלעך אַ טאָג. אומעטום צופגר׳ט דאָס פיה פאַר הונגער אָדער מען פערקויפט עס פאר האַלב־אומזיסט: אַ פערד פאַר 6 רובעל מיט 50 קאָפּיקעס, אַ בהמה פאַר 9 אָדער 10 רובעל, אַ שעפס פאַר אַ רובעל. מיט פערפוילט שטרוי, וועלכעס מען רייסט אַראָב פון די דעכער, נעהרט מען דאָס פיה אַזוי לאַנג ווי מען קאָן נאָך, און פאַר אַ וואָגען מיט אַזאַ שטרוי צאָהלט מען 5 רובעל. אויף די וועגען פון דאָרף צו דאָרף געפינט מען סקעלעטען פון געפגר׳טע פערד. און די קראַנקהייטען ווערען וואָסאַמאָל שרעקליכער און וואָסאַמאָל היציגער. קליינע קינדער שטאַרבען ווי די פליעגען... און דערווייל זיצט אין פעטערבורג די קאָמיסיע, וועלכע מאַכט די קאָמעדיע פון אַ משפט וועגען גורקאָ און לידוואַל און עס געהט אַזעלכע אַ וואָך נאָך אַ וואָך.

און נאָך אַ קאָמעדיע: סטאָליפּין זאָל אַראָב פון זיין שטעל און פּרעמיער־מיניסטער זאָל ווערען אַן־אַנדערער. זינט דעם 30־טען אָקטאָבער 1905 האָט זיך דאָס קאַבינעט שוין דריימאָל געביטען. דאָס ערשטע האָט געדויערט אַ האַלב יאָהר, דאָס צווייטע — צוויי מיט אַ האַלבען חודש, און דער כאַראַקטער פון ביידע איז גענוג בעקאַנט. איינס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אייביגע הבטחות, וועלכע זענען קיינמאָל נישט מקוים געוואָרען, און דאָס צווייטע מיט אַן אייביגער שטילער עקשנות, אַ דאַנק וועלכער עס האָט אַליין גאָרנישט געטהון

און האָט די דומאַ נישט געלאָזט טהון. דאָס דריטע מיניסטעריום האָט גענומען דעם רודער אין די האַנד אַ־יין גאָר אינגאַנצען אָהן אַ שום פּלאַן און אָהן אַשום אַריינקוקען אין די בעדערפעניש׳ן פון דעם אומגליקליכען לאַנד. אָנפאַנג האָט עס גערעדט פון „ליבעראַליזם״, און דאַן האָט מען איינציגווייז פערשטאָפּט דער פּרעסע דאָס מויל, און עס זענען געקומען רעפּרעסיעס און בעשרענקונגען און אונטערדריקונגען, אַזעלכע ווי אַפילו רוסלאַנד האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. דאַן האָט מען זיך געמאַכט אַ פּאָהן, וועלכע מען רופט „חברה פון עכטע רוסען״ און מען האָט געאסרט און מען האָט געפּסל׳ט אַלע געזעלשאַפטען און פעראיינען און מען האָט לעגאַליזירט נאָר די שוואַרצע הונדערט. איצט זאָל דאָס קאַבינעט שוין ווידער געטוישט ווערען. וואָס קאָן אונז דאָ זיין דער חילוק? עס קאָן העכסטענס זיין אַ חילוק אין נעמען, נישט אין פּרינציפּען. פאַר די הויפּקרייזען אַליין איז אפשר דאָ אַ שטיקעל חילוק, צי דער פּרעמיערמיניסטער וועט הייסען גאָרעמיקין אָדער סטאָליפּין אָדער וואַסילטשיקאָוו אָדער וויטע; פאַר דעם פאָלק אָבער איז עס נאָר אַ קאָמעדיע, נישט דעם מלמד — די תורה האָט מען געדאַרפט בייטען.

צום סוף נאָך אַ קוריאָז: די הויפּט־פערוואַלטונג פון דער חברה „עכט רוסישע״ האָט געגרינדעט אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פון שוואַרצע הונדערט (נאַטירליך בהסכם פון אויבען), וועלכע האָט דעם ציעל צו דערציהען יונגע מענשען אין איהר גייסט, אַזוי אַז זיי זאָלען בלינד הערען אויף אַ ץ, וואָס זייערע „פּאָרגעזעצטע״ וועלען זיי זאָגען און זאָלען טהון אַלץ, וואָס מען וועט זיי הייסען. די דאָזיגע יונגע לייט מוזען זיך לערנען שיסען פון רעוואָלווערען און מוזען אויסבילדען זייער מוסקול־קראַפט, אום צו קאָנען מלחמה האַלטען מיט די „פיינד״. דער הויפּט־לעהרער אין דער דאָזיגער „אַקאַדעמיע״ איז דער בעקאַנטער יוסקעוויטש־קראַסקאָווסקי, אַנ׳אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָגראָמען...

זעהט איהר, דאָס איז דאָס אמת׳ע פּנים פון רוסלאַנד.

דרייאונצוואַנציגסטער בריכף

עס איז אַ זעהר כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג פאַר רוסלאַנד
אין פאַר די צושטאַנדען אין דעם דאָזיגען אומגליקליכען לאַנד: מי-
ליאָנען מענשען האָבען אָבגעזיפצט ווי פון אַ שווערען יאָך און אַ
געפיהל פון אַ גרענצלאָזער שמחה האָט פלוצלינג אַרומגענומען אַלע
און האָט געדויערט עטליכע טעג — און די אורזאַך דערפון איז גע-
ווען יענע נאַכריכט, וועלכע האָט זיך פלוצלינג געלאָזט הערען, אַז
עס נעהמט זיך ווידער צו אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און יאַפאַן...
ווי אומגליקליך מוז זיין אַ פאָלק און ווי פערקנעכטעט מוז עס זיין
און וויפיעל מוז עס ליידען אין דער „פריעדענסצייט", אַז די איינ-
ציגע דערלייזונג און דאָס איינציגע ביסעל אָברוהען זיך פון זיינע
אונמענשליכע צרות זעהט ער עס אינ'ם קריעג! אין זיין שטילען ווינ-
קעלע האָט יעדער פאַר זיך שטיל מתפלל געווען: רבונו של עולם,
זאָל זיך ווידער מאַכען עפּעס אַ רעכט שטיקעל מלחמה, אַזוי אַז זיי
דאָרט אין די הויכע ספערען זאָלען האָבען צו טהון מיט זיך און
אונז זאָלען זיי אַביסעל אָבלאָזען!... רבונו של עולם, לאָז גע-
שעהן דיין נס, אַז די מענשען דאָרט אין יאַפאַן זאָלען קריגען חוצפה
פון טאָג צו טאָג מעהר און זאָלען אַרויסשטעלען פאָדערונגען פון
טאָג צו טאָג גרעסערע, אַזוי אַז די מלחמה זאָל זיין אונפערמיידליך!... רבונו של עולם, זאָלען שוין די מענשען פון אונזער
הויכער רעגירונג האָבען פערדרעהט די קעפּ מיט עפּעס אַ וויכטיגערע
זאַך, מיט שיקען מענשען און שיפען, מיט מאַכען פלענער, מיט
הרג'ענען און גע'הרג'עט ווערען, מיט מאַכען ליפערונגס-געשעפטען אין
ווייטען מזרח, אַבי זיי זאָלען אויפהערען צו „רעגירען" בריעדליך און
אונז דאָ אינ'ם לאַנד אַזוי אונמענשליך צו פייניגען!... איך גע-
דענק, די שריפטשטעלערין זשאָרזש סאַנד, דערצעהלט אונז אין איי-

נעם פון איהרע ראָמאַנען וועגען אַ מענשען, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר פייכטיגקייט, און ווען ער האָט געזעהן אַ וואָלקען אויפ׳ן הימעל האָט ער זיך פאַר גרויס שרעק אַריינגעוואָרפען אין טייך אריין. אַזוי דענקט מען און אַזוי פיהלט מען יעצט אין רוסלאַנד. בעסער טויזענדמאָל אַ קריעג מיט אַלע זיינע שרעקליכע פאָלגען, איידער צו ווערען שטיקלעכווייז און ביסלעכווייז געהרג׳עט און גע־וואָרגען און געהאָנגען און געשאָסען פאַר גאָרנישט און ווידער נישט. פאַר אַ קריעג שרעקען זיך די מענשען ביי אונז אייגענטליך נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווייסען, אַז נאָך אַ קריעג קאָן מען חלילה ווידער געבען „קאָנסטיטוציע״, און נאָכאַמאָל אויסצוהאַלטען און איבערצו־טראָגען אַ קאָנסטיטוציע איז שוין פראָסט קיין כח נישטאָ.

און ווירקליך איז די לאַגע יעצט אין רוסלאַנד אַזעלכע, אַז אפילו דער גרעסטער אָפּטימיסט זעהט נישט קיין אויסוועג. אין אַ היינטיגער מאָרגענצייטונג לייען איך: אין דעם וואַרשאווער ציטאַדעל געפינען זיך אין היינטיגען חודש 24,744 פּאָליטישע אַרעסטירטע, פיער און צוואַנציג טויזענד, זיבענהונדערט פיער און פערציג! פון אָדעס קומען טאָג־טעגליך נאַכריכטען, וועלכע קאָנען איינעם דאָס בלוט געגליווערט מאַכען. די אַגענטען פון די „עכט־רוסישע לייט״ טהוען אָב מעשים, וועלכע מען איז גאָרנישט אימשטאַנד צו בע־שרייבען. זיי בעפאַלען מענשען אין די הונדערטער, און בעזונדערס יודען, און שלעפען זיי צוועק אין שטילע ווינקעלעך און אין קעלערס און שטיקערווייז רייסט מען פון זיי גלידער און מען שטעכט אויס אויגען און כען שניידט אויס צונגען און דאַן וואַרפט מען אַרויס די נאָך האַלב צאַפּעלדיגע גופים אויפ׳ן שנעע. און די אָדעסער צייט־טונגען האָבען בעקומען אזהרות, אַז זיי טאָרען דערפון קיין וואָרט נישט שרייבען, דען ווען יאָ, וועט מען מאַכען מיט זיי אין פיער און צוואַנציג שעה אַ סוף. גאַנץ אָדעס האָט אַרומגענומען אַ בהלה, און מען ווייסט נישט וואָס מאָרגען וועט זיין. פון אַנדערע ערטער בע־קומען מיר נאַכריכטען, אַז דער טויט און מאָרד און הרג׳ענען און שיסען נעהמט גאָר קיין סוף נישט. דאָס פעלד־געריכט אַליין האָט — לויט „אָפּיציעלען״ בעריכט פון קריעגס־מיניסטעריום בכבודו ובעצמו — אויפגעהאָנגען אין די לעצטע זיבען טעג 56 מאַן. זעקס

אוך פוכציג מאַן אין זיבעַן טעג! צוזאַמען מיט די פריהערדיגע האָט דאָס פעלד-געריכט ביז איצט אומגעבראַכט 539 מאַן, מיט ווער-טער: פינפהונדערט און ניין און דרייסיג! כון ערשטען ביז צום זיבענטען אָקטאָבער זענען אין פעטערבורג אַליין אַרעסטירט געוואָרען 1233 מענשען. טויזענד צוויהונדערט דריי און דרייסיג מענשען אין זעקס טעג! — וואָס ועט ווערען? וואָס וועט ווערען? און דערביי איז נאָך קיין טויזענדסטעל נישט דערצעהלט פון דעם וואָס עס טהוט זיך אין יעדער שטאָדט און אין יעדען אָרט פון דעם דאָזיגען אונגעהויערען און כמעט אָהן אַ סוף גרויסען לאַנד! און איז עס אַ וואונדער, אַז מען קוקט אויס אויף אַ מלחמה ווי אויף אַ ישועה, ביי וועלכער מען וועט קענען אַביסעל אויסרוהען פון די טעגליכע צרות?

דער עולם איז געוואָרען גלייכגילטיג און יעדער גלויבען און יעדע האָכנונג האָבען אויפגעהערט. ביי די פאָריגע וואַהלען צו דער דומא איז נאָך געווען צו זעהען עפּעס אַ ברען, עפּעס אַ שטיקעל התלהבות, עפּעס אַ מין קאָכעניש; וואו מען איז נישט אַהינגעקומען, האָט מען גערעדט פון דער צוקונפטיגער דומא. עס זענען געווען תמימים געננג, וועלכע האָבען אין זייער נאַאיוויטעט געגלויבט, אַז עטוואָס וועט זיין — עטוואָס וועניגסטענס. ביי די איצטיגע וואַהלען איז דאָס בילד גאָר אַן'אַנדערס. קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט די וואַהלען, און ווען נישט דאָס ביסעל צייטונגען, וועל-כע ליאַרעמען נאָך אַביסעל און וועלכע שטרענגען זיך אָן מיט אַל כחות צו מאַכען די וואַהלען צום טעגליכען טעמא, וואָלט קיין מענש פונ'ם געוועהנליכען עולם אַפילו נישט געוואוסט דערפון, אַז מען דאַרף געהן וועהלען. עס גלויבט אַפילו אַ פיצעלע קינד נישט מעהר, אַז אַ דומא וועט עפּעס וואָס געבען. מען קוקט דערויף ווי אויף עפּעס אַ קאָמעדיע, און דערצו נאָך אַזעלכע, וועלכע קאָן גאָר ווע-רען געפעהרליך פאַר יעדען, וועלכער קומט אין איהרע ד' אמות. אָדעס, למשל, אין איהר גרויס פחד פאַר דער „שוואַרצע הונדערט" און פאַר דער „וויסער גוואַרדיע" און פאַר די „עכט רוסישע", האָט זיך אָבגעזאָגט אינגאַנצען פון אָנטיילנעהמען אין די וואהלען צו דער קינפטיגער דומא.

דער עולם האָט ביסלעכווייז פערלוירען דעם אינטערעס, גאָר

איגנאַטיעווען פאַר דעם טאַראַראַם, וואָס טהוט זיך אַרום זיי. אַט איז געוועזען אין טווער דער אָנפאַל אויף גראַף אַלעקסיי פּאַוולאָוויטש איגנאַטיעוו, און דער גראַף איז געפאַלען. איך קאָן מיר משער זיין, וועלכען רושם דער דאָזיגער טויט וואָלט אַרויסגערופען אין אַנ'אַנדערער צייט, און גאַנץ בעזונדערס צווישען יודען אין רוסלאַנד. פאַר יודען אין רוסלאַנד איז אַמאָל געווען אַ צייט — אין די 80-ער יאָהרען — אַז מיט דעם נאָמען „איגנאַטיעוו" האָט מען געשראָקען קליינע קינדער, עס איז גענוג צו וויסען, אַז דער דאָזיגער איגנאַטיעוו איז אַ ברודער פון יענעם, וועלכער האָט אין יאָהר 1882 געמאַכט די בעריהמטע „צייטווייליגע" מאַי-געזעצען, פון וועלכע מיר קאָנען נישט קומען צו זיך ביז צום היינטיגען טאָג. עס איז גענוג, אַז מען דערמאָהנט זיך, דאָס יענער ברודער איגנאַטיעווס איז דער דאָזיגער, וועלכער האָט ערפונדען די חכמה פון פּאָגראָמען געגען יודען און זיי דויערען שוין זינט דעם יאָהר 1881 ביז איצט. ספּעציעל וואָס בעטרעפט דעם איגנאַטיעוו, וועלכער איז איצט געהרג'עט געוואָרען, ווייסען מיר, אַז זינט עס זענען דאָ רעאַקציאָנערע גייסטער אין רוסלאַנד, איז נאָך אַזאַ רעאַקציאָנער נישט געווען. ער איז אין דער דאָזיגער הינזיכט געווען די קווינט-עסענץ פון אַ סערגיי און אַ פּלעווע און אַ פּאָביעדאָנאָסצעוו אינאיינעם; טרעפּאָוו איז אַקעגען איהם געווען אַנ'אומשולדיג קינד פון אַ יאָהר. און די הויפּט-זאַך איז, אַז אין די העכסטע ספערען האָט מען פון איהם געהאַלטען עולם ומלואו און געקוקט האָט מען אויף איהם ווי אויף דעם צוקונפטיגען הויפּט-רעדעלפיהרער און הויפּט-מיניסטער און הויפּט-דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד. און פאַרט האָט זיין פלוצלינגער טויט אין די ברייטע פאָלקסשיכטען קיין שום רושם נישט געמאַכט. דער עולם האָט פערלוירען יעדע האָפנונג און יעדען גלויבען און יעדע אויסזיכט אויף עפּעס בעסערס. וואָס נוצט עס, ווען איין רעאַקציאָנער איז געפאַלען! די רעאַקציע איז געבליבען! עפּעס ווי אַ מין פאַטאַליזם האָט אַרומגענומען אַלע: מען ווייסט למפרע, אַז צוואַנציג אַנדערע רעאַקציאָנערען וועלען אויפשטעהן איבערנאַכט...

מען איז אַזוי גלייכגילטיג געוואָרען, אַז אַפילו די לעצטע נאַכריכטען וועגען נייע מיניסטאָרען אין רוסלאַנד האָבען קיין שום

איינדרוק נישט געמאַכט. מישטיינס געזאָגט וואָס פאַרא גליקען קאָנען שוין אַרויסקומען דערפון? איבריגענס פיהלט מען, אַז די גאַנצע מעשה מיט בייטען דעם קאַבינעט איז נישט מעהר. ווי עפּעס אַ הויף־אינטריגע. מען האָט דאָ צו טהון מיט פאַמיליערע אינערליכע עסקים. עטליכע הויכע טשינאָווניקעס שפּיעלען פּראָסט אַ „מעטש״ צווישען זיך, ווער פון זיי זאָל זיין דער הערר איבער דעם נייעם „קאָנסטיטוציאָנעלען״ רוסלאַנד — דאָס הייסט, ווער זאָל זיין פּרע־מיער. זאָל עס בלייבען דער ערפאַהרענער ע־פינדער פון די פּעלד־געריכטען, אָדער זאָל עס זיין דער רייכער גרויס־גרונדבעזיצער פירשט וואַסילטשיקאָוו, אָדער זאָל עס גאָר ווערען דער אַלטער כיטרער פּאָ־ליטישער קונצען־מאַכער און אַוואַנטוריסט וויטע? פריהער, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ שטיקעל „מעטש״, האָט מען געפּלעגט נאָך ווי עס איז זיך אַרומהעגנגען מיט עפּעס אַ מענטעלע, וועלכעס זאָל געפעלען דער מאַסע; מען האָט גערעדט פון „בערוהיגונג״, מען האָט געדרש:׳ט פון „ליבעראַליזם״ און מען האָט זיך אויסגעזוכט נאָך אַזגל ע שעהנע ווערטלעך. נאָך פּלעווען איז געקומען דער טשינאָווניק סוויאַטאָפּאָלק מירסקי מיט זיין ווערטעל וועגען „פּריוולינג״; נאָך בוליגין איז געקימען וויטע מיט זיין „קאָנסטיטוציע״; נאָך גאָרעמיקין איז געקומען סטאָליפּין מיט זיין „בערוהיגונג״ און זיינע „רעפאָרמען״. דאָס אַלעס איז געווען צו יענער צייט אַזאַ דעקאָראַציע, וועלכע מען האָט געדאַרפט. איצט איז געקומען אַ צייט, וואָס מען ברויכט שוין די גאַנצע קאָמעדיע אויף טויזענד שאָק כפּרות. עטליכע הויכע קאַר־יעריסטען האַלטען מלחמה צווישען זיך הינטער די קוליסען, ווער פון זיי זאָל נעהמען די הערשאַפט אין האַנד אַריין, און דער, וועל־כער וועט קאָנען בעווייזען, אַז זיין הערשען וועט זיין דאָס פינ־סטערסטע און שרעקליכסטע און רעאַקציאָנערסטע — דער וועט דאָס ציעל דערגרייכען. — איבריגענס איז אַ רחמנות, אַז מען זעהט, ווי וועניג מענשען מיט פעהיגקייטען עס מוזען זיין אין רוסלאַנד, ווען מיט א י י ן מענש וויל מען אַלע לעבער פערשטאָפּען. איך רעד דאָס אָקעגען וויטע. וואָס האָט מען שוין נעבעך נישט אַלץ געמאַכט פון דעם אָרימען וויטע? מען בעדאַרף אַנ׳אָנלייהע — שיקט מען וויטע׳ן. מען בעדאַרף אַ שלום — ווידער איז וויטע. קאָנסטיטוציע — וויטע

פאבריצירט זי. רעוואָלוציע — וויטע איז דער לעצמייסטער פון איהר. און מאַכט זיך עפּעס אַ נייַ שטיקעל עסק מיט יאַפּאַן — עס שווימט שוין ווידער אַרויף דער אַלטער וויטע. אָבער, ווי געזאָגט, אינטע־רעסירט זיך דער עולם כמעט אַזוי ווי גאָרנישט מעהר מיט די דאָ־זיגע אַלע נאַכריכטען. ער האָפט און דערוואַרט כון זיי נישט דאָס מינדעסטע. זאָלען דאָרט די אינטריגעס הינטער די קוליסען זיך ענ־דיגען; אַ נוצען פאַר'ן פאָלק וועט פון זיי נישט אַרויסקומען. מען האָט אויפגעהערט צו גלויבען.

מען האָט זיך נישט אינטערעסירט זאָגאָר מיט די נאַכריכטען אין די לעצטע טעג שוין ווידער וועגען עפּעס רעכט פאַר יודענס וועגען — און אפילו יודען אַליין האָבען גלייכגילטיג געלייענט די דאָזיגע נאַכריכטען... מען איז שוין מישטיינס געזאָגט אַזוי שטאַרק גע־וועהנט צו דער דאָזיגער קאָמעדיע, אַז זי מאַכט שוין גאָר קיין איינ־דרוק נישט מעהר. ווי אָבער די מעשה איז, האָבען מיר שוין ווידער געהאַט די זכיה אין פערלויף פון דער הײַנטיגער וואָך צו זעהען אויפפיהרען דאָס בעקאַנטע טעאַטער־שטיק מיט זיינע צוויי אַקטען. ערשטער אַקט: אַ טעלעגראַם פּלוצלינג פון פעטערבורג, אַז מען האָט אין די הויכע כפערען שוין ווידער זיך מישב געווען און איינגעזעהן, אַז מען מוז יודען געבען געוויסע רעכט נאָך איידער די דומא וועט זיך צו־נויפקומען, און מען וועט טאַקי מבטל זיין די בעריהמטע מאַי־געזעצען אין נאָך און נאָך. צווייטער אַקט: די רעגירונג האָט איינגעזעהן, אַז די ריכטיגע צייט פאַר יודען־רעכט איז נאָך נישט געקומען, און האָט דערווייל דעם שוין פערטיגען פראָיעקט אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט — —

איך זאָג אייך: ווייסט דער טייוועל אין אַלדע שוואַרצע יאָהר, וואָס עס טהוט זיך דאָרט מכוח אַ הלואה אין אויסלאַנד!

און האַלט איך ביי דער הלואה, מיז איך דערמאָהנען אַ לייט־אַרטיקעל, וועלכען זשאָרעס האָט געשריבען פאַר עטליכע טעג אין זיין צייטונג „הומאַניטע“. ער ווענדט זיך צו די יודישע פינאַנסיסטען אין פראַנקרייך און זאָגט זיי מוסר דערפאַר, וואָס זיי מאַכען עס אַנדערש ווי די יודישע באַנקירען אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ און גיבען דער רוסישער רעגירונג נייע געלדער, כדי צו קאָנען אונטער־דריקען די פרייהייט און די עמאַנציפּאַציע פון די יודען. זשאָרעס

רעכענט אויס אַ צעפּעל פון יודישע באַנקירען ווי לאַזאַר, עמערס־דאָרפער, גאַנס, ווייסווייללער, זעליגמאַן, קאַהן, זולצבאַך, לעווי און לודוויג הירש, לויטער יודישע באַנקירען אין פראַנקרייך, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער לעצטער הלואה. נאַטירליך וועלען איהם די דאָזיגע הערען האָרכען ווי דעם פּאַראַיאָהריגען שנעע. זשאָרעס אָבער איז מבטיח, אַז ער וועט אינטערפּעלירען אין דער דעפּוטירטען־קאַמער די פראַנצויזישע רעגירונג, צי זי וועט אויך אויף ווייטער צולאָזען אַזעלכע מעשים. — איך ציטער שטאַרק, אַז די יודישע באַנקירען וועלען זיך זעהר דערשרעקען!

פיערזונצוואַנציגסטער בריעף

אין לאָדז, דריי שעה פון וואַרשא, טהוען זיך יעצט אָב מעשים, וואָס ש־עקליכצם: עס גיסט זיך מענשליך בלוט אין די גאַסען. די פאַבריקאַנטען האָבען דערפיהלט, אַז עס געהט יעצט די סדרה רעאַקציע און זייער צייט איז געקומען, האָבען זיי געמאַכט אַ לאָקאַוּט. דרייסיג, פערציג טויזענד אַרבייטער זענען אויסגעשלאָסען, און מיט די פאַמיליעס צוזאַמען זענען עס הונדערט טויזענד מענשען, וועלכע הונגערען און פריערען.

איהר ווייסט דאָך, ווי עס זעהט אויס, ווען די גרויסע טהוען עפּעס און עס קומען די קליינע און טהוען זיי נאָך. אָפט האָט עס אַ פּנים ווי אין צירק, אַז בשעת דער רייטער מאַכט אַ רעכט קונצשטיקעל, איז באַלד פאַרהאַן דער קלאָון אונטען אויף דער ערד, וועלכער קייקעלט זיך משוגענערווייז אין זאַמד און מאַכט כלומרשט עפּעס אַנ׳עהנליך שטיקעל ווי יענער. אין פאָריגען יאָהר בשעת די רעוואָלוציע ביי אונז איז געווען אין גרויסען ברען, איז דאָס קאָמישסטע געווען צו זעהן, ווי יעדער חרש שוטה וקטן, יעדער מינדעסטער בעל-מלאכה אין מינדעסטען שטעדטעל איז געווען ביי זיך אַ גרויסער פּריץ און האָט מקיים געווען מצות רעוואָלוציע, ווי אַ גרויסער, און ער האָט געפּייניגט גרויס און קליין און יעדען, וואָס איז אַריינגעקומען אין זיינע ד׳ אמות און האָט אַלעמען דעספּאָטירט און טעראָריזירט מיט זיין „פרייהייט“. יעצט אָבער, ווי מען האָט אַוועקגעלעגט דעם לולב און מען האָט זיך גענומען צו דער הושענא, איך מיין, ווי עס האָט אויפגעהערט אַביסעל די רעוואָלוציע און עס איז געקומען די רעאַקציע, זעהט מען דאָס אייגענע שפּיעל פון דער אַנדערער זייט. אַלעס, וואָס די רעאַקציאָנערע רעגירונג מאַכט אויבען, אַלע נידערטרעכטיגקייטען און ריקזיכטסלאָזיגקייטען און גרוי־

זאמע מעשים און אונמענשליכקייטען, אלעס מאכט אויך דער איינפאכער בעל-הבית, דער קליינבירגער, אין קליינעם. האט די רעגירונג רעפרעסיעס — האט זיי אויך דער בעל-הבית; בענוצט זיך די רעגירונג מיט נאגייקעס און שטראפען און פעלדגעריכטען — בענוצט זיך אויך דער בעל-הבית אדער דער פאבריקאנט אדער גלאט דער קליינבירגער מיט נאגייקעס און שטראפען און מיט א מין פעלדגעריכט; האט די רעגירונג א סטאליפין — האבען אויך די דאזיגע לייט קליינע סטאליפינדלעך; צייכענט זיך די רעגירונג אויס מיט איהר ביוראקראטיע — טהוט אויגענבליקליך אויך די געשעפטס-ביוראקראטיע אונז אב אזעלכע שטיקלעך, פון וועלכע די האר שטעלען זיך איינעם קאפויער; האלט זיך די רעגירונג א „פצראיין פון עכט רוסישע" און פון א מחנה כוליגאנעס און פון א שווארצער הונדערט און מאכט פאגראמען — זענען זיך נוהג אזוי אויך די הערען גרויס-אינדוסטריעלער, און מיט דער הילף פון זייערע שווארצע פאגראמען זיי צעהנטויזענדער ארבייטער-שטובען און צעהנטויזענדער ארבייטער-לעבענס. אלעס להבדיל ווי אין גרויסען. בקיצור, עס איז אין גרונד קיין שום חילוק נישט צווישען דער רעאקציאנערע פאליטיק אויבען און דער רעאקציאנערער פאליטיק אונטען. דער קלאון אונטען מאכט דאס אייגענע, וואס יענער אויבען, וועלכער איז אויפ'ן פערד. זעהען מיר, למשל, בארט, אז די הערען פאבריקאנטען און גרויס-אינדוסטריעלער אין א שטאדט לאדז זענען נאך נישט אזוי ווייט, אז זיי זאלען פערשיקען זייערע ארבייטער קיין סיבירינען אדער זיי זאלען זיי לאזען אויפהענגען אויף א לאמטערן אדער זיי זאלען זיי לאזען דערשיסען ווי די כלבים, איז עס בנאמנות נישט ז י י ע ר שולד; די מניעה וואלט בוודאי ובוודאי נישט געווען פון זייער זייט. נאר וואס זאל מען נעבעך מאכען — די נענעל זענען נישט לענגער געוואקסען; מעהר קאנען זיי נישט.

דרויסען איז דער פראסט זעכצעהן, אכצעהן און אפט נאך מעהר גראד — און הונדערט טויזענד ארבייטער דרעהען זיך ארום אין די דינע, לייכטע ארבייטער-קיטלען אין די גאסען און קלאפערען מיט די צייהן פאר קעלט און פאר הונגער. פון די גרויסע פאבריק-קוימענס רויכערט זיך נישט. טעגליך טרעטען צו צום לאקאוט אלץ

מעהר פאַבריקאַנטען און די לאַגע ווערט פון מינוט צו מינוט שרעק-
ליכער. די הויפטפיהרער פונ׳ם לאָקאַוט זענען געוועזען די פירמעס
פאָזנאַנסקי, שייבלער, היינצעל, גראָהמאַן און נאָך. די בעדינגונגען,
וועלכע זיי האָבען געשטעלט די אַרבייטער, זענען געוועזען: די אַר-
בייטער זאָלען איבערבעטען עטליכע פון די פאַבריקס דירעקטאָרען
(למשל אַ קוש אין האַנד, אַ פאַל אויף די קניה, אַ קלאַפּ אין האַר-
צען מיט דער פויסט און דערגלייכען); די אַרבייטער זאָלען בע-
שטעהן דערויף, אַז אַ גרויסער טייל פון זייערע ברידער, וועלכע
זענען געוועזען „רעוואָלוציאָנערען״ געגען די דיקטאַטאָרען, זאָלען ווע-
רען אַרויסגעוואָרפען און זיי זאָלען זיך פאַר זיי נישט אָננעהמען:
די אַרבייטער זאָלען אַרבייטען אַ שעה לענגער, און הויכטזעכליך;
דער אַרבייטס-לויהן זאָל זיין אַ קלענערער. עס איז דאָך יעצט
רעאַקציע און עס איז געקומען די צייט, אַז „זיי״ זאָלען אַרומריי-
טען אויף דער שקאַפע. נאַטירליך האָבען די אַרבייטער די בעדינ-
גונגען נישט געקאָנט אָננעהמען און די קאַטאַסטראָפע איז געקומען.
ווען וועניגסטענס די פאַבריקאַנטען וואָלטען געהאַט דעם מוט און
וואָלטען געקומען און געזאָגט פראָסט און אָפען, אַז זיי מיינען די
פאָר גראָשען ביליגער, מחמת זיי קאָנען נישט בעשטעהן געגען די
קאָנקורענטען אין מאָסקוואַ וכדומה, און וואָלטען זיך נישט אָנגע-
כאַפּט אָן די פוילע ווענד מיט די כולע, נאַרישע אויסריידען און
קאָמעדיעס פון אַן׳איבערבעטעניש, וואָלט די גאַנצע מעשה אפשר נאָך
געקאָנט ווי עס איז האָבען אַ מענשליכען סוף. יעצט אָבער, אַזוי
ווי עס איז, האָט די קאַטאַסטראָפע געמוזט קומען. צעהן טויזענד
פערביטערטע מענשען, וועלכע האָבען גאָרנישט מעהר צו פערלירען,
דרעהען זיך אַרום אָהן אַ ביסען און אָהן אַ היים און ווערען פער-
ביטערטער פון מינוט צו מינוט מעהר. די פאַבריקאַנטען האַלטען
זיך מיליטער און לאָזען זיך שיצען. די פאָליציי טהוט דאָס איהריגע
און מאַכט רעוויזיעס צווישען די אַרבייטער טאָג און נאַכט און
מאַכט מאַסען-דעפּאָרטאַציעס און שיקט אַרויס מיט דעם עטאַפּ הונ-
דערטער אַרבייטער יעדען טאָג. און די פערביטערטקייט געהט אַלע-
מאָל וואָס ווייטער. די אַרבייטער זענען אויפגעהעצט איינער געגען
דעם צווייטען. אין די ברוינינגס אין די הענד פון די אַרבייטער

הערען נישט אויף צו אַרבייטען און די מויזער-ביקסען און די קאַראַבינען אין די הענד פון דעם מיליטער הערען גם-כן נישט אויף, און דאָס שיסעריי נעהמט גאָר קיין סוף נישט. יעדען טאָג פאַלען אַ צעהנדליג מענשען. אויף יעדער גאַס און אין יעדער שעה איז דאָ אַ נייער אומגליקליכער צופאַל. ווי אַ טעלעגראַם איז היינט מודיע פון לאָדז, האָט איינער פון די שעפס פון׳ם פּאָזנאַנסקי׳שען הויז בעקומען צוגעשיקט אַ טויט-אורטייל. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז די אַרבייטער וועלען ווערען געטריבען ביז צום אויסערסטען, און אַזוי ווי דערגרייכען וועלען זיי גאָרנישט קאָנען, וועלען זיי זיך וועניגסטענס קיהלען זייער בלוט און וועלען טהון מעשים אשר לא יעשו. זיי וועלען וואַרפען באָמבעס אין די פּאַלאַצען פון די גרויס-פאַבריקאַנטען און וועלען זיי דעמאָלירען, אין טויט-אורטיילען וועלען זיי אַרויסגעבען און וועלען זיך נוקם זיין אָן זייערע געוועזענע ברויט-געבער אַזוי ווייט ווי זיי וועלען נאָר קאָנען צוקומען צו זיי. — זעהט דאָס די פאַבריקאַנטען-ביוראָקראַטיע נישט איין? איז עס נישט מעגליך, אַז די געשעפטס-רעאַקציאָנערען זאָלען אַביסעל איינלענקען? געהט עס גאָרנישט, אַז די רעפרעסיעס פון די אינדוסטריעלער זאָלען אַביסעל געמינדערט ווערען און מען זאָל בלוט און אומגליק און שרעקליכע קאַטאַסטראָפעס פערמיידען? — סוף-כל-סוף איז עס דאָך נישט די „ביוראָקראַטיע" נומער 1, נאָר די נאָכגעמאַכטע, און עס איז נישט די „רעאַקציע" נומער 1, נאָר די נאָכגעמאַכטע, און עס איז נישט די „רעפרעסיע" נומער 1, נאָר די נאָכגעמאַכטע, די לאָדזער — און כ׳לעבען ביי „זיי" אין לאָדז האָט מען פאָרט געמעגט פועל׳ן! — און פאָרט בין איך זיכער, אַז אַזוי לאַנג ווי דער גרויסער סטאָליפּין אין פּעטערבורג וועט נישט נאָכגעבען, וועלען אויך די קליינע סטאָליפּינדלעך אין לאָדז, די יודישע און די גוי׳עשע נישט נאָכגעבען. דאָס ליעגט שוין אַזוי אין דער טבע...

בין כך-וכך האָבען, חוץ די לאָדזער געשעהענישען, אַרויסגערופען אַביסעל אויפזעהן אין דער לעצטער וואָך די ענטדעקונגען, וועלכע עס האָט געמאַכט די צייטונג „ריעטש". די דאָזיגע צייטונג האָט בעקומען דאָקומענטען אין האַנד אַריין, וועלכע בעווייזען, ווער עס זענען געווען די מערדער פון דעם געוועזענעם דומא-דעפּוטאַט הערצענשטיין, וואָס

איז געוואָרען דערשאָסען אין טעריאָקי אין פינלאַנד באַלד נאָכדעם ווי די דומא איז פונאַנדערגעלאָזען געוואָרען. לויט די בעווייזען פונ'ם „ריעטש" זענען עס געווען צוויי מענשען, וועלכע האָבען געאַרבייט אין אויפטראַג פונ'ם „פעראיין פון די עכט-רוסישע לייט": דער בעקאַנטער פּאָגראָם-אָרגאַניזאַטאָר יושקעוויטש-קראַסאָווסקי און דער זשאַנדאַרם פּאָלאָניעוו. נאַטירליך האָט די ידיעה אָנגעמאַכט אַ גאַנצען קאָך. דער „פעראיין פון די עכט-רוסישע" איז דאָך כּלומרשט נישט די רעגירונג אַליין, נאָר ער איז די איינציגע לעגאַליזירטע פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע די רעגירונג האַלט זיך אין אָרעם און שטיצט זיך אויף איהר און העלפט זיך מיט איהר אומעטום און צו וואָס נאָר זי בעדאַרף — און דאָ מאַכט זיך אַזאַ שטיקעל אומגליק. נאַטירליך, איז דאָס אַביסעל אונאַנגענעהם, און דאָס יוסטיץ-מינסטעריום האָט זיך באַלד גענומען צו די כּלים און האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך, און וועט אַלעס גענוי „אונטערזוכען". מילא, ווי די אונטערזוכונג וועט אַרויסקומען, דאָס געהט מיך פּאָרלויפיג נישט אָן. דער גאָט וואָס האָט געהאָלפען דניאל'ן פון אַ לייבען-גרוב און גורקאָ'ן פון אַ שקר-בלבול און מאַדאַם עסטער פון בייזע צונגען, דער וועט מסתּם אויך העלפען דעם „פעראיין פון די עכט-רוסישע לייט", אַז ער זאָל אַרויסגעהן ריין ווי גאָלד נאָך דער „אונטערזוכונג". דערפאַר איז עס דאָך אַ מיניסטעריום, און דערצו נאָך אַ יוסטיץ-מיניסטעריום, און דערצו אַ יוסטיץ-מיניסטעריום אין רוסלאַנד, וועלכעס געהט מאַכען די אונטערזוכונג. אַזוי ווי עס איז גאָרנישט מעגליך, אַז מען זאָל חלילה לאָזען אַ גורקאָ מיט אַ לידוואַל אַריינפאַלען, אַזוי איז עס נישט מעגליך אַז דער „פעראיין פון די עכט-רוסישע" זאָל חלילה-וחס אַריינפאַלען. מיך וואונדערט נאָר ביים גאַנצען עסק די שרעקליכע תּמימות פון אונזער ליבעראַלער פּרעסע. „ריעטש" און „טאָוואַרישטש" און נאָך אַזעלכע זענען גליקליך, אַז זיי האָבען געכאַפּט די מציאה און מאַכען קולות און האַלטען אין איין שרייען: אַהאַ! האָבען מיר נישט באַלד געזאָגט? וועט ענדליך די רעגירונג איינזעהן, ווער עס איז דער פעראיין פון די עכט-רוסישע און ווער עס זענען די יושקעוויטש-קראַסאָווסקיס און וואָס זייערע שעהנע מעשים זענען? — אוי, תּמימות, תּמימות! זיי קלאָגען זיך ביי דער קאַץ אויף די קליינע קעצלעך, וועלכע האָבען אויפגעפרעסען דאָס יום-טוב'דיגע שמאַלץ. זעהט איהר, די מעשה איז דאָך אייגענטליך

נאָר פראָסט: פין אונז און פון אונזער לאַגער האָט הערצענשטיינען אודאי און אַודאי קיינער נישט אומגעבראַכט. איבריגענס, אויב איהר געדענקט, איז ביי הערצענשטיינ׳ס טויט דער חברה פון „יענע לייט" פאַסירט אַ טיקעל אונאַנגענעהמע סיבה: זייערע צייטונגען האָבען געבראַכט די נאַכריכט פון זיין טויט אַ שעה זעקס פריהער איידער דער אָנפאַל איז נאָך גאָר געמאַכט געוואָרען, און איך האָב שוין דענסטמאָל אין איינעם פון מיינע „בריעף פון רוסלאַנד" בעדויערט די רעגירונג נעבעך, וואָס זי איז אויף אַזאַ אופן אַביסעל נישט שעהן אַריינגעפאַלען — און דאָ מאַכט מען אַ גאַנצען טאַראַראַם דערכון, וואָס מען קאָן אָנרופען צוויי דריי פון די מערדער מיט די נעמען. זאָגט, איז דאָס באמת אַ גרויסע נפקא מינה? האָבען מיר דען די עצם מעשה נישט פריהער געוואוסט? און נאָך מעהר: וואָס ווערט דאָן זיין, אַז מען וועט נעהן נאָך אַ טריט ווייטער און עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז נישט בלויז די צוויי מערדער האָבען געאַרבייט אין דעם אויפטראַג פון דעם פעראיין פון די עכט רוסישע, נאָר אויך נאָך אַז דער פעראיין פון די עכט רוסישע אַליין האָט געאַרבייט אין דעם אויפטראַג פון נאָך עכטע העכערעס? — אוי, אורוסקאָו, אורוסאָוו! אוי לאַפּוכין, לאַפּוכין!

און חוץ די דאָזיגע געשעהענישען האָט נאָך איין פאַסירונג פון דער היינטיגער וואָך געמאַכט אַ רושם: דער אָנפאַל אויף דעם פעטער-בורגער שטאָדט-אויבערהויפטמאַן, פאָן דער לויניץ, און דער אופן פון זיין געהרג׳עט ווערען. מען האָט געקראָגען אין געוויסע ספערען בלוצ-לינג אַ שרעק. מען זעהט, ווי די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי אַרבייט, און ווי עס נוצט כמעט נישט געגען איהר קיין שוץ און קיין געהיים-פּאָליציי און אויך נישט יענע טויזענד פאַרזיכטס-מיטלען, וועלכע קאָסטען אָב מיליאָנען. אין דער קירכע, אין וועלכער דער פאַל איז פאָרגעקומען בשעת דער איינווייהונג פונ׳ם ערמאָרדעטען אין זיין אַמט, זענען געווען געצעהלטע מענשען; יעדער האָט געמוזט האָבען אַנ׳איינ-טריטס-בילעט און יעדער האָט געמוזט זיין לעגאַליזירט. און פאָרט איז אויסגעקומען, אַז נעבען דעם גרויספירשט אָלדענבורג, סאַמע ביי דער מזרח-וואַנד אויבענאָן, איז געשטאַנען יענער מענש אינ׳ם פראַק, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך אין דער טאַש צוויי רעוואָל

ווערען און וועלכער האָט געשאָסען זעקס מאָל אין דעם שטאָדט-אוי־
בערהויפטמאַן אַריין. אַזאַ זאַך ברענגט צו פערשידענע געדאַנקען.
מען הויבט אָן נאָכצוקלערען און מען הויבט אָן זיך עפּעס נישט בע־
זיכער צו פיהלען...

פינפאונצוואנציגסטער בריעף

אוי, די „רוהע“ אין רוסלאַנד! וואָס זאָגט איהר אַביסעל צו דער דאָזיגער רוהע אין אונזער רוסלאַנד? איגנאַטיעוו געהרג'עט, פאָן דער לויניץ געהרג'עט, פאַוולאָוו געהרג'עט — און דאָס אינגאַנצען אין פערלויף פון בלויז עטליכע טעג. און לויטער אַזעלכע קאַרפען-קעפ, לויטער אַזעלכע גרויסע! ווי עס ווייזט זיך אויס, האָבען די מיטגלידער פון דער ס. ר. (סאָציאַל רעוואָלוציאָנערע) פאַרטיי אויגענבליקליך פאַר זייערע אויגען נאָר איין ציעל: זיי האָבען געזעהען, ווי מען בענוצט זיך טאָג טעגליך מיט דעם גרויסען ליגען פון דער רוהע אין רוסלאַנד, ווצהרענד פאַקטיש לעבט אַלעס ווי אויף אַ וואולקאַן, זיי האָבען געזעהען ווי מען פערשפרייט סיסטעמאַטיש די דאָזיגע אַנזיכט כון אַ רוהע און אַ בערוהיגונג און מען וויל ביד חזקה, אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל דערין גלויבען, זיי האָבען געזעהען, ווי ביסלעכווייז הויבט אַ וועלט טאַקי אָן צו גלויבען דערין און אין אויסלאַנד ווערט וואָסאַמאָל פעסטער די איבערצייגונג, אַז אַלעס איז שוין, גאָט זיי דאַנק, על צד היותר טוב, דאָ זענען זיי געקומען און האָבען געוואָלט אויסראָטען מיט'ן וואָרצעל די דאָזיגע פאַלשע מיינונג, און האָבען דערלאַנגט עטליכע גרויסע שטאַרקע קלעפ נאָכאַנאַנד, איינמאָל און צווימאָל און דריימאָל, אַז עס האָט געהילכט אין דער גאַנצער וועלט. און דער ערפאָלג דערפון איז געוועזען אַ גרויסער, אַנ'איבעראַשענדער: אין אויסלאַנד האָבען זיי פלוצלינג אויפגעשטעלט די אויערען און האָבען געהאָרכט. עפעס איז עס דאָך גאָרנישט, ווי מען שרייבט אין די צייטונגען, אַז דאָ און דאָרט און אומעטום און יעדען טאָג קריגט די פאָליציי אין איהרע הענד אַריין גאַנצע מחנות פון רעוואָלוציאָנערען מיט זייערע אַרכיוען און מיט זייערע רעוואָלווערען און ביקסען און באָמבעס, אַזוי אַז די „רעוואָלוציע איז שוין אינגאַנצען דערשטיקט“; עפעס זעהט מען דאָך

גאָר אומגעקעהרט, אַז חברה, ווען זי וויל, קאָן זי צוקומען צו אַזעלכע מקומות וועלכע זענען אָבגעהיט דורך אונגלויבליכע שמירות, און קיין שום טהיר איז נישט פאַר זיי געגוג שטאַרק פערשלאָסען און קיין שום מענש איז נישט פאַר זיי געגוג שטאַרק פערהיט, און עס העלפען נישט און עס נוצען נישט אַלע יענע שמירות און אַלע יענע געהיים-פּאָליציעס און אַלע יענע געהיים-זשאַנדאַרמעריעס, וואָס ווייסען אַלעמאָל אַלץ און וואָס ענטדעקען אַלעמאָל אַלץ, און וועלכע קאָסטען אָב מיליאָנען. אָט איז איינער צוגעקומען פראַנק און פריי צו איגנאַטיעוו'ן, צו דער הויפּט-שטיצע פון דער רעאַקציע, אויף וועלכען דאָס רעאַקציאָנערע רוסלאַנד האָט געבויט פּיתום ורעמסס, און האָט איהם אַוועקגעלעגט אין אַ העלען, ליכטיגען טאָג; אָט איז אַ צווייטער צוגעקומען ביז צו כאָן דער לויניץ, דעם טאָטען פון דער געהיימער פּאָליציי, וואָס האָט ביי זיך אין קאַבי-נעט געהאַלטען די פעדים פון דער גאַנצער געהיימער רעוואָלוציאָנערען-בעוועגונג אין פּעטערבורג, דער אייגענער, וועלכער האָט נאָך אַ טאָג פאַר זיין טויט זיך בעריהמט פאַר אַנ'אויסלענדישען קאָרעספּאָנדענט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַן פון אַנ'אַנפאַל אין פּעטערבורג, וועלכער זאָל איהם נישט זיין שוין בעקאַנט, און אָט איז יענער פּלוצלינג גע-שטאַנען האַרט נעבען איהם, אין אַ שוואַרצען פראַק מיט אַ ווייסער האַלז-בינדע, יום-טוב'דיג און הייליג ערנסט ווי ער אַליין, און האָט איהם אַוועקגעלעגט מיר נישט, דיר נישט; אָט איז אַ דריטער צוגעקו-מען ביז צו פּאַוולאָוו, דער אויבער-פּראָקוראָר פון קריעגס געריכט, וועל-כער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט גענוג און אַז אַ קריעגס-געריכט האָט אַמאָל פריינעשפּראָכען אַ בעשולדיגטען, האָט ער נישט גערוהט ביז ער האָט אַפּעל רט און האָט דורכגעזעצט, אַז יענער זאָל בעשטראָפט ווע-רען, דער אייגענער, וועלכער האָט אין דער דומאַ, אויב איהר געדענקט, אָנגעהויבען האַלטען אַ פערטיידיגונגס-רעדע און נאָמען פון די מיניס-טאָרען און די דומאַ-דעפּוטאַטען האָבען געשריען: „מערדער! בלוט-פערגיסער!" און האָבען איהם נישט געלאָזט אויסרעדען און ער האָט געמוזט שווייגען, און אָט איז מען צוגעקומען ביז צו איהם אַליין, און איינס, צווי, דריי, און עס איז נישט געווען מעהר קיין פּאַוולאָוו. און אָט דערצעהלען די ציימונגען פון אַ רשימה, וועלכע די פּאָליציי האָט ענטדעקט פאַר צוויי, דריי וואָכען, און אין דער דאָזיגער רשימה זענען

אויסגערעכענט אלע „הויכע פערזענליכקייטען", וועלכע די רעוואלוציע האט פער׳משפט צום טויט, און צווישען זיי זענען געווען אויך די דריי, וועלכע זענען שוין יעצט געפאלען, און חוץ זיי איז געווען אויסגע־רעכענט נאך א גאנצע מחנה, אזוי אז מען ווייסט נישט, וואס וועט נאך ערשט זיין מארגען און איבערמארגען און אין די נעכסטע טעג און וואכען. אוי, די „רוהע" אין אויסלאנד!

און נאך איינס. איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט: עס מאכט פארט, נישט וו לענדיג, א מעכטיגען איינדרוק, ווען מען בעטראכט, מיט וועלכער מסירות-נפש יענע לייט ארבייטען. רופט עס אנ׳אונערשיטער־ליכען גלויבען אין זייער אידעאל, רופט עס א הייליגען פאנאטיזם, רופט עס ווי איהר ווילט, אבער א מין דרך-ארץ קריגט מען פארט כאר זיי, ווען מען זעהט, ווי זיי קומען אין די צעהנדליגער און די הונ־דערטער און די טויזענדער, איינער נאכ׳ן אנדערען, און טהוען זייער „פליכט" און שווייגען, און ווי זיי דרעהען דאן אויס דעם רעוואלווער, מיט וועלכען זיי האבען דעם מענשען דערשאסען, אויך געגען זיך, און דערשיסען זיך זעלבסט רוהיג און שטיל און אהן א שום פאטאס. עס האט זיך עפעס אויסגעבילדעט א מין כאראקטער, א מאדערנער, וועל־כער איז פריהער גארנישט געווען און וועלכער מעג בעשעפטיגען די פסיכאלאגען. וואס בעדייטען געגען דעם אלעם די „געשריבענע" העלדענטהאטען פון די פארצייטיגע גריכישע און רוימישע העלדען!

און דער ערפאלג פון די דאזיגע טהאטען איז א דאפעלטער: ערשטענס, ווי געזאגט, דער איינדרוק אין אויסלאנד, וועלכעס מוז סוף־כל-סוף אויפהערען צו גלויבען אין דער בבא-מעשה מיט דער בערוהי־גונג, און צווייטענס, דער איינדרוק אויף אונזערע הויכע ספערען אליין. עס איז געווארען א שטיקל מהומה. מען האט אויף איין אויגענבליק פערלארען דעם זעלבסט-בטחון און דעם גלויבען אין דער אונפעהל־בארקייט פון די מיטלען, וועלכע מען האט אנגעווענדעט ביז יעצט, אין א געוויסע נערוועזע אונרוהיגקייט האט אלע ארומגענומען. וואס נוצען די טויזענד רעפרעסיעס און וואס האט מען אויפגעטהון מיט די אומגליקליכע פעלד-געריכטען און וואס האט מען פערהיט און בעוואריינט דורך די אויפזיכטס-צושטאנדען און די פערשארפטע אויפזיכטס-צושטאנדען און די קריעגס-צושטאנדען און די בעלאגערונגס־

צושטאַנדען, מיט וועלכע מען האָט רעגירט אַ גאַנץ לאַנד מיט זיין קולטור און זיין עקאָנאָמישער לאַגע? — ווי עס ווערט דערצעהלט, איז באַלד נאָך דעם אָנפאַל אויף דעם פעטערבורגער שטאָדט-איבער-הויפּט מאַן פאָן דער לויניץ געוועזן אַ גרויסע בעראַטונג פון אלע מיניסטאָרען און נאָך אַנדערע הויכע פערזענליכקייטען ביז 60 מאַן, און אויך וויטע איז געוועזן איינגעלאַדען, נאָר ער איז נישט געקומען. די בעראַטונג האָט געדויערט 10 שטונדען. אין דער איינלייטונגס-רעדע איז פאָרגע-קומען דאָס וואָרט, אַז „די בלוטיגע פראָבע וועלכע מען האָט געמאַכט זינט 5 חדשים, דאָס לאַנד צו בערוהיגען, האָט נישט געבראַכט דעם רעזולטאַט, צו וועלכען מיר האָבען געשטרעבט“. סטאָליפּין אַליין, דער טאַטע פון דער דאָזיגער פראָבע, איז געוועזן אַביסעל צעקאָכט און האָט מודה געוועזן, אַז זיין סיסטעם האָט „פאָרלויפיג“ נישט געבראַכט רוסלאַנד דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען, אָבער וואָס זאָל מען טהון, ווען עס איז נישט פאַרהאַן קיין אַנדער מיטעל, מיט וועלכען מען זאָל קאָנען בעסער מאַכען; ווען מען זאָל יעצט פּלוצלינג בייטען דעם קורס און אָבשאַפען די פעלד-געריכטען און די קריעגס-צושטאַנדען, וועט די אַנאַרכיע געוויס ווערען שטאַרקער. נאַטירליך, זענען געוועזן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען געזאָגט אַדרבא, מען מוז נאָך פערשטאַרקען די רעפּרעסיעס און מען מוז מאַכען, אַז יעדע רעוואָלוציאָנערע ערשיינונג זאָל זיין אוממעגליך. קודם-כל מוז מען זעהען געלד צו קריגען און מען מוז פערשטאַרקען די געהיים-פּאָליציי. מען מוז ערקלערען יעדעס אָרט, וואו עס וועט פאָרקומען אַן אָנפאַל, אין קריעגס-צושטאַנד. מען מוז פערשליסען יעדע צייטונג, וועלכע וויזט אַרויס עפּעס אַ רעוואָלוציאָנערע נייגונג. מען מוז פערביטען אַלע פּראָפּעסיאָנעלע פעראיינען, און בנוגע צו דער דומאַ האָבען די דאָזיגע אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז אַזוי ווי סוף כל סוף, נאָך אַלע בעמיהונגען, וועט די דומא געוויס זיין גענוג ליבעראַל, דערום וועט זי מוזען ווערען באַלד פונאַנדערגעלאָזט און מען וועט מוזען ערקלערען, אַז אַזוי ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז נאָך נישט פעהיג צו אַ פּאָליטיש לעבען, דעריבער מוז די דומאַ אָבגעלעגט ווערען „אויף אַ געוויסע לענגערע צייט“. אָבער פון דער אַנדערער זייט זענען געוועזן אויך אַזעלכע, וועלכע האָבען געטענה׳ט און האָבען געזוכט צו בעווייזען, אַז דאָס

סיסטעם פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק איז באַנקראָט און מען מוז זעהען וואָס גיכער מבטל צו זיין די פעלד-קריעגס-געריכטען און די קריעגס-צושטאַנדען און אַלע אויסנאַהמס-צושטאַנדען, זעלבסטפערשטענדליך, איז געווען אויך אַ דריטע גרופּע, אַ פּשרה-מאַכער-חברה, וועלכע האָט געזאָגט אי דאָס אי יענץ און האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען מוז זיך האַלטען אַביסעל אַזוי און אַביסעל אַזוי. יעדענפאַלס זעהען מיר, אַז די לעצטע מעשים האָבען געמאַכט אין יענע ספערען אַ שטאַרקען איינדרוק. איך האָב מורא, אַז צום סוף וועט איבערבלייבען נאָר דער „ליבעראַלער“ סטאָליפּין אַליין, וועלכער וועט זיך פעסט האַלטען ביי זיין סיסטעם און וועט נישט לאָזען צוריהרען זיך צו זיין „ליבעראַלער טעטיגקייט“. אַ ליבעראַלער מיניסטער — דאָס איז אַ קראַנקהייט.

און אפשר איז פאַרהאַן נאָך אַזעלכער, וועלכער איז נישט איבערצייגט פון דעם ליבעראַליזם פון אונזער סטאָליפּין און פון זיין ליעבע צו פרייע רעפאָרמען, גאַנץ בעזונדערס בנוגע יודען, איז געווג, דאַכט זיך, אַז איך וועל דאָ ברענגען דעם אינהאַלט פון אַנ׳אַרטיקעל, וועלכער איז געווען אָבגעדרוקט אין דעם „ריגאַער טאַגעבלאַט“ און אין וועלכען עס ווערט גערעדט וועגען דער עמאַנציפּאַציע פון יודען אין רוסלאַנד בכלל און וועגען דעם פּראָיעקט פון די זכיות, וועלכע מען האָט געוואָלט זיי געבען און געגעבען האָט מען נישט. דער מחבר פון יענעם פּראָיעקט איז געווען, לויט דער דערמאָהנטער צייטונג, סטאָליפּין אַליין. סטאָליפּינס אַנזיכט איז געווען אַזוי: יודען געהערען נישט צו די פּראָדוקטיווע עלעמענטען פון דער מענשהייט, און זיי לעבען, הויפּטזעכליך אין די דרום׳דיגע און מערב׳דיגע גובערניעס, נאָר פון דער פּראָדוקטיווער אַרבייט פון די רוסען, און אַז ווען מען וואָלט געגעבען יודען גלייכע רעכט, וואָלט דאָס געווען אַנ׳אונבערעכענבאַרער עקאָנאָמישער שאָדען פאַר אַלע אַנדערע איינוואוינער פון רוסלאַנד. די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דעם גאַנצען לאַנד, טענה׳ט דער פּראָיעקט-מאַכער ווייטער, פערלאַנגען, אַז די נייע רעכט פון יודען זאָלען זיך האַלטען אין אַלגעמיין אין די גרעניצען ווי ביז אַהער. דער כאַראַקטער פון די יודען איז גרונדפערשידען פון דעם כאַראַקטער פון די רוסען, און די

אייגענטימליכקייטען פון א ראסע ענדערען זיך נישט. עס קאן אלזא נישט זיין קיין שום רייד וועגען אווירקליכער עמאנציפאציע פון יודען. מען קאן נישט ערלויבען, אז די גרעניצען פון דעם תחום המושב זאלען ווערען אמת׳דיג פערברייטערט און מען זאל מבטל זיין אלע ביזהעריגע בעגרענצונגען, הן בנוגע צו זייער נארמע אין די שולען, הן בנוגע צו טויזענד אנדערע זאכען. העכסטענס, קאן מען זיי נאר געבען געוויסע הנחות אין זייער תחום-המושב גופא און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. רבונו של עולם, איז דאס נישט די שפראך און דער נוסח און דער גאנצער פזמון פון די פערברענטע בעקאנטעסטע אנטיסעמיטען? און האט נישט די „נאוואיע ורעמיא" אלעמאל אזוי געשריבען? און טענה׳ן נישט אזוי גרינגמוט און קרו-שעוואן און די גאנצע קאמפאניע?

און אויך חוץ דעם איז עס ביי אונז נישט גאנץ פרעהליך. איך האב שוין אין מיין לעצטען בריעף אייך דערצעהלט פון דעם שרעקליכען לאדזער לאקאאוט און ווי אונטער דער אנפיהרונג פון דעם בעקאנטען לאדזער מיליאנער פאזנאנסקי זענען 100,000 — יעצט שוין מעהר ווי 100 000 — מענשען געבליבען אהן ברויט און אהן א דאך, און האב געזאגט, אז איך האב מורא, די נקמה זאל נישט באלד קומען און די ארבייטער, וועלכע האבען נישט מעהר וואס צו פערלירען, זאלען נישט ענטפערען מיט באמבעס און מיט רציחות. דער אנהויב פון די דאזיגע מעשים האט זיך שוין געוויזען. נעכטען ביינאכט זענען 15 פערזאן אריין אין די קיליע פון פאזנאנסקי׳ס געשעפט, וועלכע איז אין ווארשא, און האבען בעגאסען די סחורות מיט פיטריאל און האבען דערשאסען דעם געשעפטס-פיהרער און א צווייטען האבען זיי געפעהרליך פערוואונדעט און אויך די אנדערע, וועלכע זענען געווען אין געשעפט, האבען געליטען. עהנליכע שרעק-ליכע נאכריכטען זענען היינט אנגעקומען אויך פון לאדז. און פארט טע׳ה׳ט פאזנאנסקי אין אנ׳אינטערוויו מיט דעם קארעספאנדענט פון „בירזשעוויע וויעדאמאסטי", אז דאס איינציגע מיטעל צו צווינ-גען די ארבייטער, אז זיי זאלען נאכגעבען, איז דער הונגער.

זעקסאונצוואנציגסטער בריף

אפשר גאנצע דריי טעג, נאך די דריי גרויסע אנפאלען אין פעטערבורג, האט דער עולם אין די הויכע ספערען געהאט פערלוירען דעם קאפ אויף די פלייצעס און דעם באדען אונטער די פיס און איז געווען ווי צעדודערט און האט נישט געוואוסט וואס צו טהון. ווי גרויס די מהומה דארט האט געמוזט זיין, זעהט מען דערפון, אז מען האט אזש גערעדט אין די פערזאמלונגען אויך פון אבשטעלען די רעפרעסיעס-פאליטיק און פון נעהמען זיך באמת'דיג צו געבען פרייהייטען. ביוראקראטען אין רוסלאנד רעדען וועגען געבען פרייהייטען — דער סוף פון דער וועלט איז געקומען! זעלבסט-פערשטענדליך, האט די דאזיגע שוואכקייט געדויערט נאר עטליכע מינוט, עטליכע שעה, הוכסטענס א טאג. א טאג שפעטער האבען די הערען זיך געשעהמט צו קוקען איינער דעם אנדערען אין די אויגען. און שנעל האט מען אנגענומען די רעזאלוציע, אז אלץ בלייבט ביים אלטען: סטאליפין זאל לעבען און זיין סיסטעם זאל לעבען און זיינע רעפרעסיעס זאלען לעבען! אדרבא, די רעפרעסיעס מוזען נאך פערשארפט און פערמעהרט און פערגרעסערט ווערען! מען מוז זעהען צו זוכען געלד-מיטלען, כדי צו קאנען פערגרעסערען און פערשטארקען די אינסטיטוציע פון דער געהיים-פאליציי! — און אלעמאל, ווען איך קום צו אזא ווענדונג אין דער אינערליכער פאליטיק פון רוסלאנד, מוז איך געדענקען די מעשה פון פרעה מיט זיינע מכות. אין ווי יעדעסמאל ווען עס קומט א מכה, ווערען פרייהייטען געגעבען, און ביי יעדען מאל ווען די מכה הערט אויף, נעהמט מען צוריק דאס, וואס מען האט געגעבען. און דאס ווידערהאלט זיך אזוי צעהן מאל און הונדערט מאל און טויזענד מאל. מען גיט און מען נעהמט צוריק, מען גיט און מען נעהמט צוריק. קוים

הערט די מכה אויף אַ מינוט לאַנג, בלייבט שוין ווידער אַלץ ביים אַלטען. דאָס איז, ווי עס ווייזט זיך אויס, נישט בלויז די נאַטור פון פרעה, נאָר פון אַלע פרעה׳ס אין אַלע צייטען און אַלע מקומות. עס איז דער פרעה׳איזמוס.

בקיצור, עס איז געבליבען, אַז מען מוז די רעפּרעסיעס פערגרעסערען. פערגרעסערען? איך האָב רחמנות אויף די הערצער אין סטאָליפּינס קאַבינעט און אויף סטאָליפּינען אַליין. ווי וועלען זיי דאָס קאָנען? מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענש מיט טויזענד קעפּ איז אויך נישט מעהר אימשטאַנד, אויסצוקלערען עפּעס אַ נייע רעפּרעסיע אין רוסלאַנד. ביידען מען זאָל זיך ענטשליסען, יעדען מענשען אין רוסלאַנד צוויימאָל אין איין טאָג איינצוזעצען און צוויימאָל נאָכאַנאַנד צו פערשיקען קיין סיביר און צוויימאָל נאָכאַנאַנד אויפצוהענגען אָדער צו דערשיסען. עס איז לייכט צו זאָגען נייע רעפּרעסיעס. געהט, זייט מוחל, און געפינט מיר אַ רעפּרעסיע, וועלכע זאָל זיין שטאַרקער, למשל, פון דער רעפּרעסיע, מיט וועלכער מען בענוצט זיך אין אַ געפענגעניש אין כמעלניסק געגען 400 אַרעסטאַנטען, וועגען וועלכע די „רוסקיע וויעדאָמאָסטי“ שרייבט כאָלגענדעס: „...באַלד ווי מען האָט זיי געבראַכט, האָט מען זיי אָנגעטהון אין אַזאַ וועש, וועלכע קיינער — פון דעם אינטעליגענטען ביז צום פויער און ביז צום בראָסטען מאַטראָז און סאָפּיאָר — האָט נישט געקאָנט פערטראָגען, אַזוי גרויס איז געווען דער עינוי. די העמדער זענען געווען פון אַזאַ לייווענט, וועלכע איז אַפילו אויף זעק צו גראָב; אויך זענען זיי געווען זעהר שמוציג, נישט געוואַשען נאָכדעם ווי די פריהערדיגע אַרעסטאַנטען האָבען זיי געטראָגען, און האָבען אָנגעבאַכט וואונדען אויף די קערפּערס פון די אומגליקליכע. דאָס אייביגע בייסען און די אויסשלעגע און די הויט-קראַנקהייטען זענען געוואָרען אונערטרעגליך. די אומגליקליכע האָבען אָנגעהויבען בראָכט צו פוילען. זיי האָבען זיך געבעטען, מען זאָל זיי ערלויבען אָנצוטהון זייערע אייגענע וועש, האָט מען זיי אָבגעזאָגט; דאַן האָט די געפענגעניש-אַדמיניסטראַציע שוין געוואָלט זיי צוליעב טהון, איז אָנגעקומען אַ בעפעהל פון פעטערבורג, אַז מען זאָל זיך נישט דערוועגען נאָכצוגעבען — און אַזוי האָבען זיך די

אַרעסטאַנטען בעשלאָסען, צו מאַכען אַ מערקווירדיגען שטרייק: זיי האָבען פון זיך אַראָבגעוואָרפען די וועש און געהען אַרום טאָג און נאַכט נאַקעט"...

די רעפּרעסיעס זאָל מען פערגרעסערען: — דאָס בלוט אין די אָדערען קאָן איינעם געררונען ווערען, ווען מען געהט דורך דעם חשבון פון די קרבנות, וועלכע זענען געפאַלען אין פערלויף פון היינטיגען יאָהר (און דער חשבון איז נאָר לויט די אָפיציעלע ידיעות, און באופן זה איז ער טהאַטזעכליך אַודאי דרייפאַך גרעסער!). עס זענען געהרג'עט געוואָרען 26,000 מאַן, און פערוואונדעט זענען געוואָרען 31,000, אויסער די וועלכע זענען אומגעקומען בשעת די „בערוהיגונגען" פון די שטראָף-עקספּעדיציעס אין אַ צאָהל, וועלכע איז גאָרנישט אויסצוצעהלען. מיר בלייבען אַלזאָ פאָרלויפיג נאָר ביי דער אַרמעע פון 57,000 מאַן געהרג'עטע און פערוואונדעטע! — אין דעם רעוואָלוציאָנערען טעראָר און אין'ם טעראָר פון דער רעגירונג זענען געהרג'עט געוואָרען 1,100 מאַן, און פערוואונדעט זענען געוואָרען 1.640, אויסער די, וועלכע זענען געפאַלען לויט טויט-אורטיילען פון די „געריכטען". נאַטירליך, מוז מען אויך רעכענען די, וועלכע זענען געהרג'עט געוואָרען דורך רעוואָלוציאָנערען: 75 גענעראַלען און גענעראַל-גובערנאַטאָרען און שטאָדט-אויבערהויפּט-מענער, ווי אויך 410 געהרג'עטע און 453 פערוואונדעטע פון פּאָליציי-בעאַמטע. לויט אורטיילען פון קריעגס-געריכטען, און בעזונדערס פון פעלד-געריכטען, זענען אומגעבראַכט געוואָרען 1010 מאַן, נישט רעכענענדיג די 760 מאַן, וועלכע מען האָט דערשאָסען אין די באַלטישע פּראָווינצען. די צאָהל פון די, וועלכע האָבען געליטען „צופעליג", דאָס הייסט: זיי האָבען געליטען פערבייגעהענדיג צופעליג ביי פערשידענע אָנפאַלען און צוזאַמענשטויסען מיט דעם מיליטער, בעטרעפט צו'ערך פון 200 געהרג'עטע און 350 פערוואונדעטע. איך וויל שוין נישט ברענגען דאָ אויך די ציפערען פון די פערשידענע אַטענטאַטען דורך באָמבעס, גראַנאַטען און טייוועלס-מאַשינען, און די אַרבייטען מיט פולווער און פּיראָקסילין און ביקסען און רעוואָלווערען — אַלץ אַזעלכע מעשים און ציפערען, וועלכע בעווייזען ווי זעהר די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג האָט זיך פערגרעסערט, און

נישט זי האָט זיך פערקלענערט אין די לעצטע פּאָר חדשים — איך זיל מיך נאָר אָבשטעלען דערויף, וואָס עס הייסט, אַז דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג, און מען טראַכט גאָר, די רעפּרעסיעס נאָך צו פערגרעסערען !...

ווי די מעשה איז: עס איז אַ טהאַטזאַך, אַז מען האָט בּאַשלאָסען, שאַרפערע רעפּרעסיעס פאָרצונעהמען און צו שאַפען געלדמיטלען, כדי צו פערגרעסערען די צאָהל און די אַרבייט פון דער געהיים־פּאָליציי. נאַטירליך, האַלט דאָס דאָזיגע נישט אָב אונזער הערר סטאָליפּין צו רעדען מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס" נאָך אַנדערע ווערטער און צו ווערען אין זיינע אויגען זעהר ליבעראַל און מבטיח צו זיין הרים וגבעות און לויטער ישועות ונחמות. „די מעלדונגען פון די צייטונגען — האָט ער איהם געזאָגט — אַז אויף דער כּראָווינץ מיסברויכען די בעאַמטע זייער מאַכט, איז נישט אמת. אויך איז נישט אמת, אַז די רעגירונג האָט וועלכען ס'אין איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די וואַהלען; די וואַהלען געניסען די פולקאָמענסטע פרייהייט, ווי אומעטום אין דעם קאָנסטיטוציאָנעלען אייראָפּאַ. אויך איז נישט אמת, אַז די רעגירונג סימפּאַטיזירט מיט דעם „בעראַיין פון'ם רוסישען פאָלק". אדרבא, זייערע מאַניפעסטאַציעס זענען זעהר נישט שעהן, אָבער שעדליך זענען זיי נישט, ווייל זיי זענען אַזוי שוואַך". און נאַטירליך גלויבט דאָס אַלץ דער הערר קאָרעספּאָנדענט, און מיט איהם גלויבען די לעזער.

מיר אָבער דאָ, ווען מיר הערען אַזאַ „נאַאיווע" ערקלערונג פון אונזער מיניסטער־פּרעזידענט, געהט אונז אַריבער אַ גרויל איבער די נשמה, דען מיר קענען שוין גוט די סימנים, און מיר ווייסען, אַז אַזאַ „צופעליגע" אויסערונג צו אַן'אויסלענדישען קאָרעספּאָנדענט איז נאָר אַ הקדמה צו עפּעס אַ שרעקליכער זאַך, וועלכע וועט זיך טהון. ווער ווייסט, וועלכעס שטיקעל אַרבייט עס איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון די „עכט רוסישע", ווען די רעגירונג וויל שוין בעצייטענס פון זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט אַראָבוואַרפען און איז מקדים למכה, אַז זי האָט מיט דעם „פעראיין פון רוסישען פאָלק" קיין שום מגע ומשא נישט. מיר קענען שוין צו גוט אַלע די דאָזיגע שפּיצלעך און שטיקלעך.

און ווירקליך זעהען מיר, אַז עס געהט עפּעס בעזונדערס פּאָר. אפשר האַלט מען גאָר דערבּיי, אַז די איינציגע ריכטיגע תשובה אויף די צָנזאַלען אין פּעטערבּורג איז דאָס אַלטע מיטעל: אַ יודישער פּאָגראָם. איך געפין אין „רוסקאָיע זנאַמיאַ", די צייטונג פון די „עכט רוסישע", אַ מודעה מיט אַ שוואַרץ רעהמעל אַרומגערינגעלט, פון פאָלגענדען אינהאַלט: — „דעם הויפּט-קריעגס-פּראָקוראָר וולאַדימיר פּעטראָוויטש פּאַוולאָוו האָט געהרג'עט אַ יוד. ער האָט איהם געהרג'עט נאָכדעם ווי די מיטגלידער פון דער רייכס-דומאַ, קאַדעטען און יודען, האָבען איהם געסטראַשעט מיט בלוטיגער נקמה. רוסישע לייט! איצט ווייסט איהר, ווער עס זענען די גזלנים פון אייערע טרייע בעשיצער!" — און באַלד נאָכדעם איז געדרוקט אַן אויפרוף. אין וועלכען עס שטעהט: „ברידער, רוסישע מענשען! מען קוילעט אונז, היט זיך! דאָס געזעץ האָט נישט פערבאָטען זעלבסט-שוץ. גענוג! יעדע געדולד, אפילו די רוסישע, האָט אַ גרעניץ!" — און אויף דעם ארון פון דעם דערהרג'עטען פּאַוולאָוו האָבען די „רוסישע לייט" אַרויפגעלעגט אַ קראַנץ מיט דער אויפשריפט: „נישטאָ מעהר, רבונו של עולם, קיין כוחות צו ליידען!" — און אין דערזעלבער „רוסקאָיע זנאַמיאַ" שרייבט אויך דער בעוואוסטער בולאַצעל, אַז פון אַלע זייטען קומען אָן פאָדערונגען און בקשות פון די מיטגלידער פון'ם „פעראיין", אַז מען רייסט זיך צו מאַכען פּאָגראָמען, ווייל עס איז שוין מעהר נישטאָ קיין כוחות צו ליידען, און בולאַצעל שווערט די הייליגסטע שבועות, אַז מיט אַלע קרעפטען סטאַרען זיך ער מיט זיינע חברים אָבצוהאַלטען דאָס פּאָלק פון אַזעלכע געוואַלדטהאַטען, אָבער עס וועט זיך נישט איינגעבען: צו פול איז שוין דער בעכער. — ווי געפעלט אייך דאָס אַלץ? ווי געפעלט אייך בולאַצעל אַלס בעל-רחמנות אָדער אַלס מענש, וועלכער האָט שוין נישט קיין כוח מעהר צו „ליידען"? ווי געפעלט אייך, אָהן די אַלע נעבען-חכמות און אָהן די הבטחות פון סטאָליפּין איבער זיין פערהעלטניש צו די „עכט-רוסישע", ווי עס ווערט פאָרבערייט אַ פּאָגראָם און ווי פיין דאָס שטיקעל ווערט אָבגעאַרבייט, אַז מען זאָל נישט קאָנען האָבען קיין טענות נישט צו סטאָליפּינען און נישט צו די פיהרער פון די עכט-רוסישע, און נאָר צום „פּאָלק"

בולאַ-
אַליין, „ווייל עס איז נישטאָ מעהר קיין כוחות צו ליידען"!
צעל, וואָסטאָרגאָוו, גרינגמוט, דובראָווין, און אַפילו סטאָליפּין אַליין,
זיי אַלע אייגענטליך לעגען אַוועק אַלע זייערע כוחות טאָג און נאַכט
אויף צו בעשיצען די יודען — דאָס „פאָלק" אָבער רייסט זיך צו
מאַכען אַ גרויסע שחיטה. און עהנליכע אויפרופען האָט אַרויסגע-
לאָזט אויך די מאָסקווער אָבטיילונג פונ'ם „פעראיין פון דעם רוסי-
שען פאָלק", אונטערגעשריבען פון גרינגמוט און וואָסטאָרגאָוו,
און אין אַנ'עהנליכען זין אַגיטירען אויך דאַווידאָוו, קאָנאָווניצין
און אַנדערע — און ווען די אַלע בלוטיגע אויפהעצונגען און
אויפרייצונגען וועלען צום סוף ווידער ברענגען צו נייע פּאָ-
גראָמען, וועט עס דאַן נאָר הייסען, אַז זיי האָבען דאָס „פאָלק"
נישט מעהר געקאָנט איינהאַלטען, „ווייל דער בעכער איז שוין צו
פול" און „ווייל עס זענען שוין נישטאָ קיין כוחות מעהר צו ליי-
דען". אָבער שולדיג וועלען זיי נישט זיין. און אויך די רעגירונג
אַליין, און אויך הערר סטאָליפּין אַליין וועלען נישט זיין שולדיג:
הערר סטאָליפּין האָט דאָך שוין לענגסט ערקלערט דעם קאָרעספּאָנ-
דענט פון „טיימס", אַז ער סימפּאַטיזירט נישט מיט דעם „פעראיין"
און אַז זייערע מאַניפעסטאַציעס זענען נישט שעהן און אַז שאָדען קאָ-
נען זיי נישט, ווייל דער „פעראיין" איז אַזוי שוואַך! — אַך, קאָ-
מעדיע! קאָמעדיע! ווען אַ רעגירונג וואָלט באמת'דיג נישט סימפּאַ-
טיזירט מיט אַזאַ חברה; אָדער נאָך ווייטער, ווען אַ רעגירונג וואָלט
נישט האָבען דירעקט פּראָוואָצירט אַזעלכע מעשים, וואָלט עס דען
געווען מעגליך אַפילו איין אויגענבליק לאַנג, אַז מען זאָל ערלויבען
אַזעלכע מודעות אין „רוסקאָיע זנאַמיאַ" און אַזעלכע אויפרופען און
אַזעלכע אויפשריפטען אויף אַ קראַנץ? יאָ, ווען די רעגירונג וואָלט
נאָר וועלען!...

זיבענאונצוואַנציגסטער בריעף

דעם 23-טען יולי, 4 אַ זייגער פאַרטאָגס — ווי עס פּאַסט כאַר אַזיען — זענען די שליסעל-האַלטער פון דעם טאַווּרישען פּאַלאַץ אין פּעטערבורג אויפגעוועקט געוואָרען פונ'ם שלאָף דורך די פּאָליציי און עס איז ערקלערט געוואָרען, אַז די ערשטע רייכס-דומא איז צעטריבען געוואָרען און נאָך זיבען חדשים וועט די צווייטע גע-עפענט ווערען. נון זענען שוין אַוועק זינט דענסטמאָל זעקס חדשים, און דער זיבעטער חודש געהט... זיבען חדשים האָט זיך די רעגירונג געטראַכט, זענען פאַר איהר די והותר, אום דאָס ביכעל מאָדערנע רוסלאַנד, וועלכעס שפּיעלט זיך אין רעוואָלוציע-מאַכעריי, איינצו-שטילען און אום דאַן צו האָבען אַ דומא ווי גאָט האָט געבאָטען: כשר און פיין און רעגירונגס-פריינדליך און פרום. די הויפּט-זאַך איז פרום. די פרומע גייסטליכקייט, מיט גרויסע, גראָבע קירכען-ליכט אין די הענד, וועט איבער דער נייער דומא מאַכען די ברכה, דער היי-ליגער כינאָד מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו אָן דער שפּיץ וועט זיין דער רעדעל-פיהרער, די ביוראָקראַטען וועלען זיצען אויבענאָן ווי ביז יעצט, און אין דער צייט, ווען זיי וועלען נישט מאַכען געשעפטען מיט האָבער און מיט קאָרן און מיט קריעגס-שיפען און מיט אַנדערע זאַכען, וועלכע ברענגען מיליאָנען, וועלען זיי „רעגירען”, און אין אַלע איבעריגע זאַכען וועט מען זיך פערלאָזען אויף די „עכט רו-סישע לייט”. זעהט איהר, דאָס וועט שוין זיין אַ דומא, ווער צו גאָט האָפּט. אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט וועט עס הייסען אַ דומא, אַ פערטראַג פונ'ם פאָלק — און אינעווייניג, אין רוסלאַנד גופא, וועט אַלץ זיין געבליבען ווי געוועזען. מעהר ווי זעקס חדשים זענען שוין אַוועק, און מען קאָן נישט זאָגען, אַז די רעגירונג איז לעדיג געגאַנגען און האָט נישט געאַרבייט. זי האָט כמעט גאַנץ

רוסלאַנד געבראַכט אין קריעגס-צושטאַנד; זי האָט פעלד-געריכטען איינגעפיהרט און האָט טויזענדער אומגעבראַכט און האָט צעהנטויזענדער פערגראָבען אין געפענגענישען און פערשיקט אין סיביר; זי האָט געשאַפען אַ חברה פון „עכט רוסישע לייט" און האָט אונזיכער געמאַכט דאָס לעבען; זי האָט אַרויסגערופען אַ סענאַט מיט ערקלע-רונגען, וועלכע האָבען די געזעצען אַזוי לאַנג געצויגען אין די לענג און אין די ברייט און אָבגעשניטען פון זיי און צוגעזעצט צו זיי און געלאַטעט און אויסגעפליקט, ביז עס איז אַרויסגעקומען אַ שטריק אויפ'ן האַלז, אין וועלכען מען ווערט דערשטיקט. מעהר ווי צוויי-הונדערט טעג אַזעלכע! — אַך, נאַרישע רעגירונג! און אין צווייהונ-דערט טעג, האָסטו געגלויבט, וועסטו קאָנען אַוועקשאַפען פון דער וועלט אַ גייסט, וועלכער אַרבייט שוין לאַנגע צעהנדליגער יאָהרען! און אַ היסטאָרישען פראָצעס, האָסטו דיר איינגערעדט, וועסטו קאָנען אָבשטעלען דורך בלוט-פערגיסען און דורך רעפּרעסיעס! און דאָס ראַד פון דער געשיכטע, האָסטו דיר איינגעבילדעט, וועסטו דרעהען צוריק אין צווייהונדערט מיט עטליכע טעג! — אמת, די צוויי אין זיבעציג טעג פון דער ערשטער רוסישער רייכס-דומא האָבען דעם אומגליקליכען לאַנד געגעבען וועניג, אָבער טוי-זענד און מיליאָנען מאָל וועניגער האָבען דערגרייכט די צווייהונדערט טעג פון דער סטאָליפּינ'שער פּאָליטיק. יעצט איז באַלד אַוועק דער טערמין, וועלכער איז געגעבען געוואָרען ביז צו דעם צונויפרופען פון דער נייער דומא — און אין זיין פּאַלאַץ, זיצט דער אָרימער סטאָליפּין, אומעטיג און פערזאָרגט. ער איז זעהר בעאונרוהיגט צו-ליעב די רעזולטאַטען פון די נייע וואַהלען. די נייע דומא, ווי עס ווייזט זיך אויס, וועט זיין נאָך מעהר „רעוואָלוציאָנער" ווי די ערשטע. ער לייענט אַליין אַלע צייטונגען פונ'ם גאַנצען לאַנד, און ער לייענט זאָגאַר די פּראָווינציעלע צייטונגען און זייערע בע-ריכטען וועגען דעם גאַנג פון דער וואַהל-קאַמפּאַניע. יעדען טאָג קריגט ער הונדערטער טעלעגראַמען פון די גובערנאַטאָרען און פון די שטאָדט-אויבער-הויפּטמענער פון אַלע עקען פון רוסלאַנד, און אַלץ וועגען די וואַהלען. די טעלעגראַמען וועגען דעם וואהל-קאַמף לייענט ער אַליין, און די מענשען, וועלכע שטעהען נאָהנט צו איהם,

דערציילן, אַז דער הערר פרעמיער-מיניסטער האָט אײנגעזען שוין פערלאָרען די האָפנונג אויף אַ דומא אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. פון צייט צו צייט פרובט ער נאָך עפּעס אַ נייע מאַכינאַציע; אָט האָט ער נאָך אין דער היינטיגער וואָך געלאָזט די הערען פון׳ם סענאַט מאַכען עפּעס נייע „ערקלערונגען”. אָבער אין עצם זעהען אַלע האָפנונגען שוין געקומען ביז אויף נול. די נעכסטע דומא, אַז אָך און אַז וועה, וועט זיין נעבעך, ווי דער גאַנג פון דער וואַהל-קאַמפּאַניע ווייזט, אַ רעכט ביסעל לינק.

און פון טאָג צו טאָג מעהר לאָזען אויך אונזערע „עכט רוסישע” אַראָפּ די נעזער. די שטאַרקע אויסזיכט אויף אַ שוואַרצע דומא, מיט גרינגמוט און מיט שמאַקאָוו און לכל-הפחות מיט הערען גוטשקאָוו אויבענאָן, ווערט שוואַכער פון מינוט צו מינוט. זאָגאַר דער אויבער-מאַכער פון די שוואַרצע הונדערטער, דער הערר דובראָווין, וועלכער האָט נאָך מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק זיך בעריהמט און עפענטליך געשוואוירען, אַז דריי פיערטעל רוסלאַנד געהערט צו די „עכט רו-סישע”, — זאָגאַר ער האָט שוין אַביסעל דעם מוט פערלוירען און ער רעדט שוין אַביסעל אַנדערש. ער רעדט שוין גאָר דערפון, אַז מען וועט מוזען חלילה וחס דאָס געשעפט אײנגאַנצען ליקווידירען. אויב, האָט ער געזאָגט אויף אַ זיצונג פון זיין קאָמיטעט, עס וועט חלילה זיך באמת אַזוי אויסלאָזען, ווי אַלע סימנים ביז יעצט ווייזען, און די צווייטע דומא וועט ווידער זיין אַ „זשידאָווסקא” ווי די ערשטע, וועלען מיר באַלד אין׳ם ערשטען טאָג אויפהערען אונזער טעטיגקייט און מיר וועלען פערמאַכען דעם „פעראיין”. — עס פרעגט זיך נאָר, צי די רעגירונג וועט מסכים זיין. מיר דאַכט זיך, אַז אין רוסלאַנד, אַזוי ווי עס איז שווער צו קריגען אַ הסכמה פון דער רעגירונג אויף אַ פעראיין, וועלכען זי בעדאַרף נישט, אַזוי איז שווער צו קריגען פון איהר אַ הסכמה אויף צו פערמאַכען אַ פעראיין, וועלכען זי בעדאַרף יאָ. איבריגענס, בין איך בטוח, אַז אויב סטאָליפּין וועט זעהר שטאַרק בעטען און וועט געבען דערצו אויך די עטליכע גראָשען, וועלכע מען בעדאַרף, וועט דובראָווין אויף איהם רחמנות האָבען און וועט דעם פעראיין נישט פערמאַכען. וואָס טהוט נישט אַלץ אַ פּאַטריאָט פאַר׳ן פאָטערלאַנד!

נאַטירליך וועט נישט אַלץ אַזוי גוט אָבלויפן, און איך האָב מורא, אַז ביז די טהירען פון דער צווייטער דומא וועלען צום ערשטען מאָל ווידער געעפענט ווערען, וועט נאָך גענוג בלוט פערגאָסען ווערען. איך קען גוט מיין היייליג, טייער רוסלאַנד. סטאָליפין וועט נישט בלייבען ביי זיין זיכצען און קרעכצען און דובראָווין וועט נישט בלייבען ביי זיין יאוש; מען וועט צו גוטער לעצט נאָך פרובען דאָס אַלערלעצטע מיטעל: אַ קליין בלוט-באַד. וואָס נעהנטער מיר קומען צום טאָג, אין וועלכען דאָס וועהלענדע רוסלאַנד וועט געהן צו די וואַהל-קעסטלעך, ווערט די דאגה אַלץ גרעסער און גרעסער. און נישט אַ פּאָגראָם, שטעל איך מיר פאָר, וועט זיין, נאָר עפּעס אַזוי אַ בלוטיגער אַקט, צו וועלכען עס איז פעהיג נאָר אַ רוסלאַנד און פון וועלכען אויסלאַנד קאָן זיך קיין שום בעגריף נישט מאַכען. איך האָב גאַנץ איינפאַך מורא: קוליגאַנעס וועלען שטעהן אויף אַלע וועגען און אין די הענד וועלען זיי האַלטען שטיקער אייזען און טויט-שלעגערס און האַלץ-דרענגער, און זיי וועלען טויט און קראַנק שלאָגען אַלע, וועלכע וועלען זיך ווייזען אין דער גאַס און וועלען האָבען בדעה צו געהן צו דער וואַהל-אורנע, אום צו ערפילען דאָרט זייער „בירגערליכע פליכט", און דער איינפאַכער בעל-הבית, וואָס זיין לעבען איז איהם ליעבער ווי די גאַנצע פּאָליטיק-מאַכעריי, וועט אודאי ובודאי לויפען וואוהין זיינע אויגען וועלען איהם טראָגען און וועט זיך בעהאַלטען אין אַ מויזען-לאָך און ער וועט אודאי ובודאי מוחל זיין דעם גרויסען כבוד, צו זיין אין רוסלאַנד אַ וועהלער. זעהט איהר, איך האָב גרויס אַכטונג פאַר אונזער רעגירונג און פאַר איהר מאַכט, און איך ווייס פון דער ערפאַהרונג, אַז ווען אַ רוסישע רעגירונג וויל עפּעס אַ זאַך נישט האָבען, איז איהר קיין שום מיטעל נישט צו שווער. העלפען נישט פעלד-געריכטען און טויזענד געפענגענישען, העלפט אַ סענאַט מיט ערקלערונגען; העלפט נישט קיין סענאַט, העלפט אַ „פעראיין פונ'ם עכט רוסישען פאָלק"; העלפען נישט די עכט-רוסישע, העלפט אַמאָל אַ געשפּרעך מיט אַ קלוגען קאָרעספּאָנדענט פון אַנ'עהרליכער „טיימס"; העלפט נישט אַ „טיימס", פרובט מען זיך צו געבען און צוריקצונעהמען, צו געבען און צוריקצונעהמען עטליכע ברעקלעך, וועלכע מען רופט „גלייכבערעכטיגונ-

פאַר יודענס וועגען"; העלפט אויך שוין נישט די הבטחה און די חזרה פון דער גרויסער גאָב פון גלייכבערעכטיגונג, מאַכט מען ענט־ווידער אַנ׳אָפיציעלען פּאָגראָם אָדער, מען שטעלט גלאַט אַוועק עט־ליכע טויזענד געדונגענע שיכּור׳ע כוליגאַנעס און מען לאָזט ברעכען רוקען און לענדען. אַזוי, זעהט איהר, קומט מען צו אַ כּשר׳ער דומא. הויפּטזעכליך, האָב איך מורא, וועלען יודען זיין דאָס כּפּרה־היהנדעל. נאָכדעם ווי אַזויפיעל און אַזויפיעל גובערנאַטאָרען האָבען ערקלערט כּראַנק און פריי, אַז זיי וועלען אַרויסשיקען פון זייער וואוינאָרט די אַלע יודען, וועלכע וועלען זיך בעטייליגען אין די וואַהלען — פּשוט איז פּשוט — האָב איך מורא, אַז אין יענע ערטער, וואו יודען בע־טייליגען זיך פאָרט אין די וואַהלען, וועט מען מיט זיי מאַכען אַ קירצען פּראָצעס, און אין דעם טאָג פון דעם גאַנג צו די וואַהלען־אורנען, וועט מען די זאַך מאַכען גאַנץ פּראַקטיש: מען וועט זיי נ י ש ט ל אָ ז ע ן — און איהר ווייסט דאָך שוין, אויף וועלכער וויזע מען לאָזט נישט אין רוסלאַנד. עס וועט רינען בלוט אין די גאַסען. און די גאַנצע מעשה וועט זיין שטיל און גלאַט; עס וועט קיין האָהן דערנאָך נישט קרעהען אין גאַנץ אייראָפּאַ: עס זענען דאָך נאָר יודען. און אַ תּירוץ וועט מען שוין געפינען: עפּעס אַ מעשה מיט אַ קאַרוסעל אַזוי ווי אין קישינעוו. אָדער אַ מעשה מיט אַ פויערטע מיט אַ קוישעל אייער ווי אין האָמעל, אָדער אַ מעשה מיט אַ שאָס אין אַ הייליגע פּראָצעסיע ווי אין ביאַליסטאָק, אָדער אַ מעשה מיט אַ שאָס בכלל ווי אין שעדלעץ. עס זענען דאָך נאָר יודען!

און דאָס אַלעס נאַטירליך, ווי עס ווייזט זיך אויס פון דעם ביזהעריגען גאַנג פון דער וואַהל־קאַמפּאַניע, וועט סוף כל סוף גאָר־נישט נוצען: די צווייטע דומא וועט זיין געגוי אַזוי פריי ווי די ערשטע און אפשר נאָך פרייער, נאָך לינקער. דאָס הויפּט־מאַטעריאַל פון וועהלער ליפערען די פויערים, און די פויערים אין רוסלאַנד זענען פערביטערט ביז אויף דאָס אויסערסטע און האָבען פיינד די רעגירונג מיט דעם גאַנצען ברען פון זייער עלעמענטאַרער ווילדער נאַטור, און דאָס זענען מענשען, וועלכע קיין שום כוליגאַנעס קאָנען זיי נישט אָבשרעקען. און הויפּטזעכליך יעצט איז זייער פערביטערטקייט

געטריבען געוואָרען ביז צום אויסערסטען פונקט: פון איין זייט דער הונגער, וואָס האָט דערגרייכט אַזעלכע מורא׳דיגע מאָסען, פון וועלכע קיין שום פאַנטאַזיע קאָן זיך קיין בילד נישט מאַכען, און פון דער אַנדערער זייט די רחמנות׳דיגע בעהאַנדלונג פון דער ביוראָקראַטיע, מיט די בעלי-רחמנים אַ לאַ הורקאָ עט לידוואַל אָן דער שפּיץ, וועלכע האָבען געהאַט דעם טרויעריגען מוט צוצונעהמען און צו פערהאַלטאַיען דעם בלוטיגען גראָשען, וועלכען מען האָט פאַר זיי אַרויסגעגעבען. דערצו קומט נאָך דער אונדערבאַרעמדיגער הייאָהריגער פראָסט, אַזעלכער ווי רוסלאַנד האָט שוין נישט געהאַט זינט פערציג יאָהר, וועלכער לאָזט אומקומען דעם רעשט, וואָס דער הונגער האָט נאָך געלאָזען. און גענוי אַזוי פערביטערט איז אויך אַן אַנדער מאַטער-יאַל פון וועהלער: דער אַרבייטער-קלאַס. לאָקאַאוט (ווי עס הערט זיך, שליסען זיך די מאָסקווער פאַבריקאַנטען אָן צו די לאָדזער פאַברי-קאַנטען און מאַכען יד אחת) און הונגער און נויט און קעלט האָבען די דאָזיגע מענשען געטריבען ביז צו דעם אויסערסטען פונקט, און גענוי אַזוי פערביטערט זענען אויך די איבעריגע מענשען-קלאַסען, וועלכע האָבען די עהרע צו זיין אונטערטאַנען פון דעם הייליגען רוסלאַנד.

דערווייל אָבער טרייסט זיך סטאָליפּין אַזוי ווייט ווי ער קאָן. ווען אַפילו די דומא וועט זיין זעהר אָפּאָזיציאָנעל, האָט ער געזאָגט צו אַ בעקאַנטען, וועט זי שוין אויך זיין פיעל רוהיגער פון דער ערשטער. גלאַטע „דרשות" אין די וועלט אַריין וועט מען שוין נישט מעהר האַלטען. ווי לינק זי זאָל נישט זיין, וועט מען שוין נישט בעדאַרפען זי מעהר צעטרייבען. די דומא וועט זיך האַלטען מיט דרך-ארץ, און די רעגירונג וועט קענען רוהיג אַרבייטען לויט דער פעסטער טאַקטיק פון איהר פּראָגראַם, וואָס אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האַלט יעצט אין אויסאַרבייטען. אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר זעהען!

זיבן און צוואַנציגסטער בריוו

ערשט דאָ נישט לאַנג נאָך, מיט אַ וואָך צוויי, דריי צוריק, האָב איך געלייענט אין „נאָוואָיע ווערעמיאַ" אַן אַרטיקעל, געשריבן פון הערר סטאָליפין, אַ ברודער פון אונזער פרעמיער-מיניסטער, און דער אַרטיקעל-שרייבער האָט מבטיח געווען דעם עולם אויף זיין נאמנות, אַז 90 פּראָצענט פון די פּעטערבורגער אַרבייטער זענען „עכט רוסישע לייט" און נאָר דער קלענסטער טייל, העכסטענס אַ 10 פּראָצענט און אפשר ווייניגער נאָך, זענען זאָט יענע קאַליע געמאַכטע נשמות, וועלכע מען האָט אַריינגעכאַפּט אין די סטרא אַחרא און מען האָט זיי געמאַכט נעבעך פאַר שטיקלעך רעוואָלוציאָנערן. מסתם ווייסט דאָך סטאָליפין דער צווייטער, וואָס ער רעדט. ווען איך זאָל שוין נישט גלויבן צוליב מיין פאַרשוין, אַ לייבליכן ברודער פון אַ פּרעמיער-מיניסטער, און דערצו נאָך אַן איש אמת פון דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ"ס אמת-זאָגערס, און דערצו נאָך בשעת ער איז מבטיח אויף זיין הייליג נאמנות, טאָ וועמען דען-זשע זאָל איך שוין גלויבן? — לאָזט זיך אָבער אויס, אַז א י י ן גאָט מעג שומר ומציל זיין. שוין די ערשטע ידיעות, וועלכע דער טעלעגראַף האָט אַרויסגעטראָגן אין די וועלט אַריין וועגן די פאָרוואַהלען ביי די אַרבייטער אין פּע-טערבורג, האָבן געוויזן, אַז אָך און וועה איז צו דער רעגירונג: דער גאַנצער פּעטערבורגער אַרבייטער-ראַיאָן איז רעוואָלוציאָנער. עס האָבן נישט גענוצט די טויזענד בעגרענצונגען און די אונצעהליגע סענאַטס-ערקלערונגען, עס האָט נישט גענוצט, וואָס מען האָט נישט געגעבן די אַרבייטער די מעגליכקייט זיך צוזאַמענצורעדן, עס האָט נישט גענוצט וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט גאָרנישט געוואוסט, ווען די פאָרוואַהלען וועלן פאָרקומען און איז עס גע-וואָהר געוואָרן נאָר איינגאַנצען מיט א י י ן טאָג פריהער: דער סוף

כל הסופית איז געווען, אַז ווען די ענטשיידענדע שעה איז געקומען געקומען, האָט עס זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אַרבייטער פון פעטער־בורג זענען אַלע פון די לינקע פּאַרטייען. און אַזעלכע נאַכריכטען זענען געקומען און קומען, נישט בלויז פון אַלע עקען און ווינקעלעך אין רוסלאַנד, און נישט בלויז פון צווישען די אַרבייטער אַליין, נאָר פון אַלע בעפעלקערונגס־קלאַסען פון׳ם גרויסען לאַנד. יעצט איז שוין קיין ספק נישט: דעם פינפטען מערץ, ווען די דומא וועט צוזאַמענטרעטען, וועט דאָס זיין אַ ליבעראַלע דומא ביז גאָר. וואַהרשיינליך פיל ליבעראַלער און פיעל לינקער און פיעל שטורמישער ווי די ערשטע. אמת, די בעוואוסטע אָפיציעלע „פעטערבורגער טעלעגראַפען־אַגענטור" קאָן דעם עולם די שמחה נישט פערגינען און מהוט זיך דערוויל דאָס איהריגע און שיקט אַרויס נאַכריכטען אין די וועלט אַריין, אַז דאָ און דאָרט און אומעטום געהען פאָרלויפיג דורך צום גרעסטען טייל נאָר „מעסיגע". אָבער מיר זענען שוין גוט בעקאַנט מיט דער קלוגער טערמינאָלאָגיע פון אונזער געעהרטער טעלעגראַפען־אַגענטור. ביי די וואַהלען אין׳ם פאָריגען יאָהר האָט זי זיך אויך אַזוי נוהג געווען און האָט געהאַלטען אין איין מודיע זיין, אַז דאָ און דאָרט און אומעטום געהען דורך רק „אונפּאַרטייאישע" — און ווי „אונפּאַרטייאיש" יענע דומא איז געווען, ווייסען מיר דאָך. ווען די „מעסיגע" פון דער איצטיגער דומא זאָלען זיין אַזוי „מעסיג", ווי די „אונפּאַרטייאישע" אין׳ם פאָריגען יאָהר זענען געווען „אונפּאַרטייאיש", פערשטעהען מיר, וואָס פאַר אַ „מעסיגע" דומא צביסעל דאָס וועט זיין. אגב, קלערט זיך אַזאַ אַגענטור, אפשר וועט זיך, ווי עס איז, דורך אַזעלכע מאַכינאַציעס פאָרט נאָך איינגעבען, צו רעטען די סיטואַציע ווי ווייט מעגליך. אין די הויכע ספערען אָבער, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט מען די האָפנונג שוין פערלוירען אינגאַנצען. מען איז שוין ווידער דאָרטען אַזוי פערדרעהט און צער.דערט, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. מען האַלט שוין ווידער אָב זיצונגען עטליכע מאָל אַ וואָך. עס איז קלאָר, אַז מען בעהאַנדעלט דאָרט די פראַגע, צי זאָל מען די נייע דומא, אַזוי באַלד ווי זי וועט אָנהויבען צו רעדען אַביסעל שטרענג, שליסען, אָדער זאָל מען פון איהר אַ קורצע צייט ליידען, ווייל מען דאַרף

דאָך סוף כל סוף האָבען דאָס אומגליקליכע ביסעל הלואה. איבריגענס האָב איך אויך אַ שטיקעל בעווייז, אַז מען רעכענט די נייע דומא באַלד צו שליסען: אונזער מיניסטער סטאָליפין האָט שוין ווידער גערעדט מיט אַן'אויסלענדישען קאָרעספּאָנדענט און האָט ערקלערט רונדיג און קיילעכדיג, אַז שליסען וועט מען די דומא נ י ש ט, זי מעג שוין זיין ווי זי וועט זיין. און ווען אַ מיניסטער ביי אונז זאָגט אַ קאָרעספּאָנדענט עפּעס אַ זאַך אויף גאַנץ בעשטימט, איז שוין דאָס אַזוי מיין מנהג פון קדמונים אָן, צו גלויבען, אַז ס'וועט זיין אומגעקעהרט.

און באמת גערעדט (ווען נאָר נישט, וואָס מען דאַרף די הלואה!) פערשטעה איך נישט, פאַרוואָס זאָל אַזאַ דומא נישט ווידעראַמאָל פונאַנדערגעלאָזען ווערען. גרויס כבוד וועט די רעגירונג דאָרט אַודאי ובודאי נישט האָבען. דאָס ערשטע וועט זיין, מען וועט איהר אָבגעבען דעם ברייטען יישר-כח פאַר איהר ליעבהאַרציגע געזעצגעבענדע אַרבייט און פאַר איהרע בעמיהונגען, וואָס זי האָט זיך אַזוי בעמיהט, דאָס לאַנד צו בערוהיגען. דאַן וועט מען רעדען פון'ם בלוט פון צעהנטויזענדער מענשען, וועלכעס שרייט אַרויס פון דער ערד, און מען וועט רעדען פון פעלד-געריכטען און פון קריגס-געריכטען און פון מעשים, אַנטקעגען וועלכע עס ווערען בלאָס אַלע מעשים פון אינקוויזיציעס, וואָס זענען געווען ביז אויף היינטיגען טאָג. ווער ווייסט, מען קאָן אפשר גאָר פאָדערען דין-וחשבון פון'ם הערר אויבער-מיניסטער וועגען אַ קריגס-געריכט, וועלכעס איז געזעסען אין וואַרשא דעם ערשטען פעברואַר און האָט פערורטיילט צום טויט אַ קינד פון 18 יאָהר, ווייל עס האָט געזאַמעלט 50 קאָפעקן נדבות פאַר אַ פּאַרטיי! — ווער ווייסט, עס קאָן זיך אפשר נאָר געפינען איינער, וועלכער וועט פרעגען: ילמדנו רבנו, זאָל מיר דער הערר מיניסטער נאָר זאָגען, וואָס פאַר אַ מעשה איז דאָס געווען דאָרט אין ריגא ביים פעלד-געריכט, וואו מען האָט פעראורטיילט 16 „רעוואָלוציאָנערען" צו טויט-שטראָף און צו צוואַנגס-אַרבייט, נאָך איידער מען האָט די קרבנות געשטעלט צום פסק, האָט מען זיי אַריינגעפיהרט אין אַן'עקסטרא צימער, וואָס איז געמאַכט ספּעציעל צו אינקוויזיטאָרישע צוועקען, און דאָרט האָט מען זיי געשלאָגען

מיט גומי-בייטשען, מען האָט זיי אַרויסגעריסען די ציינער, אויסגע-צופּט די האָר פון קאָפּ, אָבגעריסען די נעגעל פון די פינגער, גע-בּרענט די פיס מיט געגליהטע אייזענס, איינגעדריקט אין אַ פּרעס די געשלעכטס-גלידער א. ז. וו. און געטהון אָט דאָס אַלעס האָט דער דירעקטאָר פון דער געהיים-פּאָליציי מיכאַיעוו, און די אַגענטען טאַוועס און דוקמאַן, און דער אָנפיהרער פון דער ריגאַ׳ער געהיים-פּאָליציי גרעגוס. האָט שפּאַניען ווען עס איז אַמאָל געהאַט אַפילו אַ הונדערטסטעל פון אַזאַ מין אינקוויזיציע? – אָבער ווער ווייסט, עס קאָן זיך אפשר גאָר מאַכען, אַז אין אַ דומא וועט מען פרעגען דין-וחשבון אויך פון אַזאַ מין זאַך: זאָל דער הערר מיניסטער מיר נאָר זאָגען, וואָס פאַר אַ מעשה איז דאָס גע-ווען אין געפענגעניש אין לוצקי, וואו דער הערר דירעקטאָר פונ׳ם געפענגעניש האָט גענומען אַלע געפאַנגענע איינמאָל ביינאַכט און האָט זיי געלאָזט אויסטהון נאַקעט און געלאָזט דורכפיהרען דורך אַ רייהע סאָלדאַטען מיט נאַגייקעס און ריטער און ביקסען, און האָט געלאָזט שלאָגען, אַז דאָס בלוט האָט געשפּריצט אָהן אַנ׳אויפהער. און אַז איינער איז געפאַלען, האָט מען איהם מיט די ביקסען ווידער אויפ-געשטעלט און ווייטער געשלאָגען און געפּייניגט. קאָן דער הערר מיניסטער מיר אפשר זאָגען, אויף וועלכע געהיימע פעראָרדנונג פון דער רעגירונג דאָס אַלעס איז געמאַכט געוואָרען? –

און ווידער וועט זיין איינער, אַ נייגיריגער, וועלכער וועט דורכאויס וועלען וויסען און וועט פרעגען, וואָס איז געווען די אמת׳ע מעשה מיט הערצענשטיין, און ווי קומט עס, אַז די רעגירונג, וועל-כע האָט אייגענטליך אַלע סודות שוין גוט געוואוסט אויך ביז יעצט, און פאָרט האָט זי זיך ביז יעצט נישט וויסענדיג געמאַכט, און נאָך יעצט, בשעת דאָס געריכט רופט שוין אָן די רוצחים און די העל-פערס-העלפער מיט די נעמען, לאָזט זי נאָך אַלץ די אמת שולדיגע איינציגוויז ענטקומען און אַנטלויפען קיין אויסלאַנד?

און אַנ׳אַנדערער ווידער וועט זיין, גם-כן אַ שטיקעל נייגי-ריגער, און וועט דורכאויס וועלען וויסען גאַנץ גענוי די מעשה, ווי זי איז געווען פון אָנפאַנג אָן ביז צום סוף מיט דעם הערר גורקאָ און מיט דעם הערר לידוואַל און מיט די עטליכע גראָשען, און

פאַרוואָס מאַכט דאָס די רעגירונג די קאָמעדיע נאָך ביז צום היינטיגען טאָג מיט אַ שטיקעל גצריכט כלומר'שט, ווערענד באמת איז עס דאָך שוין קיין שום סוד נישט, אַז דעם אמת שולדיגען וועט מען לאָזען צורוה. אָדער מוז די רעגירונג אפשר אַזוי טהון, ווייל מען האָט מורא אויבצורודערען דאָס גאַנצע מיסט, עס זאָל חלילה נישט אַרויסקומען מי יודע וואָס און מען זאָל נישט מוזען אַריינמישען כמה וכמה גדולים ביז גאָר אין די אַלער-אַלערהעכסטע מקומות? קאָן זיך אפשר אַרויס-ווייזען דאָ אַ מין פאַנאַמא, טויזענדמאָל געפעהרליכער פאַר'ן אָריגינאַל?...

עפּעס זעהען מיר באמת אַ מערקווירדיגע זאַך: אין די לעצטע טעג האָבען די אמת רוסישע ציימונגען אָנגעהויבען צו שרייבען פייערדיגע אַרטיקלען און זיי פערלאַנגען, אַז מען זאָל דעם גאַנצען הורקא-פראָצעס דערשטיקען, ווייל קיין גוטס וועט פון איהם נישט אַרויסקומען. זיי זאָגען בפירוש, אַז ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז הורקא באמת שולדיג, אָבער דער פאַטריאָטיזם פערלאַנגט, אַז מען זאָל מאַכען אַ שוויג, דען אַז ניין, וועט מען מוזען געהן אויך ווייטער און זיך נישט אָבשטעלען אויף הורקאָ אַליין, און דאָס דאָזיגע וועט דאָס לאַנד אַלץ מעהר און מעהר אויפרעגען, און אַזעלכעס איז געפעהרליך, איבערהויפט יעצט בשעת די וואַהלען. די רעגירונג, זאָגען זיי, האָט שוין ביז יעצט געטהון אַ נאַרישקייט, אַז זי האָט געלאָזט דעם גאַנצען ענין אַזוי שטאַרק פונאַנדערבלאָזען, און די פירות דערפון האָט מען שוין געזעהן, זאָגען זיי, ביי די יעצטיגע וואַהלען. — אָבער ווען עס וועט זיין אַ דומא, וועט מען דאָך מן הכתם מעגען פרעגען אַ וואָרט אויך וועגען דעם דאָזיגען שעהנעם עסק.

און נאָך טויזענד אַנדערע קשיות וועט מען האָבען צו פרעגען די הערען מיניסטאָרען דענסטמאָל, ווען אַ דומא וועט זיין געעפענט, און דאָס זענען אזעלכע זאַכען און קשיות, וועלכע זענען פאַר אַ רעגי-רונג נישט זעהר בעקוועם — און דעריבער איז ביי מיר קלאָר, אַז מען וועט נישט מאַכען קיין לאַנגע שהיות און מען וועט דאָס קרעמעל באַלד ווידער פערמאַכען. דאָס הייסט: ווען מען זאָל נאָר נישט בעדאַרפען דאָס ביסעל הלואה!

דערווייל אָבער טהוט אויך דער צד שכנגד דאָס זייניגע. די „עכט רוסישע לייט" האַלטען יעצט אָב גרויסע און על-פּי רוב געהיימע

בּעראַטונגען. אין אַ בּעראַטונג, וועלכע איז אין די לעצטע טעג אָבגע־האַלטען געוואָרען אין מאָסקווא, איז אויך געווען קרושעוואַן. ווי די „האַמבּורגער נאַכריכטען" דערצעהלען, האָט מען ביי דער דאָזיגער בּעראַטונג אויסגעאַרבּייט אַ פּלאַן פון אַ שטיקעל ארבּייט, וואָס וועט געטהון ווערען אינ׳ם פאַל, ווען די לינקע וועלען זיעגען ביי די וואַהלען. און די צייטונג איז מוסיף, אַז מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, אין וואָס די דאָזיגע אַרבּייט וועט בּעשטעהן — נאָר זי גלויבּט נישט, אַז די רעגירונג וועט יעצט צולאָזען צו פּאָגראָמען. די רעגירונג, זאָגט זי, בּעדאַרף יעצט דעם אויסלענדישען קרעדיט. אַז אָך און אַז וועה איז צו אונז, ווען די פראַגע, צי מען מעג אונזער בּלוט פערגיסען אָדער נישט, העננגט נאָר אָב דערפון, צי מען בּעדאַרף אַ הלואה אָדער נישט! — חוץ דעם האָט זיך אויך דער אָנפיהרער פון די שוואַרצע מאות, הערר דובּראָווין, בּעריהמט די טעג פאַר אַן׳אויסלענדישען קאָרעספּאָנדענט, אַז „איהר וועט נאָך זעהען, וואָס מיר וועלען טהון". און אויך גרינגמוט שרייבּט אין איינעם פון די לעצטע נומערען פון זיין „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי": „זיי פרעהען זיך און מיינען, אַז זיי האָבּען שוין די מאַכט אין האַנד. „זיי מיינען, אַז זיי וועלען ווידער צוזאַמענקומען אין דער דומא און וועלען דרש׳ענען. זאָלען זיי אָבּער גאָרנישט טראַכטען דערפון. מיר, וועלכע בּלייבּען פון יענער זייט טהיר פונ׳ם טאַורישען פּאַלאַץ, וועלען אַ סך מעהר קאָנען טהון, ווי זיי, וועלכע וועלען זיצען אינעווייניג". — ווי גליקליך וועל איך זיין, ווען איך וועל קאָנען קומען נאָך עטליכע וואָכען און וועל קאָנען אייך זאָגען, אַז מיינע השערות זיינען געווען פאַלשע און קיין פּאָגראָם איז נישט געווען!

צום סוף נאָך אַ קוריאָז: דער בּעקאַנטער יושקעוויטש־קראַסאָווסקי, דערזעלבּיגער וואָס האָט אָרגאַנזשירט הערצענשטיינ׳ס מאָרד און האָט די מערדערס געגעבּען דאָס געלד פאַר זייער אַרבּייט, האָט יעצט דער־לאַנגט דעם פּראָקוראָר פון פּעטערבּורגער קרייז־געריכט אַ קלאַגע געגען די, וואָס האָבּען עדות געזאָגט אינ׳ם פינלענדער געריכט און האָבּען דאָרט אויפגעדעקט דעם גאַנצען מעכאַניזם פון הערצענשטיינ׳ס ער־מאָרדונג. ער בּעשולדיגט זייער עדות דערמיט, וואָס זיי זיינען „כולי־גאַנען", און כוליגאַנעס טאָר מען נישט גלויבּען. חוץ דעם בּע־שולדיגט ער זיי, אַז זיי זיינען אונטערגעקויפט פון רעוואָלוציאָנערען און פון יודען און פון דער אָפּאָזיציאָנעלער פּרעסע.

בייגאונגוואַנציגסטער בריכף

רוסלאַנד איז פאָרט אַ טייער, גאָלדען לאַנד – איך מיין דאָס רוסלאַנד, ווי עס שטעהט אָבגעמאָלט אין די קאָרעספּאָנדענצען פון „טיימס" און „דיילי טעלעגראַף" און אין טויזענדער אַנדערע צייטונגען אין אויסלאַנד. מען האָט דאָרט אַ קאָנסטיטוציע, מען האָט אַ פרייהייט, מען האָט וואַהלען, מען האָט די ברייטכטע רעכט ביי די דאָזיגע וואַהלען, מען קאָן געהן און קומען און זיצען און שטעהן און רעדען און וועהלען ווי מען וויל און וועמען מען וויל, מען האָט מיניסטאָרען, וועלכע אַרבייטען נאָר לטובת הכלל. מען האָט אַ פּרעמיער, וועלכער דאגה'ט נאָר פאַר דעם גוטס פון יעדען איינצעלנעם בירגער, מען האָט אַ פרייע פּרעסע, מען האָט אַלץ. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס איך קאָן נישט לעבען אין דעם דאָזיגען רוסלאַנד פון דעם צייטונגס-פּאַפּיער און מוז נעבעך לעבען מיט מיינע אָרימע רמ"ח אברים און שס"ה גידים אין דעם אמת'דיגען רוסלאַנד, אין דעםווירקליכען, און דאָ פערכאַפּט איינעם אַמאָל דער אָטעם און דאָ קאָן עס אַמאָל פּאַסירען, אַז מען פערלירט סוף-כל-סוף יעדע אויסזיכט אויף עפּעס אַן'אויסוועג און יעדע האָפנונג און יעדען פונק פון אַ האָפנונג. מען פערלירט זאָגאַר, אין בעזונדערס ביטערע מינוטען, די האָפנונג פון צו קענען צעשטערען דעם גרויסען ליגען, וועלכען מען פערשפּרייט אומעטום מיט אַבזיכט. וואָס נוצט מיר מיין זיפצען און קלאָגען? עט, עפּעס אַן'אונצופריעדענער, אפשר גאָר אַ שטיקעל לינקער פון די לינקסטע פּאַרטייען! און ווידער קומען יענע גרויסע קאָרעספּאָנדענטען פון די גרויסע וועלט-צייטונגען, יענע וועלכע האָבען אַ מגע-ומשא מיט די העכסטע ספערען און האָבען אָפט אינטערוויוען מיט די גרויסע, מיט די רעדעלפיהרער אַליין, און ווידער מאָלען זיי אייך אויס, יעדעסמאָל פון דאָס ניי, די גאָלדענע פּרעכטיגע פּאַנאָראַמאַ פון זייער גאָלדען, טייער רוסלאַנד.

איהר געדענקט? אין איינעם פון מיינע לעצטע בריוו האָב איך בערעדט דערפון, ווי איך האָב מורא, אַז אין מיין ליעבהאַרציג רוסלאַנד, אַזוי באַלד ווי עס וועט האַלטען ביי די וואַהלען, וועט מען אונז אָב-אַרבייטען אַ שטיקעל אַזוי אויף עכט רוסיש: מען וועט פראָסט אָוועק-שטעלען כוליגאַנעס אין דער גאַס, מיט שטעקענס און מיט שטאַנגעס אייזען, און מען וועט שלאָגען אויף רעכטס און אויף לינקס און מען וועט איינפאַך נישט דערלאָזען, אַז מען זאָל צוטרעטען צו די וואַהל-קעסטלעך. איך קען גוט מיין טייער פאָטערלאַנד – נישט דאָס דאָזיגע פון די צייטונגען, נאָר דאָס דאָזיגע, וואו איך לעב, און אָט קאָן איך מיט שרעקען מעלדען, אַז מיין פאָראויסזאָגען ווערט לײדער מקוים; די ערשטע סימנים האָבען זיך שוין אָנגעהויבען ווייזען. פון אָדעס קומט די נאָכריכט: די וואַהל-פערזאַמלונגען ביי אונז האָבען געהאַט אַ בלוטיגען צוזאַמענשטויס מיט די „עכטע". דעם פאָריגען זונטאָג איז אַ באַנדע שווארצע הונדערט בעפאַלען אַ פערזאַמלונג פון די „פּריעדליכע בעניייער" און האָבען געשלאָגען מיט שטעקענס און מיט גומי-נאַגייקעס אַלע פערזאַמעלטע. די פערזאַמלונג האָט טעלעפאָנירט צו דער פּאָליציי, נ אָ ר ק י י נ ע ר א י ז נ י ש ט ג ע ק ו מ ע ן. אויף דער גאַס האָבען זיי געשלאָגען און פערוואונדעט מיט מעסערס יעדען דורכגע-הער, וואָס האָט געהאַט אַן'אינטעליגענט אויסזעהן".

אין דאָס געשפּענסט פון אַ פּאָגראָם אין זיין שרעקליכסטער גע-שטאַלט ציהט ווידער דורך דעם לאַנד און וואַרפט פאָראויס זיין פינ-סטערען שאָטען; הויפּטזעכליך אין דרום-רוסלאַנד. – פון קרעמענטשוג קומט די נאַכריכט, אַז דער שטאָדט-הויפּטמאַן האָט אָפען ערקלערט די יודען, אַז אויב זיי וועלען ניעט וועהלען אַן'עכט-רוסישען מענשען, ו ו ע ט ז י י ן אַ פּ אָ ג ר אָ ם – און טאַקע איז אַ טייל פון די דאָרטיגע פיהרער געפאַלען אויף די עצה, די וואַהלען גאָר אינגאַנצען צו בויקאָטירען. אין קישינעוו פיהרט דער בעוואוסטער קרושעוואַן טאָג-טעגליך זיין שרעקליכע אַגיטאַציע, וועלכע איז ווי בעקאַנט, פּאָליצייליך ערלויבט און געוואונשען, און אין זיין צייטונג זאָגט ער אָפען, אַז אויב די יודען וועלען נישט וועהלען ווי די רעגירונג ווינשט זיך, ו ו ע ט דאָס „פאָלק" זיך ב ל ו ט י ג אָ ב ר ע כ ע נ ע ן מ י ט ז י י. גאַנץ בעסאַראַביען שטעהט יעצט אונטער דעם איינדרוק פון אַ פּאָגראָם.

מורא. אין זשיטאָמיר ערשיינט אַ צייטונג, אַ שוואַרץ-הונדערטיגע, וועלכע שטעהט אונטער דעם שוץ פון דעם דאָרטיגען גובערנאַטאָר, און די דאָזיגע צייטונג שרייבט אָהן אַלע חכמות, אַז אויב יודען וועלען, ווי עס איז, זיך בעשטרעבען דורכצופיהרען ביי די וואַהלען זייערע פּראָגרעסיסטען, ו ו ע ט ז י י ן אַ פ אָ ג ר אָ ם. און ווי מען מעלדעט פון דער דאָרטיגער געגענד, שוועבט דער פּאָגראָם-גייסט אין די לעצטע טעג נישט בלויז איבער זשיטאָמיר, נאָר איבער גאַנץ וואָהלין. אַזוי אויך קומען אָן טאָג-טעגליך פינסטערע מעלדונגען פון אַנדערע געגענדען: אין טשערקאַס כטראַשען די מיטגלידער פון'ם „רוסישען פאָלק" מיט אַ פּאָגראָם. מען בעפאַלט די יודען און אַלע וואָס האָבען אַן'אינטעליגענט פנים און מען צורייכט אין שטיקער זייערע וואַהלצעטלען. אין קיעוו ביי די בעצירקס-וואַהלען בעפאַלען כוליגאַנעס די וועהלער און צורייסען ביי זיי די וואַהל-צעטלען און אַזעלכע מעלדונגען קומען טאָג-טעגליך אויך פון הונדערט אַנדערע ערטער.

און פון אָדעס קומען אָן, חוץ דער אויבענדערמאָהנטער היפּש-נאַכריכט, יעדען טאָג פרישע נאַכריכטען, און מען זעהט, אַז די „אָר-בייט פון די שוואַרצע הונדערטער דאָרט געגען די וועהלער האָט אָנ-גענומען שרעקליכע פאָרמען. הונדערטער מענשען שלאָגט מען אַלע טאָג; צעהנדליגער פערוואונדעטע ליעגען אין די שפּיטאָלען; די קאַרעטעס פון דער „גיכער הילף" אַרבייטען אָהן אויפהער. די כוליגאַנעס בעפאַלען אַ פערזאַמלונג און שלאָגען מיט שטעקענס און מיט אייזענס יעדען וועל-כער געפינט זיך דאָרט. די אומגליקליכע פרובען לויפען אין גאַס אַריין — און ווערען געשלאָגען; זיי כרובען זיך אַריינכאַפּען צוריק אין דעם פערזאַמלונגס-זאַל — און די שוואַרץ-הונדערט-מענשען רייסען זיך אַריין אין דעם זאַל און שלאָגען ווייטער. מען טעלעפאָנירט צום גובערנאַטאָר, צום פּאָליציימייסטער, צו די פאָרשטעהער פון די פּאָליציי-רעווירען: „ראַטעוועט! מען לאָזט קיינעם נישט דורכגעהן! די פּאָליציי-לייט שטעהען און לאַכען און ענטפערען גאָרנישט. שיקט הילף!", און נאַטירליך קריגט מען קיין תשובה נישט. דערווייל הערען זיך קלאַנגען אין דער שטאָדט, אַז גענעראַל קוילבאַרס, דער גובערנאַטאָר, האָט זיך געאויסערט פאַר דעם דייטשען קאָנסול, אַז: „אַזוי לאַנג ווי ס'וועט נישט זיין ווידער אַ פּאָגראָם אין אָדעס, וועט מען מיט יודען גאָרנישט מאַכען"...

אָבער אויך אין דעם אייגענטליכען תחום-המושב, אין ליטא און אין פוילען, איז די שטימונג נישט קיין פיעל בעסערע. „מען מוז אין די וואַהל-ליסטעס אַריינשטעלען עכטע רוסען, ווען נישט, וועט זיין אַ פּאָגראָם!״ — דאָס איז דאָס געוועהנליכע וואָרט, וועלכעס מען הערט אין די לעצטע טעג כמעט אין אַלע שטעדט פון דעם יודישען וואוינראַיאָן. דאָס זעלביגע וואָרט מעלדעט מען מיר פון מאָהילעוו, דאָסזעלביגע פון ביאַליסטאָק און דאָסזעלביגע בעקום איך צו הערען אין גאַנץ פוילען. „דער שטאָדט-פערוואַלטער ביי אונז״, שרייבט מען פון עפּעס אַ שטאָדט, „איז אַ צורר היהודים; די פּאָליציאַנטען זענען ווילד און שלאָגען מכות רצח, און אַז מען וועט וועהלען אַ פּראָגרעסיסט, וועט בעשטימט זיין אַ פּאָגראָם״... און פון אַנ׳אַנדערער שטאָדט שרייבט מען: „ווילט איהר אונז אַלע אויסקוילען? מוזען מיר דען וועהלען אין די דומא אַריין און מיט די אייגענע הענד אָנמאַכען, אַז עס זאָל זיין אַ פּאָגראָם?״ און ווידער פון אַנ׳אַנדערער שטאָדט שרייבט מען: „גאַראַנטירט אונז צוערשט, אַז מען וועט זיין זיכער מיט דעם לעבען, וועלען מיר וועהלען אַזוי ווי מיר ווילען!״ — דאָס אונגעפעהר איז די שטימונג, וועלכע הערשט יעצט ביי אונז אומעטום.

און פאָרט, מוז איך זאָגען, געשעהען ביי אונז נסים, אַזעלכע, וועלכע זענען פשוט נישט צו פערשטעהן: טראָץ די טויזענד בעשרענקונגען און טראָץ די טויט-שרעקענישען פאַר פּאָגראָמען און טראָץ די פינסטערע שטימונגען אומעטום, ווערט דער פרייהייטס-גייסט פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער, און ווי עס ווייזען די פאָרלויפיגע רעזולטאַטען פון די פאָר-וואַהלען, האָבען קיין שום סטראַשונקעס נישט געהאָלפען און דער עולם האָט געוועהלט אַ רעכט ביסעל פּראָגרעסיוו. אויב ביים גאַנג צו די וואַהלען, אין דעם ענטשיידענדען מאָמענט, וועלען נישט די כוליגאַנעס בלוטיג שטערען און אויב דער עולם וועט נישט זיין געצוואונגען טייער צו בעצאָהלען זיין פרייהייטס-שטרעבען — דאָס איז אַנ׳אַנדער פראַגע. דערווייל אָבער זעהט מען, ווי די לינקע פאַרטייען זיעגען פון טאָג צו טאָג מעהר. דערווייל זעהט מען, ווי אויך אין די רעגירונגס-ספערען אַליין האָט מען שוין אויפגעהערט צו גלויבען אין אַ כשר׳ער דומא און מען רעכענט זיך דאָרט שוין דערמיט, ווי די רעגירונג וועט מוזען אַנטקעגענקומען דער אָפּאָזיציאָנעלער דומאַ און וועט

מוזען מאַכען גרויסע הנחות. אַ שעהנעם דאַנק זיי כאָטש דערפאַר! ווי מען מעלדעט היינט פון פעטערבורג, הערען זיך קלאַנגען, אַז סטאָליפּין איז שוין אַרויסגעפּאָהרען מיט אַ ראַפּאָרט קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, אום צו מעלדען, אַז די אָפּאָזיציאָנערען האַלטען אין זיעגען און אַז די רעגירונג מוז אויסאַרבייטען אַ פעסטען פּלאַן, ווי זיך צו שטעלען צו דער נייער דומא און ווי צו אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען. ער האָט זאָגאַר, דערצעהלט מען, שוין אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט, ווי צו געבען אַן אַמנעסטיע און ווי צו געבען אמת'ע רעפאָרמען און ווי צו געבען כל טוב. נאַטירליך, ווערטען קאָן איך מיך נישט, אַז דאָס איז אַלץ אמת; דערווייל רעדען דערפון בלויז די פּאַריזער צייטונגען. עס איז נאָר אַן'אומגליק, וואָס עס איז פאַרהאַן אויך אַ צייטונג ווי דער „ראַדיקאַל", אַ שטיקעל אַפּיקורס, און די דאָזיגע צייטונג מאַכט זיך אַ נעבען־בעמערקונג, אַז „די אַלע מעשות שטאַמען געוויס פון דער בערזע, מיט דער אבזיכט, צו בערוהיגען דעם עולם און איהם איינצורעדען, אַז אין רוסלאַנד ווערט שוין אַלץ ווידער גאַנץ גוט, כדי פאַרצובעררייטען דעדורך אַ גרונד פאַר דער נייער הלואה, וועגען וועלכער מען אַרבייט יעצט מיט אַלע כוחות". איך זאָג אייך, אַ יונג גאָר קיין נאַר נישט; ער פערשטעהט אַן'עסק!

דערווייל אָבער געהט זיך רוסלאַנד זיין אָקסען־טריט: די רעגירונג מעלדעט, ווי תמיד, אַז אַלץ איז שוין רוהיג, די „ראָסיאַ" און די „פעטערבורגער טעלעגראַפען־אַגענטור" שרייען געוואַלד, אַז אַלץ איז שוין גוט, די „אַגענטור" האָט זאָגאַר געבראַכט אַ נאַכריכט, אַז סטאָליפּין האָט אין אַ בעזונדערען ראַפּאָרט אין צאַרסקאָיע סעלאָ מודיע געווען, ווי אַלץ איז יעצט שוין שטיל און די רעוואָלוציע איז געשטאָרבען — נאַטירליך האַלט דאָס אַלץ נישט אָב פון דער אַנדערער זייט, אַז טאָג־טעגליך זאָלען זיין נייע אָנפאַלען און נייע באָמבען־און רעוואָלווער־אַטענטאַטען. רש"י מאַכט, וואָס רש"י וויל, און פּוטיכער מאַכט זיך בעזונדער וואָס ער וויל און קוקט נישט אויף רש"י'ן. אַ גאַנץ בעזונדער אויפזעהן האָט געמאַכט דער פּלאַן פון אַ געוואַלדיגען אַטענטאַט אויף דער געביידע פון דער געהיים־פּאָליציי אין פעטערבורג, וועלכען מען האָט נאָך פריהצייטיג ענטדעקט אין דער הייניגער וואָך, איידער ער איז אויסגעפיהרט געוואָרען. נאַטיר־

ליך, אזוי ווי דאָס איז נאָר געווען אַ פּלאַן און ער האָט זיך נישט איינגעגעבען, זענען די בעריכטען איבער איהם זעהר פערשידען. איין זאַך איז קלאָר: געאַרבייט איז דער פּלאַן געווען פון מיט-גלידער פון דער געהיים-פּאָליציי זעלבסט, וועלכע געהערען ווי עס ווייזט זיך אויס צו אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. און אויך דאָס ווייסט מען שוין יעצט: דער אָנפאַל האָט געוואָלט זיין נישט בלויז אויף דער געביידע פון דער געהיים-פּאָליציי, נאָר אויך אויף דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און אויף נאָך עטליכע וויכטיגע רעגירונגס-געביידען. די הויפּטזאַך ביי דעם גאַנצען פּאָרפאַל איז, דער רעוואָ-לוציאָנערער גייסט, ווי מען זעהט, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אויך ביז אין די דאָזיגע ערטער. — איך קאָן איבריגענס, וואָס דאָס דאָזיגע בעטרעפט, דערצעהלען אַ רעכט קוריאָזע מעשה. ווי בעקאַנט, האָט מען אין היינטיגען יאָהר די פּאָליציי-בעאַמטע געגעבען דאָס רעכט צו זיין צווישען די וועהלער, אַזוי אַז אין די פּעטערבורגער וואַהל-ליסטען זענען פאַראַן אויך פיעל „אַגענטען". יעצט ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מען האָט זיך דערמיט אַביסעל טועה געווען; אַגענטען און שפּיאָנען זענען נישט אַלעמאָל זעהר כשר'ע לייט. מען האָט יעצט ענטדעקט, אַז די דאָזיגע חברה האָבען זייער געהיימען „פעראיין" און זענען זעהר אָפּאָזיציאָנעל געשטימט. אין דעם „פעראיין" ווי דער „נאָוואָיע ווערעמיא" איז מודיע, האָט זיך לעצטענס געהערט אַזאַ רעדע: „זיי מיינען, מיר האָבען קיין שכל נישט; יעצט האָט אפילו דער לעצטער פויער אויך שכל. מיר בשעפטיגען זיך שוין זינט 20 יאָהר מיט די דאָזיגע עסקים, און וויפיעל „ליטעראַטור" איז שוין נישט געווען אין אונזער האַנד! וויפיעל בעקומען מיר געהאַלט? 25 רובל אַ חודש! ווינד, קעלט און אַ גאַנצען טאָג אויף דער גאַס ווי אַ הונד, און קומט מען אויף אַ רעוויזיע, באַלד קריגט מען אַ קויל אין קאָפּ. די ביוראָקראַטען קריגען טויזענדער, און זיצען אין דערהיים. ניין, קינדער! וועהלען מוז מען די סאַמע לינקע, און אַנ'דער ווירטשאַפט מוז ווערען אין לאַנד. די אָבשטימונג איז אַ געהיימע, און סיי-ווי-סיי וועט קיינער נישט וויסען, ווער די וועהלער זענען"...

נישט אמת, דערלעבט אין רוסלאַנד שעהנע צייטען?

דרייסיגסטער בריוו

דער זיעג פון די לינקע אין די צוויי הויפט-שטעדט פון רוסלאַנד, אין מאָסקווא און אין פעטערבורג, האָט אונזער גאַנצען עולם אויף אַ מינוט לאַנג ווי פערשיכור'ט. אַ קליינינקייט, מאָסקווא און פעטער-בורג! דאָסמאָל, ווי בעקאַנט, איז דאָס די רעגירונג געפאַלען אויף אַ שכל, צו בעשטימען די וואַהלען אין די צוויי הויפט-שטעדט אויף נאָר צולעצט, כדי די איבעריגע שטעדט אינ'ם גאַנצען לאַנד זאָלען זיך נישט מעהר קאָנען פערקוקען אויף זיי און עס זאָל נישט אַרויס-קומען ווידער דאָס אומגליק פונ'ם פאַריגען יאָהר — און אויך די דאָזיגע סגולה האָט נישט גענוצט: דאָס גאַנצע לאַנד כמעט איז גע-גאַנגען לינקס און צום סוף אויך מאָסקווא און פעטערבורג. אינ'ם פאַריגען יאָהר האָט דובאַסאָוו, דער אויבער-הויפטמאַן פון מאָסקווא, אַ טאָג פאַר די וואַהלען טעלעפאָנירט צו וויטע: „דאַנקען גאָט, מאָסקוואַ איז אין אונזערע הענד“ — און ווי אַזוי מאָסקווא איז גע-ווען אין זייערע הענד, ווייסען מיר דאָך. אויב ריינבאָט, דער איצ-טיגער אויבער-הויפטמאַן פון מאָסקווא האָט אינ'ם היינטיגען יאָהר אַ טאָג פאַר די וואַהלען אויך עפּעס עהנליכעס טעלעפאָנירט אָדער טעלעגראַפירט צו סטאָליפּין, ווייסען מיר נישט; מיר ווייסען נאָר, אַז גאַנ'אַנדערע הויפּט-שטיצע פון דער רעאַקציע, די „נאָוואָיע וורעמיאַ“, האָט נאָך מאָנטאַג, אינ'ם טאָג פון די וואַהלען אין מאָס-קוואַ, געשריבען: „ווי עס ווייזט אויס, וועלען די קאַדעטען אין אונזער ערשטער הויפּט-שטאָדט האָבען אַ פולשטענדיגע מפלה“ — און וואָס פאַר אַ „מפלה“ זיי האָבען געהאַט, ווייסען מיר יעצט: זייער זיעג איז געווען אַ פולשטענדיגער אויף דער גאַנצער ליניע. דער דאָזיגער זיעג האָט אויף אַ מינוט לאַנג דעם דאָזיגען גאַנצען עולם ווי פער'שיכור'ט — און נאָר עפּעס שפּעטער, ווען דאָס בלוט

האָט זיך אַביסעל אַבגעקיהלט, האָט מען אָנגעהויבען פיהלען עפּעס אַ מאָדנע אונזיכערקייט. מען ווייס, אַז עס וועט עפּעס פּאָרקומען...

ווי אַ געשפּענסט געהט עס אין פינסטערען, מען זעהט עס נישט, מען הערט עס נישט, נאָר מען ווייסט, עס געהט עפּעס. רבונו של עולם, ווי האַלט מען שוין אַ טאָג דערנאָך! ווי האַלט מען שוין אַ פּאָר טעג נאָך דעם אויפמאַכען זיך פון דער נייער דומא! — דען, זעהט איהר, יענע אונזיכערקייט און יענעס אונבעשטימטע, טונקעלע געפיהל, וועלכעס ליעגט יעצט ווי אַ בליי אויסגעגאָסען אין אונז אַלעמען, קומען אייגענטליך נאָר פון דער פראַגע, וואָס יעדער פרעגט זיך אין דער שטיל: וועלען זיין פּאָגראָמען אָדער וועלען זיי נישט זיין? וועט עס זיך לויהנען פאַר אונזער רעגירונג און איהרע געשעפטען, אַז פאַלען זאָלען טויזענדער נייע קרבנות אָדער וועט עס זיך גראָד נישט לויהנען פאַר אונזער רעגירונג און איהרע געשעפטען? דען שליסליך הענגט דאָך ביי אונז אַזאַ שטיקעל אָפּעראַציע, פון לאָזען אומקומען טויזענדער נפשות אָדער נישט, בלויז אָב דערפון, צי לויהנט עס פאַר'ן עסק פון דער רעגירונג, צי ניין.

דערווייל אַרבייט חברה און מאַכט פּאָרבערייטונגען.

דער פעראיין פון די „עכט-רוסישע" אין מאָסקווא הערט גאָר נישט אויף צו האַלטען געהיים בעראַטונגען, און איינע פון די לעצטע בעראַטונגען האָט געדויערט 5 טעג. עס האָבען זיך בעטייליגט אין איהר שוואַרצע געסט פון פּעטערבורג און קיעוו, אָדעס און קישינעוו, יעליסאַוועטגראַד און כאַרקאָוו און פון נאָך פיעל אַנדערע שטעדט. פאַר דעם עפענען זיך פון דער פערזאַמלונג האָט דער פאָרזיצענדער בעשוואָרען אַלע פערזאַמעלטע, אַז אַלץ וואָס מען וועט דאָ רעדען און בעשליסען זאָל בלייבען בסוד סודות, אַזוי אַז אפילו די אייגענע פרוי און קינדער טאָרען דערפון נישט וויסען. עס איז נאָר מערקווירדיג, אַז נאָך דער גאַנצער סודות-מאַכעריי, ווייסט פאָרט אַ האַלב מאָסקווא יעצט אין דער עיקר-זאַך אַלץ, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. נאַטירליך, קאָן מען נישט וויסען די איינצעלהייטען; עס איז אָבער גענוג, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ס'איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פּלאַן פון פּאָגראָמען פאַר גאַנץ רוסלאַנד, פאַר גרויסע און קליינע שטעדט, פאַר דערפער און דערפלעך, פאַר יודען און אויך

פאַר נישט-יודען, און די דאָזיגע פּאָגראָמען זאָלען ווערען דורכגעפיהרט באַלד נאָכדעם, ווי די דומא וועט זיך עפענען און וועט נישט זיין קיין גאַנץ כשר'ה. די דאָזיגע פּאָגראָמען, וועלכע זאָלען געמאַכט ווערען, רופען זיי אָן מיט דעם נאָמען „די אמת'ע רוסישע רעוואָלוציע"; זיי ווילען ווייזען דער וועלט, וואָס איז די אמת'ע רעוואָלוציע, וועלכע אמת-רוסישע מענשען וועלען זי מאַכען. דאָס קינד האָט אַלזאָ אַ נאָמען אויך שוין; עס וועלען נישט זיין „פּאָגראָמען", נאָר עס וועט זיין „די אמת'ע רוסישע רעוואָלוציע". אמת, „די וויכטיגסטע רעגירונגס-פאָרשטעהער" אין זייערע אינטערוויוען מיט אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען (ווי למשל מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון לאָנדאָנער „טריביון") הייסען בערוהיגען „די אַלגעמיינע אייראָפּעאישע עפענטליכע מיינונג" און זאָגען, אַז „דאָסמאָל וועט דער בלוטיגער פּלאַן נישט געלינגען", „דער רויטער אָקטאָבער וועט זיך שוין אין רוסלאַנד נישט מעהר ווידערהאָלען", די רעגירונג ווייסט שוין פון די פּלענער פון די „עכט-רוסישע" און וועט אָננעהמען די שטרענגסטע מיטלען געגען זיי" און „די וועלט מעג זיכער זיין, אַז עס וועט גאָר קיין שלעכטס נישט געשעהן" — און דער כשר'ער קאָרעספּאָנדענט קומט און בערוהיגט מיט די דאָזיגע עדלע ווערטער די אונרוהיגע וועלט. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? אַז וואויל איז אַזא קאָרעספּאָנדענט און אַז וואויל איז זיין נשמה, ווען ער קאָן דאָס אַלץ גלויבען! מיר אָבער דאָ, וועלכע לעבען אין דעם דאָזיגען רוסלאַנד און מיר קענען אי די „עכט-רוסישע" און אי די הבטחות פון אונזערע „וויכטיגסטע רעגירונגס-פאָרשטעהער", מיר ליידער זענען נישט אַזוי גליקליך צו קאָנען דאָס אַלץ גלויבען. נאַטירליך, ווייס איך גאַנץ גוט, ווי מאַכטלאָז אַזעלכע „עכט-רוסישע" זענען און ווי קליין זייער צאָהל איז און ווי זיי קאָנען גאָרנישט טהון, ווען מען וויל נישט פון אויבען; איך ווייס אָבער אויך פון דער אַנדערער זייט, אַז די דאָזיגע לייט זענען אייגענטליך נאָר די געזעלען אין דער גרויסער ווערקשטאַט פון דער פּאָגראָמען-פאַבריק, און אַז דער מייסטער שניידט-צו דאָס שטיקעל אַרבייט ביי זיך אין זיין פּריוואַט-קאַבינעט אין פּעטערבורג און דערלאַנגט זיי דאָס, אַרבייט דאַן חברה אויף אַלע מאַשינען בייטאָג און ביינאַכט. עס הענגט אַלזאָ נאָר דערפון

אָב, צי וועט מען „אויבען" בעדאַרפען אַזאַ שטיקעל „אַרבייט" אָדער נישט. — דערוויילי ליידער זעגען פאַראַהאַן גענוג טרויעריגע סימנים, אַז די רעגירונג אַרבייט עפּעס מיט איהרע „עכט־רוסישע" צוזאַמען;

די „ראָסיא", דער לייב־אָרגאַן פון פרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין, שרייבט אַ טאָג נאָך די וואַהלען, באַלד ווי עס האָבען זיך אַרויסגע־וויזען די טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר דער רעגירונג, פאָלגענדע ווער־טער: „עס קומען אָן ידיעות פון מאָסקוואַ, אַז די וועהלער ווערען מיט געלד אונטערגעקויפט, מען שיכור'ט זיי אָן, מען פערפיהרט זיי א. אַז. וו. און מען דאַרף צוגעהמען, אַז דאָס געלד דערצו גיבען די יודען". און אַזעלכע ווערטער שטעהען אין דעם לייב־אָרגאַן פון דעם פרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין; דאָס איז אַלזאָ כלומר'שט די מיינונג פון פרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין! — אין דעם צווייטען אָרגאַן פון דער רעגירונג, אין דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ", לעזען מיר וועגען די דאָזיגע וואַהלען אַזוי: „אַ מורא'דיגער טייל פון אונזער רוסישער יוגענד און אַזוי אויך דאָס פּראָסטע פאָלק פון די פערשידענסטע קלאַסען רוסלאַנדס זענען גייסטיג גע'מל'ט געוואָ־רען פון יודען, און זיי פיהלען און דענקען איצט ווי זייערע יודישע אָנפיהרער. איצט וועלען די יודען נעהמען מיט שטורם אונזער איינציגע האָפנונג, דעם פּאַרלאַמענט, כדי אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענד די מאַכט, און זיי וועלען אַריינכאַפּען די ממשלה און זיי וועלען סוף־כל־סוף אונטערדריקען אונזער אומגליקליך פאָלק, וועלכעס פערשטעהט דערווייל נישט די גרויסע סכנה... היט זיך, היט זיך, דו רוסיש פאָלק! די יודישע מאַכט רוקט זיך אויף רוסלאַנד... דער היסטאָרישער רעזולטאַט דערפון קאָן זיין אַ שווערער יאָך אויף רוס־לאַנד, נאָך פיעל שווערער ווי דער טאַטאַרישער אַמאָל"... אויסער דעם לייען איך גלאַט אַזוי וועגען דעם פערהעלטניש צווישען די „עכט רוסישע" און צווישען די רעגירונגס־פּאַרטעהער פאָלגענדעס: „גענע־ראַל דראַטשעווסקי, דער איצטיגער אויבערהויפּטמאַן פון פּעטערבורג אָנשטאָט דעם דערהרג'עטען פאָן־דער־לויניץ, ווי ער איז אַרויסגעכאָה־רען פון זיין שטאָדט ראָסטאָוו, וואו ער איז געוועזען ביז איצט, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַ דעפּוטאַציע פון די ראָסטאָווער „עכט רוסישע", וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען אַ קרייץ און אַן אָבשיעדס־אַדרעס,

דער גענעראַל האָט זעהר שטאַרק געדאַנקט די עכט-רוסישע פאַר זייער אַרבייט, וועלכע זיי אַרבייטען מיט אמת'ער מסירות-נפש און האָט צו זיי געזאָגט: מיט דעם קרייץ, וואָס איהר האָט מיר געגעבען, וועל איך פאָהרען אָהן מורא קיין פעטערבורג, אַלס עכט-רוסישער מענש וועל איך שעפּען קראַפט אין דער אמונה צו דיענען אונזער אַליינהערשענדען קייזער. איך דאַנק אייך זעהר. זעהט, פערנעהמט זיך אויך ווייטער מיט אייער הייליגער אַרבייט. ווערט נישט פערשעהמט דערפון, וואָס מען רופט אייך „שוואַרצע הונדערט-מענשען". עס איז שוין נישט ווייט די צייט, ווען אַט דער דאָזיגער נאָמען וועט זיין אַן עהרען-נאָמען פאַר אַלע געטרייע זיהן פון אונזער פאָטערלאַנד". זאָגט וואָס איהר ווילט, אַזאַ האַרציגע, ברידערליכע פריינדשאַפט צווישען אַ מענשען, וועלכער קומט אָן אויפ'ן פּאָסטען פון אַ פעטערבורגער אויבערהויפּטמאַן און צווישען די „עכט-רוסישע" איז פאָרט נישט אַוועקצומאַכען מיט דער האַנד!

— חוץ דעם קאָן איך דערצעהלען נאָך אַנדערע זאַכען, וועלכע וואַרפען אַ גענוג העל ליכט אויף דעם פערהעלטניש צווישען דער רעגירונג און עכט-רוסישע: דער קאָמוניקאַציאָנס-מיניסטער, למשל, האָט אַוועקגעזעצט אַ בעזונדערע בעראַטונג, וועלכע זאָל דורכקוקען די בקשות פון די „עכט-רוסישע לייט", וואָס קומען אָן אין אַ זעהר גרויסע צאָהל אינ'ם מיניסטעריום, אַז דאָס מיניסטעריום זאָל זיי אַרויסגעבען אומזיסט בילעטען אויף די אייזענבאַהן-ליניעס, כדי זיי זאָלען קאָנען אַרומפאָהרען איבער די דערפער און פערשפּרייטען פּאַטריאָטישע געדאַנקען. אין אַ מענשליכער שפּראַך איבערזעצט, הייסט דאָס: זיי ווילען אַרויספאָהרען פּראָסט צו די פויערים און זיי ווערבירען פאַר כוליגאַנעס! — אַזוי אויך איז עס געלונגען דעם „טאָוואַרישטש" אויפצווייזען, אַז דער פּאָליציאַנט פּאָלאָניעוו, דער דאָזיגער, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין הערצענשטיינס מאָרד און ווערט געזוכט פון דעם פינלענדישען געריכט, זיצט זיך איצט גאַנץ וואַרעם אונטער דעם שוץ פון אונזער ליעבער רעגירונג און דיענט אַלס פּאָליציאַנט אין דעם פעטערהאָפער פּאָליציי-בעצירק; צייטענווייז בעטייליגט ער זיך אין די רעוויזיעס, וועלכע די פּאָליציי מאַכט. — דאָס זענען אַלץ, דאַכט זיך, לויטער אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע

שטיקלעך, וועלכע ווייזען, אין וועלכען פערהעלטניש די רעגירונג שטעהט צו די עכט-רוסישע איצט און וואוהין עס בלאָזט איצט דער ווינד.

עס געהער דערצו מוט אָדער תמימות פון אַנ'אויסלאַנדס-קאָ-רעספּאָנדענט, צו קומען אונטער אַזעלכע אומשטענדען און צו דער-צעהלען, ווי איינער פון די העכסטע רעגירונגס-פּאַרשטעהער האָט איהם געזאָגט, אַז „אייגענטליך האָט ער אויך שוין עפּעס געהערט פון די „עכט-רוסישע" און פון זייער איצטיגען פּאָגראָם-פּלאַן", נאָר די אינטעליגענטע וועלט קאָן זיכער זיין, אַז מען וועט אַזעלכעס נישט דערלאָזען — און דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענט גלויבט כלומר'שט דערין און וויל עס אויך אַנדערע גלויבען מאַכען!

ווי אַ געשפּענסט קריכט עפּעס אין פינסטערען; מען הערט עס נישט, מען זעהט עס נישט, נאָר מען ווייסט, עס קריכט עפּעס — און אַלע הערצער ווערען פּערציטערט. די פרעכהייט פון דער שוואַר-צער פּרעסע האָט דערגרייכט אַ פּונקט, אַזוי הויך ווי נאָך קיינמאָל נישט. דער לעצטע נומער „רוסקאָיע זנאַמיאַ" קאָן נאָך אַלץ נישט מוחל זיין דער רעגירונג, וואָס זי האָט דערלאָזען דעם פּראָצעס וועגען הערצענשטיינס מאָרד, און זי שרייבט: „יאָ, דער פּראָצעס! עס האַנדעלט זיך דאָך עפּעס וועגען דעם טויט פון אַזאַ רוסישען שטאַאַטסמאַן ווי מ אָ ש ק ע הערצענשטיין!... אָ, דאָס איז געווען אַ ג ר ו י ס ע ר פּ ר י ץ (געשריבען מיט רוסישע בוכשטאַבען די יודישע ווערטער „גרויס פּריץ")! און וואָס מיינט איהר דערצו?! גרויס איז די געדולד פון'ם רוסישען פאָלק, נאָר אויך די דאָזיגע האָט איהר גרעניץ. גרויס און פירכטערליך איז אַ פאָלקס-צאָרן!..." מיט אַנדערע ווערטער: מען סטראַשעט מיט פּאָגראָמען גאַנץ אָפען!

דערוויל אָבער האָבען מיר צו מעלדען בשורות טובות ונחמות אויך פון דער אַנדערער זייט: בזו הרגע איז מיר אָנגעקומען די נאָכריכט, אַז די רעגירונג גיט אונז עפּעס אַ לעקעכעל — וואָס די אַבזיכט איז דערביי, ווייס איך נאָך נישט; — דעם 23-טען הייגטיגען מאָנאָט נעהמט מען אַראָב פון וואַרשא דעם קריעגס-צושטאַנד.

איינאונדרייסיגסטער בריעף

מיין נביאות איז מקוים געוואָרען; ליידער, איז די מקוים גע־וואָרען. נאָך אַזאַ זיעג, ווי איך האָב איצט געזיעגט מיט מיין נביאות, און איך מעג מיר רייסען די האָר פונ׳ם קאָפּ! די מעלדונגען, וועלכע קומען אָן פון אָדעס, זענען איינע שרעקליכער פון דער אַנדערער. עס איז דאָרט געווען אַ פּאָגראָם אייגענטליך גאַנץ לויט דעם מוסטער פון די פּאַרא־יעהריגע אָקטאָבער־טעג. מען איז אָנגעפאַלען אויף פערבייגעהער, מען איז אָנגעפאַלען אויף הייזער און אויף קראָמען, מען האָט געראויבט און דעמאָלירט, מען האָט געבראָכען מעבעל און געהאַקט שויבען, מען האָט אַרויסגעלאָזען די פעדערען פונ׳ם בעטגעוואַנד, מען האָט געשלאָגען און מענשען פערוואונדעט און מענשען דערהרג׳עט, און פּאָליציי איז געשטאַנען און האָט צוגעקוקט — הכל כדאתמול, „הכל על־פּי מנהג רייסען"! איבער דער גאַנצער שטאָדט האָט זיך געהערט עטליכע טעג אונאונטערבראָכען אַ שיסעריי, און די הויז־וועכטער, וועלכע האָבען נישט געוואָלט אַריינלאָזען די כוליגאַנעס אין די טויערען, זענען דערהרג׳עט געוואָרען צום טויט אָדער זענען געוואָרען שווער פערוואונדעט. און ווידער האָבען דערשראָקענע אויגען געזעהען אַלע יענע שרעקליכע סצענעס, ווי מען קאָן זיי נאָר און ווייס זיי נאָר ביי אונז. ווידער זענען געפלויגען מוטערס מיט זויגעדיגע קינ־דער און האָבען געזוכט אַן אָרט וואו זיי צו בעהאַלטען; ווידער איז מען געלעגען אויף די בוידעמס און אין די קעלערס, פערהאַלטענדיג דעם אָטעם און וואַרטענדיג אויפ׳ן טויט; ווידער האָט מען געשלעפּט אַן׳אַלטען יוד ביי די פּיס, און זיין גרויע באָרד און זיין אַלטער קאָפּ האָבען אויסגעמאָסטען דעם שנעע, און געשלאָגען האָט מען איהם אָהן רחמנות. און ווידער שפּרינגט אַרויס עפּעס אַ ביידעל פון 18 יאָהר דורך אַ פענסטער פונ׳ם צווייטען שטאָק, אום זיך און איהר עהרע צו רא־טעווען, און בלייבט ליעגען אויף דער ערד. און אַ יוד לויפט, נישט

מיט זיין כּוח, נאָר מיט דעם כּוח פון אַ טויט-שרעק, און אַ באַנדע ווילדע, שיכּור'ע כּול־גאַנעס יאָגט זיך נאָך איהם מיט אייזענס און מיט רעוואָלווערען און מיט אַ ווילד-טיעריש געשריי, און דער יוד לויפט, פאַלט, הויבט זיך אויף, לויפט ווייטער, ביז מען דערכאַפּט איהם און מען ברעכט איהם אויס אַ האַנד און מען רייסט איהם אויס אַ כּוס, און מען לאָזט איהם ליעגען אויפ'ן שנעע. און אויף קינדער, וועלכע שפּיעלען זיך אַהנוגסלאָז אינ'ם שנעע, שיסט מען און מען הרג'עט און מען פּערוואונדעט, און מיידלעך שלעפּט מען אַראָב פון די דראָשקעס, אויף וועלכע זיי פאָהרען אום זיך צו ראַטעווען, און מען שטילט אויף זיי די ווילדע אינסטינקטען — און די פּאָליציי קומט אַלעמאָל אַ מינוט צו שפּעט און פרעגט זעהר נאַאיוו „וואָס טהוט זיך דאָ?" און חברה ענטפערט, אַז זיי זוכען די לייט פון דעם זעלבסט-שוץ, וועלכע האָבען געשאָסען אין דער גאַס, און פּאָליציי שמייכעלט און געהט אַוועק צופריעדען. אַך, דער דאָזיגער זעלבסט-שוץ! עפּעס אַ בחור, אויף וועלכען מען איז אָנגעפאַלען, איז געוועזען אויף אַזויפיעל דרייסט, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און האָט געשאָסען. נאַטירליך האָט ער קיינעם נישט געטראָפען, און ער האָט זיך גענומען לויפען און ער האָט זיך בעהאַלטען אויף עפּעס אַ בוידעם פון אַ הויז. דאָס איז דער זעלבסט-שוץ, וועלכער איז גע'אַסרט. מען איז אָנגעפאַלען אויף דעם הויז און מען האָט מערדעריש געשאָסען. אַלע איינוואוינער פונ'ם הויז זענען אַרויף אויף דעם בוידעם און די כוליגאַנעס נאָך זיי. מען האָט אַלע יונגעלייט אויפ'ן בוידעם אַרעסטירט, און דעם „זעלבסט-שוצלער", וועלכער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געשאָסען, האָט מען פאַר די אויגען פון דער פּאָליציי אויסגעריסען הענד און פיס און האַלב טויט האָט מען איהם אַוועקגעפיהרט אין פּאָליציי-אַרעסט.

און אין דערזעלביגער צייט, ווערענד עס שפּיעלען זיך אָב אויף די גאַסען און אין די הייזער אָט די דאָזיגע בלוטיגע סצענעס, געהען אַרום איבער דער שטאָדט פּראָצעסיעס פונ'ם „רוסישען פאָלק" מיט פאָהנען און פּאָרטרעטען אין די הענד און זינגען הייליגע און פּאַטריאָטישע ליעדער. און דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון אָדעס, גענעראַל קוילבאַרס, געהט אַרויס צו זיי פון זיין פּאַלאַץ און בענשט זיי און בעדאַנקט זיך ביי זיי און האַלט פאַר זיי אַ פייערדיגע רעדע.

איבערהויפט איז די ראָלע פון דעם דאָזיגען קוילבאַרס אין דעם גאַנצען שרעקליכען פאָגראָם אַזאַ אָפענע און אונצווייידייטיגע, אַז עס געהט גאָרנישט ווייטער. העכסטענס האָט נאָך געפעהלט, אַז ער זאָל אַליין נעהמען עפּעס אין האַנד אַריין און זאָל מיטגעהן. עטליכע טעג, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דער יום-טוב פון די „רוסישע לייט" אין אדעס (דער פּאָגראָם איז געשעהן ביי דער געלעגענהייט פון א יום-טוב, וועלכען די „רוסישע לייט" האָבען זיך געמאַכט צוליעב דעם אַריבערפיהרען זייער פאָהן אין אַ קירכע אַריין), האָט זיך דער שטאָדט-הויפּטמאַן געווענדעט מיט אַ ביטע צו באַראָן קוילבאַרס, אַז ער זאָל דעם יום-טוב נישט ערלויבען, דען עס וועט ווערען געפעהרליך, און באַראָן קוילבאַרס האָט דווקא און געגעבען די ערלויבניש. די פערשידענע שטאָדט-דעפּוטאַציעס פון בירגער און סוחרים און פּראָפעסאָרען, וועלכע זענען געקומען צו איהם מיט דער ביטע וועגען שוץ, האָט ער ענטוועדער גאָרנישט צוגענומען אָדער ער האָט זיי געענטפערט זעהר גראָב, אַז ער ווייסט שוין אַליין, וואָס ער האָט צו טהון.

און אויך די ראָלע פון סטאָליפּינס „פּעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור" איז ביי דעם פּאָגראָם געווען אַ ציעמליך דייטליכע. די דאָזיגע אַגענטור האָט פון אָדעס, וועהרענד די 4 פינסטערע טעג פון׳ם פּאָגראָם, ניעט געהאַט עפּעס אַנדערש מודיע צו זיין, ווי „דער תבואה-האַנדעל האָט זיך אָבגעשטעלט. אין אַלע הויכע און מיטעלע שולען האָט מען אויפגעהערט צו לערנען". ווייטער ברוך-השם, הייסט עס, איז אַלעס דאָרט גאַנץ גוט און מהר קיין אומגליק איז דאָרט נישט פאָרגעקומען.

און אויך די ראָלע פון סטאָליפּין איז עפּעס געווען אַ מערק-ווירדיגע ביי דער גאַנצער זאַך. הונדערטער טעלעגראַמען פון פערשי-דענע אינסטיטוטען און פון פּריוואַט-פּערזאָנען זענען אָבגעגאַנגען צו איהם — און ער האָט אויף קיין איינציגע ניעט געענטפערט. זינט עט-ליכע וואָכען האָבען די אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען אָפט טעלעגראַפירט צו איהם און איהם געבעטען וועגען הילף געגען די „עכט רוסישע", און אַזוי האָבען טעלעגראַפירט צו איהם עטליכע מאָל אויך די טעאַטער-אינהאַבערס, און אַזוי אויך די בערזע, און אַזוי אויך דער צירקוס און אַזוי אויך הונדערט אַנדערע, און אויך וועהרענד דעם פּאָגראָם אַליין זענען אָבגעגאַנגען צו איהם אונצעהליגע אַזעלכע טעלעגראַמען —

און אַלץ אימזיסט. דער הצרר מיניסטער אַ פנים לייענט נאָר די טע-לעגראַמען פון זיין ליעבער „פעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור", און פון איהר האָט ער זיך נאָר געקאָנט דערוויסען, אַז דער תבואה-האַנדעל האָט זיך אָבגעשטעלט און אַז די יונגלעך ווילען ליידער נישט געהן אין די חדרים אריין. און נאָר דאָ צום סוף, אין די אַלער-לעצטע טעג, האָט זיך בעוויזען אַ נאַכריכט אין די צייטונגען, אַז דער פרע-מיער-מיניסטער האָט מיט מזל פערלאַנגט פון דער אָדעסער פאָליציי-פערוואַלטונג אַן ערקלערונג, און „אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דאָרט זענען געווען „אונרוהען", וועט מען אָננעהמען מיטלען דאַגעגען, זעהט איהר, ביז אַזעלכעס וועט זיך „אַרויסווייזען" אין רוסלאַנד, קאָן צוועקגעהן סך-הכל אַ יאָהר צוואַנציג, דרייסיג, און דאַן האָט מען צו ערוואַרטען, אַז סטאָליפין, ווען ער וועט דענסטמאָל נאָך זיין מיניסטער, וועט אַוודאי ובוודאי מקיים זיין זיין הבטחה און וועט אָננעהמען דאָ-געגען מיטלען. — עס איז נאָר שלעכט, וואָס די קאָנסולען פון די אויס-לענדישע רעגירונגען, וועלכע זיצען אין אָדעס, האָבען נישט געוואָלט אַזוי לאַנג וואַרטען, און האָבען זיך געווענדעט צו זייערע רעגירונגען וועגען שוץ פאַר זייערע אונטערטאַנען, און די דאָזיגע רעגירונגען האָבען אויפ'ן דיפלאָמאַטישען וועג געטהון דאָס זייעריגע — און אין אָדעס איז פאָרלויפיג פלוצלינג שטיל געוואָרען. אויף ווי לאַנג, נאַטירליך, קאָן מען נישט וויסען; עס איז פאָרלויפיג אַ שטיקעל בערוהיגונג דאַדורך, וואָס עס הערט זיך, אַז באַראָן קוילבאַרס וועט אַראָב פון זיין פאָסטען.

און דערווייל קומען אָן שרעקליכע נאַכריכטען אויך פון סימפע-ראָפאָל, אַז די כוליגאַנעס האָבען זיך פונאַנדערגעהוליעט, און אַזעלכע נאַכריכטען קומען אויך אָן פון פיעל אַנדערע שטעדט. דאָס כאַראַקטע-ריסטישע ביי די איצטיגע פאָגראָמען איז, אַז זיי זענען, ווי עס ווייזט זיך אויס, אַריינגעטרעטען אין אַ נייע פאַזע; עס זענען נישט מעהר פאָ-גראָמען מיט אַ בעשטימטען אָנפאַנג און אַ בעשטימטען סוף, נאָר עס איז אַזאַ כראָנישער צושטאַנד געוואָרען: זיי הערען קיינמאָל נישט אויף, זיי זענען נאָר אַ טאָג לייכטער און אַ טאָג שווערער. עס איז — ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל געשריבען — אַ מין טעלעגראַף אָהן דראָהט, אַ מין פולווער וואָס קנאַלט נישט און רויכערט זיך נישט, אַזאַ פאָגראָם מאַכט נישט אָן אין דער וועלט אַזאַ גערודער און געפילדער און

אויפזוצהן, ווי, למשל, אַ ביאַליסטאָקער אָדער שעדלעצער פּאָגראָם, און פּאָרט איז ער זייגענטליך פיעל געפעהרליכער. ווי עס ווייזט זיך אויס, ווערען איצט אַזעלכע מיני פּאָגראָמען געאַרבייט לויט אַ בעשטימטען פּלאַן.

איבערהויפּט, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט איצט דער פעראיין פון די „עכט רוסישע" עטליכע מערקווירדיגע פּלענער. ווי עס הערט זיך, איז איצט דער אָנפיהרער פון זיי דער גייסטליכער וואָסטראָגאָוו. גרינגמוט, פּורישקעוויטש, דובראָווין און די איבעריגע העלדען זענען אַראָב פון דער סצענע, און דער דאָזיגער וואָסטראָגאָוו איז דער הויפּטמאַכער. וואָסטראָגאָוו לאַכט פון אַזעלכע נאַרישקייטען, ווי אַרויסגעבען אַ „רוסקאָ'ע זנאַמיאַ" אָדער ווי הרג'ענען אַ הערצענשטיין און דערגלייכען; רוסלאַנד, זאָגט ער, דאַרף איצט האָבען „גרויסע מעשים". ער וויל אָרגאַניזירען אַ קאַנטר-רעוואָלוציע, „וועלכע זאָל אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל די גאַנצע רעוואָלוציע און זאָל דערשטיקען אויף אייביג דאָס, וואָס מען רופט „פרייהייטס-בעוועגונג". לויט דעם פּלאַן, וועלכען ער האָט אויסגעאַרבייט, דאַרף פאָרקומען אַנ'אַלגעמיינע, מורא'דיגע קאָנטר-רעוואָלוציע אין מאָנאַט מאַי. אין 18 גרעסערע שטעדט פון רוסלאַנד זאָל מען אַרויסטרעטען אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען מיט פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס, וועלכע זאָלען געבען דעם סיגנאַל צו אַלע איבעריגע שטעדט און שטעדטלעך אין גאַנץ רוסלאַנד. צו דעם דאָזיגען פּלאַן ווערען איצט שוין געמאַכט גרויסע פאָרבערייטונגען; די גאַנצע אַרבייט בעשטעהט פאָרלויפיג דערין, צו ווערבירען מענשען צווישען שיכּורים און פערברעכער, און דאָס איז אַזאַ סחורה, וועלכע פעהלט נישט אין רוסלאַנד און וועלכע מען קאָן אַלעמאָל קריגען פאַר אַ טרונק בראָנפען מיט 5 קאָפּעקעס.

דאָס אַלזאָ איז די גאָלדענע אויסזיכט אין רוסלאַנד! דאָס איז די צוקונפט, צו וועלכער מיר קוקען אַהין! וואָס קאָן אונז נוצען אַ דומא? וואָס קאָן נוצען אַפילו אַ פרייע דומא? וואָס איז אונז אַ חילוק, צי סטאָליפּין און זיין קאַבינעט וועט אַראָב צי ניין? וואָס איז די נפקא-מינה, צי אויבענאָן וועט שטעהן וויטע אָדער סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי אָדער קאָקאָווצעוו? וואָס פאַר אַ גרויסע נחמה איז דאָס פאַר אונז, אַז אין רוסלאַנד איז מען, ווי מען זאָגט, גאָט זיי דאַנק, שוין געפאַלען אויף דעם שכל, אַז דער פינאַנץ-מיניסטער, מוז גלייכצייטיג זיין אויך דער פרעמ-

יער-מיניסטער, ווייל צו אַזעלכע האָבען די אויסלענדישע באַנקירען מעהר צוטרוי׳ען? —

בין כך וכך האָבען מיר איבערגעלעבט אויך אין וואַרשא די וואַהלען צו דער דומא. נאַטירליך האָבען געזיגט די אַנטיסעמיטען, און וואַרשא שיקט אין די דומא אַריין צוויי אנטיסעמיטען פון דער שוואַרצעסטער פאַרב. איבריגענס איז דאָס געווען פאָראויסצוזעהן, און עס האָט קיינעם נישט איבעררראַשט. די אַגיטאַציע פון דער שוואַרצער זייט איז געווען אַזאַ שטאַרקע און אַזאַ נידעריגע און די מיסברויכען ביי די וואַהלען זענען געווען אַזעלכע שרעקליכע, אַז אַנ-אייראָפּעאישער מענש וועט דאָס קוים קאָנען גלויבען. מען האָט ביי הונדערטער און ביי טויזענדער אַרויסגעריסען די וואַהל-צעטלען פון דער האַנד און מען האָט זיי געצוואונגען אַריינצוואַרפען אין די אורנע דווקא די צעטלען, וועלכע מען האָט זיי געגעבען. מען האָט געשלאָגען און געהרג׳עט און אָנגעמאַכט אַ פּאַניק, כדי אַ סך שרעקהאַפטע מענשען, און איבערהויפּט יודען, אָבצוהאַלטען פון שטימען אָבגעבען. עס האָט גערעגענט מיט פּראָקלאַמאַציעס, ווי „ראַטעוועט דאָס פאַטערלאַנד פון יודען און זייערע יודישע דעפּוטאַטען", אָדער „מיר שווערען, נישט צו קויפען ביי אַ יודען נישט פאַר קיין גראָשען, אויב עס וועלען נישט דורכגעהן אונזערע קאַנדידאַטען", אָדער „מיר וועלען זיך נוקם זיין און יודען וועלען מוזען אַרויס פון פּוילען" און דערגלייכען מעהר. ובכן האָבען דאָ די פינסטערע געזיגט — ווי איהר זעהט, זעהר עהרליך און רעכטמעסיג געזיגט.

צום סוף נאָך אַ שטיקעל מעשה אַלס קוריאָז: אין דעם אויבער-שטען געריכטס-הויף אין וואַרשא איז נעכטען פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון צוויי יודען, שמחה באַראָן און אהרן זיגמאַן, וועלכע זענען גע-ווען בעשולדיגט, דאָ; זיי האָבען אין דעם שטעדטעל פּאַניטאָוו אין שוהל נישט צוגעלאָזט, אַז מען זאָל זאָגען „הנותן תשועה" ובכן: אויך רעוואָלוציאָנערען! — אין דער ערשטער אינסטאַנץ האָט מען זיי געהאַט פערמשפּט אויף אַ חודש געפענגעניש, און נאָר דער וואַר-שאווער אויבערשטער געריכטס-הויף האָט מבטל געווען דעם ערשטען פּסק און האָט די בעשולדיגטע פרייגעשפּראָכען.

בוויאַונדרייסיגסטער בריעף

אין אָדעס איז גאָרנישט געווען, לחלוטין גאָרנישט! — באַראָן קיילבאַרס אַליין, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון אָדעס, איז דאָס דאָזיגע מודיע דעם פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, און מיר מוזען אַלזאָ פון היינטיגען טאָג אָן גלויבען און וויסען, אַז אין אָדעס איז גאָרנישט נישט פאָרגעקומען. אין דעם בעריכט, וועלכען דער אָדעסער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט צוגעשטעלט דעם פּרעמיער-מיניסטער וועגען די לעצטע „קלייניגקייטען“ אין אָדעס, ערקלערט ער, אַז אַלע קלאַגען, וואָס האָבען זיך געהערט וועגען רציחות פון די „עכט-רוסישע“ זענען פאַלש; שלעכטע מענשען (דאָס מיינט ער מכתּם מיך און די אויסלענדישע קאָנסולען אין אָדעס און נאָך אַזעלכע) האָבען אין אַ שלעכטער אַבזיכט יענע קלאַגען אַרויסגעלאָזט, ווערענד באמת איז אין אָדעס גאָרנישט פאָרגעקומען „אויסער אַ געווענליכען פּאַרטייען-קאַמף צווישען טרייע רעגירונגס-אַנהענגער און רעוואָלוציאָניסטען“. ובכן ווייסען מיר איצט שוין: אין קישינעוו איז אייגענטליך קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָגראָם, נאָר אַ פּאַרטייען-קאַמף; אין ביאַליסטאָק איז אייגענטליך קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָגראָם, נאָר אַ פּאַרטייען-קאַמף; אין שעדלעץ איז אייגענטליך קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָגראָם, נאָר אַ פּאַרטייען-קאַמף. איבריגענס האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פּעראָרדענט די אָדעסער צייטונגען, נישט צו רעדען מעהר פון די לעצטע „קלייניגקייטען“, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אָדעס — און אַלעס וועט שוין איצט געהן ווי עס בעדאַרף צו זיין: הערר סטאָליפּין וועט בעטען דעם הערר גענעראַל קוילבאַרס אום ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט איהם בחנם מטריח געווען; די אויסלענדישע קאָנסולען וועלען ווערען אויפמערקזאַם געמאַכט, נאַטירליך גאַנץ העפליך, אויף דעם גראָבען טעות וועלכען זיי האָבען געהאַט, זעהענדיג אַ פּאַרטייען-קאַמף און מיינענדיג, אַז דאָס איז אַ פּאָגראָם;

די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען וועלען אָנהויבען צו רעגנען מיט קאָרעספּאָנדענצען צו זייערע גרויסע צייטונגען, ווי זעהר זיי האָבען זיך ליידער טועה געווען און ווי אין אדעס האָט מען נישט געהרג׳עט און פּערוואונדעט עטליכע צעהנדליג מענשען און מען האָט נישט דעמאָלירט קראָמען און וואוינונגען און מען האָט נישט אָנגעטהון מענשען אונמענשליכע עינויים, נאָר מען האָט געקעמפּט דאָרט גלאָט אַזוי פּאַרטיי-קאַמפּען. אויך מיר אַ וויכטיגע זאַך, פּאַרטיי-קאַמפּען! און די אויסלענדישע באַנקירען וועלען זיך בעמיהען מפייס צו זיין די אומגליקליכע ליבעראַלע רעגירונג, וועלכע ליידט נעבעך אַזוי פיעל פון אַ שם רע, און וועלען איהר געבען אַ הלואה אויף בע-סערע בעדינגונגען. — אמת. פון אָדעס קומען דערוויילע אָן נאַכריכטען, אַז די בערזע מיט אַלע איהרע אָבטיילונגען אַרבייטען נאָך נישט און סוחרים האָבען בעשלאָסען נישט צו אַרבייטען ביז די דומא וועט זיך עפענען; אמת, אַלע בעשטעלטע סחורות, וואָס אָדעס האָט בעשטעלט אין וואַרשא און אין לאָדז, ווערען נישט פערלאַנגט אָדער קומען צוריק הזרה, ווייל דאָרט האָט אויפגעהערט יעדער האַנדעל און וואַנדעל; אמת, אויף די בקשה פונ׳ם רעקטאָר פון דער אָדעסער אוניווערזיטעט, אַז די סטודענטען זאָלען ווידער אָנהויבען צו בעזוכען די אוניווערזיטעט, האָבען די סטודענטען-פאָרשטעהער געענטפערט, אַז זיי וועלען בשום אופן נישט אָנהויבען די קורסען, ווייל די רציחות אין די גאַסען קומען נאָך פאָר ווי פריער — אָבער וואָס מאַכט דאָס אַלעס אויס? דאָס זענען דאָך אַלעס נאָר פּאַרטיי-קאַמפּען, און ווייטער גאָרנישט! איבריגענס וועלען מיר באַלד פון אָדעס קיין שום שלעכטע נאַכריכטען מעהר נישט האָבען, דען, ווי געזאָגט, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר וויל עס נישט; הערר גלאַגאָלאָוו, דער דערווייליגער גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט צוזאַמענ-גערופען צו זיך די רעדאַקטאָרען פון אַלע אָדעסער צייטונגען און האָט זיי פערבאָטען צו שרייבען וועגען „אונאָרדנונגען" אין די גאַסען. ובכן איז שוין אַלעס ווידער גוט!

דערווייל אָבער קומען אָן די נאַכריכטען פון אַנדערע געגענדען אין רוסלאַנד. פון קיעוו מעלדעט היינט אַ טעלעגראַם: „ביי אונז ווי אויך אין יעקאַטערינאָסלאַוו הערשט צווישען די „שוואַרצע הונ-

דערטער" די זוויסגעשפּראָכענע נייגונג צו פּאָגראָמען". פון האָמעל טעלעגראַפירט דער ראַבינער מאַיאָנץ צום פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין, למען-השם ער זאָל געבען אַ פּעראָרדנונג, דאָס די קובאַנער קאָזאַקען זאָלען נישט קומען אין די שטאָדט אַריין, ווי די אַבזיכט איז, דען מען האָט מורא, אַז זיי זאָלען ניט מאַכען פּאָגראָמען. פון אַנדערע שטעדט קומען ענהליכע ידיעות. און דאָס אַלעס גע-שעהט ערב דומא, אַ טאָג אָדער עטליכע טעג איידער די פרייהייט געהט זיך בעווייזען צו אונז אין איהר גאַנצער, גרויסער ערהאַבענהייט. און אַזוי, אין אַזעלכע אייביגע טויט-שרעקענישען, לעבען פינף מיל-יאָן מענשען! און אַזוי לעבען זיי נישט איין טאָג און נישט איין וואָך און נישט איין יאָהר, נאָר שטענדיג! און אַזוי שרייבט מען וועגען דעם שטענדיג, און אַזוי לעזט מען עס שטענדיג, און אַזוי ווערט אַלעמאָל ווידער טאָג און עס ווערט ווידער נאַכט און קיין שום ענדערונג און קיין שום ישועה קומט ניט! רבונו של עולם, וואוהין וועט דאָס פיהרען?

און די רעגירונג ווישט זיך אָב איהר מויל אַלעמאָל נאָך אַזאַ סעודה און זאָגט: נישט זי איז שולדיג; שולדיג איז, ווי מען זעהט דאָך בעשיינפערליך, דאָס פאָלק; דאָס פאָלק האָט פיינד דעם יודען און דאָס פאָלק קאָן זיך אָפּט נישט בערוהיגען און דאָס פאָלק לאָזט זיך נישט אַמאָל פון דער רעגירונג און פון דער פּאָליציי צוריק-האַלטען און דאָס פאָלק מאַכט אַמאָל אַביסעל „אונאָרדנונגען". אוי, ווי געהט זיך שוין חלשות פון דעם אייביגען „פאָלק", וואָס אונזער רעגירונג האַלט זיך פאַר אַנ'אויסרייד! וואָס פאָלק? ווער פאָלק? וואו פאָלק? אדרבא, דאָס אמת'ע פ אָ ל ק, דאָס גרויסע, ברייטע, רוסישע פאָלק, האָט פון אַלע עקען און ענדען רוסלאַנדס געגעבען אַ קלאָרע תשובה, ווי עס דענקט און ווי עס פיהלט און האָט, טראָץ טויזענד שטערונגען און הינדערנישען, געוועהלט אין די דומא אַריין זיינע פרייזיניגסטע פערטרעטער; דאַגעגען אָבער איז עס קלאָר, אַז דאָס ביסעל „רעכטע", וואָס עס איז געלונגען דער רעגירונג צו קריגען אין די דומא אַריין, זענען סוף כל סוף נאָר די עטליכע „עכט רוסישע לייט", וואָס די רעגירונג האָט זיך זיי בעשאַפען אום צו האָבען זיך אויף וואָס צו שטיצען און גראָד די דאָזיגע זענען

דאַך דאָס די, וואָס מאַכען די פּאָגראָמען! עס איז גענוג, ווען איך וועל דערמאָהנען, אַז דער דומא-דעפּוטאַט פון קישינעוו איז קרושעוואַן, דער וועלט-בעקאַנטער קרושעוואַן...

אין מיט וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיגער פּאָמפּע האַלט דער דאָזיגער קרושעוואַן זיין איינצוג אין די דומא אַריין! און אונזער ליעבע רעגירונג הערט און זעהט און שווייגט — עס איז דאָך איהר קרושעוואַן, דערזעלביגער, אויף וועלכען זי האָט זיך צו שטיצען. ערשטענס האָט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ“, דער אָרגאַן פון די „רוסישע לייט“, אָבגעדרוקט אַנ׳ערקלערונג, אַז „אַזוי ווי קרושעוואַן און פּורישקעוויטש זענען נישט גאַנץ זיכער מיט זייער לעבען, דערום איז מען מתרה די יודען ווינאַווער, העסען, קיזיוועטער און מיליוקאָוו, אַז זיי וועלען מיט זייערע קעפּ גאַראַנטירען פאַר דער זיכערהייט פון קרושעוואַן און פּורישקעוויטש“ — און אונזער רעגירונג הערט אַזעלכעס און מאַכט זיך נישט הערען. דאַן איז געקומען די גרויסאַרטיגע אָוואַציע, וועלכע מען האָט געמאַכט קרושעוואַנען אין קישינעוו ביי זיין אַרויספאָהרען קיין פּעטערבורג. דאָס פּושקין-אוידיטאָריום אין קישינעוו איז געווען פול געפּאַקט מיט עכט-רוסישע; נאָך דעם גאָטעס-דיענסט האָט די פערזאַמלונג דערלאַנגט קרושעוואַנען ברויט און זאַלץ און אויך אַ גאָלדענעם קרייץ מיט אַ הייליגען-בילד אויף גאָלדענע קייטעלעך, צו טראָגען אויף דער ברוסט. נאָכדעם זענען געהאַלטען געוואָרען פייערדיגע רעדעס. „די גאַנצע פערזאַמלונג“ — שרייבט די „ראָסיאַ“ — האָט אויסגעדריקט קרושעוואַנען איהר הייסען וואונש, ער זאָל זעהן מיט אַלע זיינע כוחות צו דערגרייכען דאָס ציעל אויסצוראָטען דאָס רוסישע פאָלק פון דעם יודישען יאָך“, און אַלע האָבען געגעבען אַ שבועה, אַז אין פאַל, אויב מען וועט בעדאַרפען, וועלען זיי אָבגעבען זייער לעבען פאַר דעם דאָזיגען ציעל (אַלזאָ פּאָגראָמען!). און דער הייליגער קרושעוואַן, דער מענש מיט דעם קרייץ און דעם הייליגען-בילד, האָט פערגלאָצט די אויגען און האָט געענטפערט: „אין אייער נאָמען וועל איך מודיע זיין אין דער דומא, אַז דער בעכער פון געדולד פון׳ם רוסישען פאָלק איז שוין פערפולט; פאַר די צרות, וועלכע מען האָט איהם אָנגעטהון, וועט זיך דאָס פאָלק מיט די שולדיגע אָברעכענען און

וועט מיט זיי און זייער לעבען אַ סוף מאַכען און וועט פערטרינקען די ערד מיט טייכען בלוט, אַז די גאַנצע וועלט וועט דאַן מוזען אָנהויבען צו ציטערען פאַר דעם פאָלקס-געריכט" — און אַ רעגירונג הערט דאָס אַלעס און שווייגט. דאַן איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ פאָלקס-וואַך, וועלכע וועט בעגלייטען קרושעוואַנען ביז פעטערבורג, אַז עס זאָל איהם הלילה וחס אונטערוועגס גאָרניכט געשעהן. חוץ דעם מאַכען די עכט-רוסישע אין פעטערבורג גרויסע הכנות, מקבל-פנים צו זיין זייערע דעפוטאַטען. דער קבלת-פנים וועט זיין אויפ'ן באַהנהויף, וואו עס וועלען זיך צוזאַמענקומען אַלע מיטגלידער פונ'ם „רוסישען פאָלקספעראיין" מיט אַ פאָהן און מיט אַ קרייץ און אַנ-אַדרעס, איינגעפאַסט אין גאָלד, וואָס וועט ווערען איבערגעגעבען קרושעוואַנען און פורישקעוויטשען דורך אַ דעפוטאַציע. נאָכדעם וועלען די עכט-רוסישע געסט געפיהרט ווערען מיט גרויס פאַראַד דורך די גאַסען אין אַ גרויסען זאַל, וואו עס וועט ווערען געמאַכט לכבוד זיי אַ באַל. אויסערדעם וועלען קרושעוואַנס און פורישקעוויטשעס פאָטאָגראַפיעס מיט זייערע ביאָגראַפיעס ווערען אָבגעדרוקט אין צעהנ-טויזענדער עקזעמפּלאַרען, און אינ'ם טאָג, וואָס זיי וועלען אָנקומען, וועט מען דאָס טיילען אומזיסט אין די גאַסען — און אונזער רעגירונג הערט און זעהט און שווייגט. נאָך מעהר: די עכט-רוסישע האָבען זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אַ ביטע, אַז אין דער דומא זאָל ווערען איינגעריכטעט פאַר זייערע דעפוטאַטען אַנ'עקסטראַ בופעט, כדי זיי זאָלען נישט מוזען צוזאַמענקומען מיט די איבעריגע „רעוואָלוציאָנערען", און ווי עס הערט זיך, וועט די רעגירונג איהרע ליעבלינגע אויך דאָס דאָזיגע נישט אָבזאָגען. עס זענען דאָך עפּעס איהרע לייט, די געצעהלטע און אויסגעוויינטע בנים-יחידים'לעך, וועלכע זי האָט קוים אַריינגעקריגען אין די דומא אַריין אויף אַ זכר לחורבן, כדי צו בעווייזען דער וועלט, אַז „דאָס פאָלק" איז באמת'דיג נאָך זעהר קאָנסערוואַטיוו און וויל נישט קיין פרייהייטען, און פרייהייטען ווילען נאָר „עטליכע" רעוואָלוציאָנערען! וויפיעל בערך קאָן קאָסטען אַ רעגירונגס-קאַסע אַזאַ ביסעל „עכט רוסישע לייט", וואָס זי בעדאַרף צום עסק? וואָס קאָן קאָסטען דאָס „פאָלק? וואָס קאָנען קאָסטען פאָגראָמען — פאַרדאָן, איך האָב געוואָלט זאָגען

פּאַרטיי־קאַפּיטאַן — און נאָך אַזעלכע נויטיגע עכט־רוסישע בעדערפּע־
נישען, וואָס רוסישע ביוראָקראַטען מוזען האָבען, אום זיך צו קאָ־
נען האַלטען?

קראָשצוואַן אין דער דומא! און וועהרענד ער וועט שטעהן און רעדען, איז עס מעגליך, אַז קיינער זאָל נישט דאַן געדענקען דאָס גאַנצע בילד פון דעם שרעקליכען קישינעוו? און וועהרענד ער וועט אַ מאַך טהון מיט דער האַנד, איז עס מעגליך, קיינער זאָל נישט דאַן געדענקען, אַז דאָס איז די האַנד, וועלכע האָט אַריינגע־קלאַפּט נעגעל אין מענשליכע קעפּ און האָט קינדערשע קערפּער צע־ריסען אין שטיקער און האָט בייכער אויפגעטרענט און האָט זיי אָנ־געשטאָפּט מיט פּעדערען? און איז עס מעגליך, קיינער זאָל דאַן נישט געדענקען, אַז יענע הענד, וועלכע האָבען אַריינגעוואָרפען וואָהל־צייטיגען פאַר קרושעוואַנס ווערען, זענען די יעניגע וועלכע האָבען מענשליכע אויגען אויסגעשטאָכען און טראָגעדיגע פרויען אויפגעשליצט די בייכער און מענשליכע צונגען אויסגעשניטען פון די מיילער...

עס וואָלט זיין זעהר גלייך, די רעגירונג זאָל מאַכען פאַר איהרע ליעבלינגע אַן עקסטראַ־בופעט, כדי די „רעוואָלוציאָנערען" זאָלען נישט מוזען מיט זיי צוזאַמענקומען. מען קריגט אַן עקעל־געפיהל!

איך וויל מכיים זיין בכי־טוב: לויט אַ חשבון, וועלכער ליעגט פאַר מיר, האָט מען אין מאָנאַט יאַנואַר פּערשיקט קיין סיביריען 2660 פּערזאָן.

דרייאונדרייסיגסטער בריעף

די קאָמעדיע האָט זיך אָנגעהויבען: די דומא איז געעפענט. מיליטער צופוס און מיליטער אויף פערד בעלאַגערען דעם טאווריטשען פּאַלאַץ פון דרויסען, זשאַנדאַרמען און קאָזאַקען און טשערקעסען בע־רעקען די גאַסען אַרום, אין דער לופט פונקלען די פּיקעס און די שווערדען און די בלייערנע קעפּלעך פון די נאַגייקעס, און אין דער דומא אינעווייניג, אויף די גאַלעריעס, אין די קולוארען, ביי די בופעטען און אומעטום, וואו מען זאָל זיך נישט קצהרען, פיהלט זיך, אַז עס איז פול מיט שפּיאָנען און געהיים־פּאָליציסטען און געהיים־אַגענטען — אלא ווי דען זאָל זיך אָנהויבען אַ „רוסישע" פרייהייט? נ י ש ט מיט קאָזאַקען און נאַגייקעס? נ י ש ט מיט שפּיאָנען און געהיים־אַגענטען? נ י ש ט מיט דעם כחד, אַז מען איז נישט זיכער מיט'ן לעבען און מען איז נישט זיכער אַ וואָרט אַרויסצולאָזען?—עס ליעגט אַ דריקענדע, געדיכטע אַטמאָספערע אויסגעברייט איבער אַלעם, אַ דערשראָקענהייט און אַ נישט־זיכערקייט איז אויסגעדריקט און אויסגעשפּרייט אויף הונדערטער גע־זיכטער, עפּעס געהט דורכ'ן קאָפּ אַ געדאַנק: „וועט מען מאָרגען, אי־בערמאָרגען צעטרייבען די דומא? וועט מען זי נישט צעטרייבען?", און עס זיצען די דעפּוטאַטען — צום גרעסטען טייל בלוט־יונגע און אונערפאַהרענע מענשען — צעציטערט ווי די האָזען, און ווייסען אַליין נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זענען, ביי יעדען מינדעסטען שאָרך געהט מען אַרויס פון די כלים. עס פיהלט זיך עפּעס, אַז מען איז כחומר ביד היוצר. וועלען זיי זיין גוט און פרום און וועלען רעדען און טהון ווי גאָט און ווי די תורה און ווי סטאָליפּין האָט געבאָטען, וועט מען זיי גנעדיגליך לאָזען לעבען אויף דער ליכטיגער שיין, עלעהיי זאָל אויסלאַנד זעהן, אַז רוסלאַנד האָט פ אָ ל ק ס־פ ע ר ט ר ע־ט ע ר און די רעגירונג איז כלומר'שט נישט קיין אַבסאָלוטיסטישע, צו

אַ געלד-שידוך קאָן עס אַוודאי נישט שאַדען; וועלען זיי אָבער האָבען
די העזה צו רעדען איין איינציג וואָרט, נישט אַזוי ווי עס פּאַסט אַריין
אין דעם קרעמעל, ווי די רעגירונג דאַרף עס האָבען, וועט מען זיי
ציאָגען ווי די כלבים און מען וועט שרייען „רעוואָלוציאָנערען!" אין
מען וועט זיי מאַכען די פּראָצעסען, ווי צום גוטען געדאַכט - נאָך וויבאָרג,
מיליטער צופוס און מיליטער אויף פערד און קאָזאַקען און זשאנדאַרמען
און טשערקעסען פעהלען נישט. עס פיהלט זיך עפּעס, אַז מען איז דער-
ווייל אַ מין מאַריאָנעטען אין דער האַנד פון אַ קלוגען מיניסטער, און
וועט מען געבען אַ ציה ביי דעם שטריקעל אַזוי און אַזוי, וועלען זיי רעדען
און טהון אַזוי און וועט מען געבען אַ ציה ביי דעם שטריקעל אַנדערש, ווע-
לען זיי מוזען רעדען און טהון אַנדערש. אָבער אַ דומא, אַ מין פּאַרלאַמענט,
אַ פאָלקס פערטרעטונג איז עס דאָך! און די פיינע, עהרליכע קאָרעספּאָנדענ-
טען מיט די ריינע הענד וועלען קאָנען אַרויסשרייבען אין די גרויסע וועלט
אַריין זייערע עהרליכע קאָרעספּאָנדענצען, אַז די איצטיגע דומא איז פיין און
גוט און די דעפּוטאַטען זענען נישט מעהר קיין שרייערס און גערודער-
מאַכערס, נאָר זיי זענען רוהיגע, טאַקטפולע מענשען, וועלכע בענעהמען
זיך ביי יעדער געלעגענהייט זעהר אָנשטענדיג, אַזוי אַז די רעגירונג
וועט איצט קאָנען מיט זיי צוזאַמען „אַרבייטען". זאָלען זיי רעדען וועגען
אַ־אַמנעסטיע? אפשר איז דאָס „רעוואָלוציאָנעריש"? זאָלען זיי
רעדען וועגען אָבשאַפען פעלד-געריכטען און אינקוויזיציעס און טויט-
שטראָף? אפשר איז דאָס „רעוואָלוציאָנעריש"? זאָלען זיי רע-
דען וועגען שעדלעך און וועגען אָדעס און וועגען די שרעקליכקייטען
פון אַ „פעראיין פון עכט-רוסישע"? דאָס איז שוין בוודאי ובוודאי רע-
וואָלוציאָנעריש"! זיי וועלען אַזוי נאָר זיצען און רעדען דאָס, וואָס
דער העדר פּרעמיער-מיניסטער וועט זיי פּאָרשרייבען — און דאָס אויס-
לאַנד וועט בעקומען גוטע ידיעות, אַז איצט אַרבייט די דומא צוזאַמען
מיט דער רעגירונג, אוי, אוי וועט דאָס זיין אַנ'אַרבייטען"!

נאַטירליך אויך פון דער פריהערדיגער דומא האָט דער, וועלכער
קען רוסלאַנד און איהרע פערהעלטנישען, געוואוסט, אַז ס'איז נישטאָ
אויף עפּעס בעזונדערס צו וואַרטען; אָבער וועניגסטענס האָט מען גע-
וואוסט, אַז דאָרט וועט זיך הערען דער אמת'ער קרעכץ און דאָס פלאַ-
מעדיגע וואָרט וועט ברענען אויף די ליפען און דאָס אונענדליכע אומ-

גליק פון אַ הונדערט-און-פערציג-מיליאָנען-פאָלק וועט זיך דאָרט אויס-
ווייזען, און ווען שוין דאָס אַלעס וועט נישט האָבען קיין שום דירעקטען,
פּראַקטישען נוצען, וועט עס ווענינסטענס העלפען, אייראָפּא אויפצומאַ-
כען די אויגען אויף דעם אמת'ען צושטאַנד פון דעם דאָזיגען אומגליקס-
לאַנד. פון דער היינטיגער דומא אָבער האָט מען אויך דאָס נישט צו
ערוואַרטען. מיליטער צופוס און מיליטער אויף פערד און טשערקעסען
אין זשאנדאַרמען און קאָזאַקען בעלאַגערען דעם טאַווּרישען פּאַלאַץ פון
דרויסען, און אינעווייניג איז מען נישט זיכער קיין איינציגע מינוט פאַר
שפּיאָנען און געהיים-אַגענטען — און די דעפּוטאַטען וועלען זיצען פיין
און טאַקטפול און וועלען צובאַסעווען צו אַלעם, וואָס מען וועט זיי די-
רעקט אָדער אינדירעקט אונטערזאָגען און וועלען באופן זה נאָר זיין אַ
שעהנע דעקאָראַציע פאַר דער זעלבסטהערשער-רעגירונג, צום פערגעני-
גען פון דעם קורצזיכטיגען אויסלאַנד מיט זיינע באַנקירען, וועלכע
שטעהען גרייט מיט די אויפגעמאַכטע בייטלען און וואַרטען נאָר אויף
די דאָזיגע הערליכע דעקאָראַציע, כדי צו האָבען אַ תירוץ פאַר זיך
אַליין. — אַ דריקענדע אַטמאָספערע ליעגט אויסגעברייט איבער דעם
גאַנצען הויז, שטילערהייט שוועבען אַרום די שאָטענס פון אומגעצעהלטע
הרוגים, דערשטיקטע זיפצען פון געפייניגטע און פערשיקטע און לעבע-
דיג בעגראָבענע בלאַנדזשען אַרום אין די ווינקעלעך, עס הויבען זיך
אויף די שאָטענס פון 800 אומגליקליכע, וועלכע דאָס פעלד-געריכט האָט
אומגעבראַכט: די טויטע בעגריסען דיך, דומא!

עס איז נאָך גוט, וואָס דער ערשטער טאָג פון דער נייער דומא
איז אַזוי אַריבער בשלום. אייגענטליך, אום אַ רוסישע שמחה צו-
בעשיינען, האָט בעדאַרפט אַ קרושעוואַן צו זיין שיכור ווי לוט און האָט
בעדאַרפט מאַכען אַ שטיקעל סקאַנדאַל אָדער אַ קליין פּאָגראָמ'על אין
דער דומא, לכבוד דעם פאָטערלאַנד און לכבוד דער אמת'ער רעליגיע
און לכבוד דעם אמת'ען רוסישען פאָלק, אַז עס זאָל זיין שעהן פאַר
גאָט און פאַר לייט. איבריגענס ליעגט דאָך דאָס אַלץ אין דעם פּלאַן פון
אונזער קלוגען סטאָליפּין. אין אַ בעראַטונג, וועלכע איז אָבגעהאַלטען גע-
וואָרען אין צאַרסקאָיע סעלאָ פאַר עטליכע טעג, וועגען דער טאַקטיק
פון דער רעגירונג געגען דער נייער דומאַ, האָט סטאָליפּין זיך געאוי-
סערט: „די נייע דומא וועט מען שוין נישט דאַרפען צעטרייבען; זי וועט

זיך אַליין צעטרייבען". לויט זיין מיינונג איז נאָך בעסער, וואָס די נייע דומא איז נישט אַרויסגעקומען אינגאַנצען פון לויטער רעכטע און רעגירונגס-מענשען, נאָר זי איז אַרויסגעקומען אַביסעל אַהין און אַביסעל אַהער און אַביכעל מיטעל. דאָס איז — זאָגט סטאָליפין — וואָס ער בעדאַרף גראָד האָבען צו זיין עסק. די פּאַרטייען וועלען זיך צוּמרייסען איינע מיט דער אַנדערער מעהר ווי זיי וועלען זיך אַרומ-רייסען מיט דער רעגירונג, און עס וועט קומען צו סקאַנדאַלען, וועלכע וועלען ממילא ברענגען דערצו, אַז די דומא וועט מוזען צעטריבען ווע-רען. די רעגירונג אַליין וועט זיך האַלטען אַזוי ווייט ווי נאָר מעגליך זעהר רעזערווירט. די סכסוכים, זאָגט סטאָליפין, מוזען אויסברעכען פריהער צווישען די פּאַרטייען אַליין, און נאָכדעם קאָן זיין, אַז מען וועט פערשנאָרען אַלע עסקים. גרויסע האָפנונגען לעגט די רעגירונג נאַטירליך אויף איהר הויפּט-פּאַרטיי, אויף די עכט-רוסישע — זיי זענען דאָך בריות אויף סקאַנדאַלען מאַכען. אפשר, ווען גאָט וועט געבען, וועט זיך אָנהויבען דער סכסוך באַלד אין ערשטען טאָג, ביי דער פראַגע וועגען אַ פּאָרזיצענדען אין דער דומא. ווער רעדט, אַז די פּאַרטייען וועלען נאָך אָנהויבען מיט זייערע טויזענד פּראָגראַמען און מיט זייערע פּרינציפּען וועגען זייער טאַקטיק און וועלען זיך אַרומבייסען און אַרומרייסען איינע מיט דער אַנדערער. סטאָליפין האָט זיך פאַר פערגעניגען געריבען די הענד. — ליידער, איז דער אָנפאַנג שוין נישט געגאַנגען גאַנץ לויט זיין וואונש: דער פּאָרזיצענדער פון דער נייער דומא איז אויסגעקליבען געוואָ-רען באַלד אין ערשטען טאָג אינגאַנצען אָהן סכסוכים. דער קאַנדידאַט פון די קאַדעטען, גאָלאָווין, איז געוועהלט געוואָרען — אמת שוין נישט איינשטימיג, ווי אין פאָריגען יאָהר מוראָמצעוו — אַלס פּאָרזיצענדער אינ׳ם טאַווּרישען פּאַלאַץ, און סקאַנדאַלען זענען פאָרלויפיג ליידער נאָך נישט געמאַכט געוואָרען.

מען קאָן נישט זאָגען, די קלוגע רעגירונג געהט נישט לעדיג. ווי עס הערט זיך פון פעטערבורג, איז דובראָווין, דער אָנפיה-רער פון די עכט-רוסישע, און קרושעוואַן אויפגענומען געוואָרען פון פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפין און דער פּרעמיער-מיניכטער סטאָליפין האָט פערבראַכט מיט זיינע ליבע געסט מעהר ווי אַ שעה צייט. פון אַ מיניסטער, וועלכער אַרבייט, ווי ער זאָגט, 16 שטונדען אַ מעת-לעת

איז דאָס קיין קליינינקייט נישט; דאָס קאָן נאָר מבגליך זיין ביי א וויכטיג שטאַאַטס-געשעפט. איבריגענס הערט אין פעטערבורג נישט אויף דער קלאַנג, אַז מען אַרבייט מעשים, דאָס קרושעוואַן זאָל דערגרייכען אַנ׳אוידיענץ אויך ביים קייזער. זאָל דאָס זיין נישט בלויז אַ קלאַנג, נאָר אַנ׳אמת, דאַן איז עס אַ פּאַטש אין פנים אַריין גאַנץ איירא‎אָפּא און דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע. חוץ דעם איז דער קיעווער דומא-דעפּוטאַט, דער בעקאַנטער „עכט-רוסישער" ערצבישאָף פלאַטאָן, געוועזן מיט אַ וויזיט ביים פינאַנץ-מיניסטער קאָקאָווצעוו, און באַלד דערויף האָט איהם קאָקאָווצעוו געמאַכט זיין געגען-וויזיט. אויך הערט זיך, אַז דער מיניסטאָרען-קאַבינעט האָט בעשלאָסען, ווען די דומא זאָל ח״ילה ערקלערען די וואַהלען פון קרושעוואַן און פּורישקעוויטש אַלס נישט גילטיג, צו בעטראַכטען דאָס דאָזיגע אַלס קאָנפליקט מיט דער דומא און זי צעטרייבען. בקיצור „די רעגירונג האַלט זיך אין איין קושען און האַלזען מיט איהרע ליעבע „עכטע לייט". עס איז קיין וואונדער נישט, ווען באוכן זה איז דער שטאָלץ פון די דאָזיגע לייט אַזוי הויך געשטיגען, אַז זיי זענען מודיע אין די צייטונגען, דאָס דער „פעראיין פונ׳ם רוסישען פאָלק" האָט בעשלאָסען, אַז אויב די דומא וועט מבטל זיין די וואַהלען פון זייערע דעפּוטאַטען, פון קרושעוואַן און פּורישקעוויטש, וועלען זיי עפענען אין פעטערבורג אַ בעזונדערע זעלבסט-שטענדיגע דומא און וועלען ערקלערען, אַז יענע דומא איז אַ פאַלשע. יאָ, מיינע הערען, יאָ, מיינע ליעבע קאָרעספּאָנדענטען פון די אויסלאַנדס-צייטונגען און מיין ליעב גלויביג אויסלאַנד! די עכטע דומא איז ווירקליך נאָר די דאָזיגע פון די „עכט רוסישע", אין וועלכער אונזער רעגירונג שפּיגעלט זיך אַזוי זעהר, און צו ערוואַרטען ישועות טובות האָבען מיר נאָר פון די קרושעוואַנס און די פּורישקעוויטשעס. דען זייער איז די רעגירונג, און די רעגירונג האָט קאָזאַקען און זשאַנדאַרמען און טשערקעסען גענוג!

אין פעטערבורג האָט זיך אָנגעהויבען דאָס ווערק פון דער פריי-הייט: מען האָט געעפענט אַ דומא — און אין דערזעלבער וואָך, ווי מען האָט זיך גענומען צו דער פרייהייט, האָט מען אַלע פּראָגרעסיווע צייטונגען דערווייל קאָנפיסקירט, מען האָט דעם „ריעטש", די צייטונג פון די קאַדעטען, אָבגעשטעלט, מען האָט דעם „טעלעגראַף", דעם

אָרגאַן פון די ליבעראַלען, אינגאַנצען פערבאָטען, און יעדעס פרייע וואָהט איז געוואָרען אונמעגליך. לכבוד דער דומא-ערעפענונג האָט מען אונז אַ בעזונדערען חסד בעוויזען: מען האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז אינ'ם פינפטען מערץ, דעם טאָג פון דער ערעפענונג, זאָל דאָס פעלד-געריכט נישט פונקציאָנירען און עס זאָל אין דעם דאָזיגען טאָג קיינער נישט געהאָנגען אָדער געשאָסען ווערען. אויך אַן'אַמנעסטיע! נאַטירליך, פון 12 אַזייגער ביינאַכט אָן, און דאַן אינ'ם זעקסטען און אינ'ם זיבעטען און אינ'ם אַכטען און אין אַלע איבעריגע טעג פונ'ם גאַנצען יאָהר און אַלע יאָהר כסדר ביז אין יונגסטען טאָג אַריין וועט מען ווייטער הענגען און שיסען אָהן אַנ'אויפהער. אויסערדעם איז אַסיגנירט געוואָרען אויף הוצאות פאַר תפיסות אינ'ם היינטיגען יאָהר די קליניגקייט פון 16,638,971 רובעל. מעהר ווי זעכצעהן און אַ האַלב מיליאָן רובעל אויף תפיסות — דאָס, זעהט איהר, איז שוין אַ היבשער שריט צו פרייהייט. חוץ דעם לייענען מיר, אַז דער דירעקטאָר פון דעם געפענגעניש אין בוטירקי האָט אַרויסגעהאָנגען אַ מודעה אין דעם געפענגעניש, אַז ער, דער דירעקטאָר, האָט דאָס רעכט צו געבען אַלע פעראורטיילטע, די פּאָליטישע אויך בכלל, ביז 100 שמיץ, ווען ער וועט עס געפינען פאַר נויטיג — און ווען געפינט דאָס אַ דירעקטאָר פון אַ רוסיש געפענגעניש אַזאַ קליניגקייט ווי 100 שמיץ נישט פאַר נויטיג? אַזוי אויך לייענען מיר, אַז אין דעם געפענגעניש אין אָמסק האָט דער סאָלדאַט אויף דער וואַך דערשאָסען די פּאָליטישע געפאַנגענע דערערנאַווא, ווייל זי האָט גערעדט מיט איהרען אַ קרוב דורכ'ן פענסטער. און פון לאָדז לייענען מיר, אַז נעכטען ביי אַ לויה, האָבען אָפיצירען מיט סאָלדאַטען פער־וואונדעט מיט די קאָלבען און געהרג'עט ביז צעהן מענשען. — אַזוי, זעהט איהר, האָט מען אין רוסלאַנד מקבל פנים געווען די פרייהייט! אַזוי זעהט אויס דער אַריינגאַנג אין אַ רוסישען פּאַרלאַמענט, אין אַ דומאַ!

פּיעראוּגדרייסיגסטער בריעף

רוסלאַנד מיט אַ פּאַרלאַמענט, אַ דומאַ! מיר דאַכט זיך, אַז עס קאָן גאָרנישט אַנדערש זיין ווי עס איז און אַלעס איז עפּעס אַזוי עכט רוסיש, עכט פּאָניש, און מען בעדאַרף זיך פּיהלען דערביי גאַנץ היימיש. ווי דען האָט איהר געמיינט, אַ פּאַרלאַמענט הלילה, ווי אין גאַנץ איירָאָפּאַ? אין רוסלאַנד, זעהט איהר, איז דאָס אַביסעל אַנדערש: דער פּרעזידענט פון דער דומאַ ווערט „אָבגעהיטען" אויף שריט און טריט פון געהיים-אַגענטען; וועגען די דומאַ-דעפּוטאַטען האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַרויסגעגעבען אַ צירקולאַר צו דער פּאָליציי, אַז זי זאָל „שטאַרק אַכטונג געבען" אויף זיי; האָבען די דעפּוטאַטען געוואָלט מאַכען אַ שטיקעל סעודה און צונויפקומען זיך לכבוד דער דומאַ-ערעפענונג, האָט דאָס די פּאָליציי פערבאָטען (אַן'אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען נאָר פאַר די דעפּוטאַטען פון די עכט-רוסישע); זשורנאַליסטען ווערען נישט צוגעלאָזט צו די קולוּאַרען און מען מאַכט זיי אַלערליי שיקאַנען, און אויך די דעפּוטאַטען אַליין מוזען זיך היטען צו רעדען איינער מיט דעם אַנדערען אַן'איבּריג וואָרט און געפינען זיך אַלעמאָל אונטער דער קאָנטראָלע פון באַראָן אָסטען-סאַקען, דעם אָנפיהרער פון די געהיים-אַגענטען אין דער דומאַ; געהט איינער אין בופעט אַריין, ווערט ער בעגלייט פון עטליכע געהיים-אַגענטען; אין דער דומאַ אַליין איז איינמאָל געמאַכט געוואָרען אַ פּאָליציייליכע רעוויזיע ביי עטליכע דעפּוטאַטען; וועגען דומאַ-דעפּוטאַטען איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פעראָרדנונג, אַז אויב זיי וועלען זיך אַריינמישען אין זאַכען פון דער פּאָליציי אָדער ווען זיי וועלען זיך אָננעהמען פאַר אַ מענשען, וועלכער ווערט אַרעסטירט אין דער גאַס, זאָל מען זיי באַלד אַליין אַרעסטירען; אין פּאַל פון פונאַנדערטרייבען די דומאַ, איז אַ צירקולאַר אָבגעגאַנגען

צו די גובערנאַטאָרען, די דעפּוטאַטען צו אַרעסטירען, און עס איז געפּלאַנט אַ מאָביליזאַציע פאַר גאַנץ רוסלאַנד; אויף אויסהאַלטען אַ בעזונדערען זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס איז אַסיגנירט געוואָרען פאַר'ן היינטיגען יאָהר 7.1 מיליאָן רובעל (1½ מיליאָן מעהר ווי אין פאָריגען יאָהר) און אויף פּאָליציי 57½ מיליאָן (5 מיליאָן מעהר ווי אין פאָריגען יאָהר); אין דער וואָך פון דער דומא-ערעפנונג זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען די צייטונגען „נאָווי ליטש", „טריבונא", „נאָוויאַ סילי", „רוסקאַיאַ זשיזן", „ראַבאָטשאַיאַ מאָלווא", „סוואָבאָדני טשעלאָוויעק", „עקיפּאַזשניק", „קירלוטש", „נעוואס ווילני", „טרוד טעכניקא", „אזרבאבאס", און דער יודישער „בריינד"; דעסגלייכען האָט אין דער וואָך פון דער דומא-ערעפנונג די קאָנסטיטוציע געאַרבייט זעהר פלייסיג און האָט זיך ניט געגונען קיין שבת און קיין יום-טוב: מען האָט אַ שטיקלעך צעהן-צוועלף מענשען אויפגעהאָנגען, און אינ'ם טאָג פון דער דומא-ערעפנונג האָט מען אין פּעטערבורג אַליין אויף שפּאַלערנעגאַס אַ שטיקלעך פערציג מענשען מיט באַגייקעס און מיט אַנדער געוועהר ציעמליך שווער פערוואונדעט. בקיצור, מיר האָבען אַ פּאַרלאַמענט, אַ דומא, אַזוי ווי אַ קאָנסטיטוציאָנעל לאַנד בעדאַרף האָבען — נאָר איז די דאָזיגע דומאַ עכט רוסיש. און די דאָזיגע דומא, קוים וואָס זי איז געעפענט געוואָרען און איידער מען איז נאָך גאָר צוגעטרעטען דערצו, צו אַרבייטען אין איהר, און שוין האָט זיך פערשפּרייט האַרטנעקיג דער קלאַנג, אַז אָט אָט געהט מען זי פערמאַכען. דער קלאַנג איז אַזוי פּלוצלינג און אַזוי בעשטימט אויפגעטרעטען, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז פערציטערט געבליבען. עס לויהנט זיך אַלזאָ גאָרניט מעהר צו רעדען וועגען אַ דומאַ און אַנ'ערעפנונג, ווען מען בעדאַרף גאָר רעדען וועגען שליסען. איך קום מיר פאָר ווי יענער יונגערמאַן, וועלכער זאָגט באַלד ביי דער חופּה צום רב, דער רב זאָל וואַרטען אַ טאָג צוויי, דריי, וועט ער איהם שוין בעצאָהלען פאַר דעם סידור-קידושין צוזאַמען מיט דעם גט. נאָך מאָנטאָג אין אָווענד האָט זיך אין פּעטערבורג פערשפּרייט דער קלאַנג, אַז די דומא ווערט בעשטימט געשלאָסען. די צייטונג „סעוואָדניאַ" האָט געשריבען: „איבער דער דומא פערשפּרייטען זיך שוואַרצע וואָלקענס. אַלע געזעלשאַפטליכע קרייזען זיינען זעהר

דערשלאָגען, דען די קלאַנגען קומען פון די העכערע ספערען, און עס איז אין זיי קיין שום צווייפעל נישט מעהר". אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען שוין די דאָזיגע קלאַנגען בעקומען גאַנץ קאָנקרעטע פאָרמען. דער „נאָווי פוט" האָט מודיע געווען: „מיר האָבען זיך דערוואוסט פון ז י כ ע ר ע ק ו ו ע ל ע ן, אַז אין די רעגירונגס-ספערען האָט מען בעשלאָסען פונאַנדערצולאָזען די דומא. דער אוקאַז וועגען דעם פונאַנדערלאָזען וועט געגעבען ווערען נישט שפעטער ווי אין ערשטען (14) מערץ. מען האָט בעשלאָסען זי פונאַנדערצולאָזען אפילו אין דעם פאַל, ווען די לינקע וועלען נישט געבען קיין שום סיבה דערצו". אַנ'אימה איז בעפאַלען אויף אַלעמען און מען האָט גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך. מען האָט נישט פערשטאַנען, צו וואָס די גאַנצע קאָמעדיע האָט געזאָלט און צו וואָס איז געווען דאָס עפענען און צו וואָס די מיליאָנען, וואָס די וואַהל-אַגיטאַציע האָט געקאָסט און הויפּטזעכליך, וואָס איז דאָ אַריינגעקומען פלוצלינג אין דער מיטען, וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף דעם דאָזיגען פלוצלינגען בעשלוס. אַז מיט דער איצטיגער דומא קאָן די רעגירונג נישט „אַרבייטען", דאָס איז קלאָר געווען פאַר אַ פיצעלע קינד; אָבער אויפלעזען אַ דומאַ אָהן אַ שום אינצידענט, אָהן אַ שום צוזאַמענשטויס און איידער עס איז נאָך פאָרגעקומען די מינדעסטע אורזאַך דערצו, דאָס האָט מען גאָרנישט געקאָנט בעגרייפען. — איז דאָס אפשר אינגאַנצען אויך נאָר אַ שטיקעל קאָמעדיע? מעגלי'ך איז עס, זאָגאַר זעהר מעגליך. די רעגירונג און איהרע העלכערס האָבען אפשר בעדאַרפט האָבען אַזאַ מין מאַנעווער צוליעב זייער עסק. פון איין זייט האָבען די „רעכטע" אַרויסגעלאָזען דעם דאָזיגען קלאַנג, כדי אַרויסצורופען אַ שרעק צווישען די דעפּוטאַטען, זיי זאָלען מורא האָבען צו אַנולירען די פּאַלשע מאַנדאַטען פון די עכט-רוסישע דעפּוטאַטען, ווי צום ביישפּיעל קרושעוואַנס און פורישקעוויטש'עס (ביידע זענען געוועהלט געוואָרען מיט דעם כוח פון וואַהל-שטימען פון מענשען, וועלכע זענען גרעסטענטיילס שוין לאַנג געשטאָרבען), און פון דער אַנדערער זייט איז יענער קלאַנג אונטערשטיצט געוואָרען אויך פון די הויכע ספערען, מיט דער כוונה צו דערשרעקען די דומא, זי זאָל זיך נישט דערוועגען אויפצוטרעטען ווי עס איז מיט אַ וואָרט געגען סטאָליפינען, בשעת ער

וועט אַרויסטרעטען אין דער דומא מיט זיין אָנגעקינדיגטער „דעקלאַ-ראַציע" — און נאַטירליך איז דאָס אַלץ געשעהן מיט דער הילף פון די אויסלאַנדס-קאָרעספּאָנדענטען, וועלכע האָבען די דאָזיגע מעשה מיט דעם פונאַנדערלאָזען פון דער דומא אויפגעבלאָזען און צעלאָזט אין אַלע ציימונגען פון דער וועלט. זעלבסטפערשטענדליך, האָבען אויך אונזערע גוטע פריינד אין אונזערע רוסישע רעגירונגס-ציימונגען ניכט געשוויגען. די „נאָוואָיע ווערעמיאַ", דער דאָזיגער בעראָמטער פאַר'ן גייסט, וואָס הערשט אין די הויכע ספערען, האָט אַרויסגעלאָזען אַלע טאָג זיינע משונה'דיגע ילְלות און ווילדע, בלוט-דורשטיגע אויפרופען, אַז די דומאַ מוז זאָפאָרט פונאַנדערגעלאָזט ווערען און די רעוואָלוציאָנערע דעפוטאַטען מוזען צעטריבען ווערען חי די כלבים. „עס איז אַנ'אונזין — שרייבט מענשיקאָוו אין דעם לעצטען נומער „נאָוואָיע ווערעמיאַ" — אַז די רעגירונג האָט שוין אויסגעשעפּט דעם גאַנצען קוואַל פון רעפּרעסיעס; דאָס איז נישט מעהר ווי אַ כיטרע אויסטראַכטונג פון די קאַדעטען. איינענטליך גערעדט, זענען קיין געזעץ-מיטלען נאָך נישט אָנגעווענדעט געוואָרען ערענסט. זיי זענען אַלע קוים אָנגעהויבען געוואָרען און קיינס אין נישט אויסגענוצט געוואָרען אין זיין פולער בעדייטונג, אַפילו נישט דאָס נויטווענדיגסטע מיטעל, דאָס פעלד-געריכט"... און די ציימונג „ראָסיאַ", דער לייב-אָרגאַן פון מיניסטער סטאָליפין, ווען זי רעדט וועגען דער דומאַ, לאָזט זי אונז נאָך אַ קליין שטיקעל פּתח-חרטה און זאָגט: „עס איז אַ מעגליכקייט, אַז די דומא וועט בלייבען, נאָר מען מוז זעהען בכל אופן שהוא, אַז דאָס רעגירונגס-פּראָגראַם אין דער אַגראַר-פראַגע זאָל ווערען אָנגענומען". ובכן זעהען מיר, פון וואַנען דער ווינד בלאָזט!

בין כך וכך געהען די „עכט רוסישע" נישט לעדיג, אין אַ גע-היימער בעראַטונג האָבען זיי בעשלאָסען, אַז אויב די דומאַ וועט אַנו-לירען די וואַהלען פון קרושעוואַן און פּורישקעוויטש, זאָל מען זיך נוקם זיין אָן דעם דומא-פּרעזידענט גאָלאָווין און אָן דעם גאַנצען דומאַ-פּרעזידיום. צו דעם דאָזיגען צוועק האָבען זיי איבערגעגעבען זייערע שוץ-מענער בילעטען, זיי זאָלען קאָנען אַריינקומען אין די דומאַ און זאָלען זיך גוט איינקוקען אין די פיזיאָנאָמיעס פון גאָלאָווין און די

אַנדערע, כדי זיי זאָלען זיי דערנאָך דערקענען אויף דער גאַס. זזבראָ-ווין, דער אָנפיהרער פון די עכט-רוסישע, האָט זיך געאוילערט פאַר איינעם פון די צייטונגס קאָרעספּאָנדענטען: „... זיי בצריהמען זיך, אַז זיי וועלען אונזערע דעפּוטאַטען אַרויסיאָגען פון דער דומא, און זיי פערשטעהען גאָרנישט, אַז מיר וואַרטען נאָר דערויף. זיי פערשטעהען נישט, אַז אונזער וואונש איז עס, זיי זאָלען אַזוי טהון, כדי אַזאַ רעוואָלוציאָנערע דומא זאָל וואָס גיכער צעטריבען ווערען און עס זאָל פון איהר קיין זכר נישט בלייבען, ווארום מיט יעדען טאָג וואָס אַזאַ דומא עקזיסטירט לענגער, קומט-צו אַ שענדליך בלאַט מעהר צו דער רוסישער געשיכטע א. ז. וו. דאָס רעכט-גלויביגע רוסלאַנד וועט זיך נישט לאָזען בעליידיגען פון אַ קליין הייפעל מענשען, וועלכע זענען אַראָבגעקומען פון סיביריען און פון די געפענגענישען אַרויס". און קרושעוואַן אַליין טעלעגראַפירט צו זיין צייטונג „דרוג", און די טעלעגראַם ווערט דאָרט אָבגעדרוקט מיט גרויסע אותיות, אַז די דומא איז אַ באַנדע פון אַ„ערב-רב, וועלכע ווערט אָנגעפיהרט „פון מאָשקע און יאָשקע העסען", און גאָלאָווין איז אַ קליין מענשעל מיט אַ קירבּיס אנשטאָט אַ קאָפּ, אַ טראַקטיר-יונגעל, אַ פשוט'ער משרת. און קרושעוואַן ענדיגט זיין טעלעגראַם מיט די ווערטער: „מען קאָן מעהר נישט ליידען. איך בעט די רוסישע לייט, צו זיין גרייט, איינצושטעלען זיך פאַר דעם רעכט פון רוסישען פאָלק, וועלכעס ווערט געטרעטען פון די שמוציגע פּאַראַזיטען".

און די פרוכטען פון אַלע די דאָזיגע פאָרבערייטונגען לאָזען נישט וואַרטען אויף זיך; די פּאָגראָמען שטעהען פאַר דער טהיר. פון אַלע עקען און ענדען רוסלאַנדס קומען אָן טאָג-טעגליך די נאַכריכטען, וועלכע טויט-שרעקען עס לעבט איבער די יודישע בעפעלקערונג. ביז נישט לאַנג האָבען רוסישע יודען געהאַט נאָר צוויי „געוועהנליכע" טערמינען אין יאָהר אויף פּאָגראָמען: ווען ס'איז געקומען דער יודישער פסח און ווען ס'איז געקומען די רוסישע פּאַסחא, און פּאָגראָם-נאַכריכטען האָבען זיך דעריבער אָנגעהויבען צו הערען און צו פערברייטען אַלעמאָל ערב-פסח און ערב פּאַסחא. זינט אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס קאַפּיטעל דומא, זענען צוגעקומען נאָך צוויי „ספּעציעלע" טערמינען: ערב דומא בשעת דער וואַהל-אַגיטאַציע און

נאָכ׳ן פונאַנדערטרייבען פון דער דומא. היי־יאָהר פאַלען די טערמינען, די געוועהנליכע און די ספּעציעלע, כמעט אַלע צוזאַמען אין איין צייט— און דאָס געשפּענסט פון פּאָגראָמען האָט זיך בעוויזען כמעט אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך פון דעם תחום־המושב. אין מינסק, גראָדנאָ, קאָוונאָ, יעקאַטעינאָסלאַוו, אַלעקסאַנדראָווסק, יאַראָסלאַוול האָט מען געוואַרט מיט אַ געוויסהייט אויף פּאָגראָמען פונ׳ם 14־טען ביז דעם 16־טען פעברואַר (27 פעברואַר ביז דעם 1־טען מערץ), עס זענען זאָגאַר וועגען דעם שוין געווען אַנגעקומען אָפיציעלע מיטטיילונגען צו דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע. אין ביאַליסטאָק וואַרט מען כסדר אויף נייע פּאָגראָמען. אין מירגאָראָד האָט מען פערשפּרייט אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז יודען האָבען פערוואונדעט אַ הייליג בילד און עס איז בלוט דערפון בעגאַנגען א. ז. וו. אין הוסיאַטין ווערען פערשפּרייט פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס. אין וויטיגראַד האָט זיך פלוצלינג אין אַ שעהנעם טאָג געהערט: „שלאָגט די יודען!“ און אַלע יודען האָבען געשלאָסען די געשעפטען און זיך פערגראָבען אין די הייזער. פון טרעסטיאַני איז מען מודיע וועגען אַ פּאָגראָם־פּאַניק. אין ראָסטאָוו ווערען פערשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס מיט דעם אויפרוף צו שלאָגען יודען. אין יעליסאַוועטגראַד נעהמט אָן די אימה פאַר אַ פּאָגראָם גאָר שרעקליכע געשטאַלטען און מען ריכט זיך אויף איהם יעדען טאָג, יעדע מינוט. פון הונדערטער אַנדערע שטעדט קומען אָן עהנליכע נאַכריכטען, גאַנץ בעזונדערס אָבער פון קישינעוו. די דאָזיגע אומגליקליכע שטאָדט לעבט איבער אַלעמאָל אַ היבש ביסעל פּאָגראָם־שרעק דורכ׳ן יאָהר, יעצט אָבער נאָך גאַנץ בעזונדערס: איהר „אויסגעוועהלטער“ קרושעוואַן האַלט ביים אַרויסגעוואָרפען ווערען פון דער דומא, און דאָס דאָזיגע האָט אָנגעמאַכט אַ רעכט ביסעל בייז בלוט ביי די עכט־רוסישע, און די אַגיטאַציע וועגען אַ יודען־פּאָגראָם ווערט געפיהרט פון קרושעוואַן און זיין חברה אויף דעם פיינטערליכסטען אופן. דער פּאָגראָם געהט!

•

דאָס אומגליק איז געשעהן. ערשט פאַר עטליכע שעה, שרייבענדיג דעם דאָזיגען בריעף, האָב איך דערמאָהנט, אַז „אין יעליסאַוועטגראַד נעהמט אָן די אימה פאַר אַ פּאָגראָם גאָר שרעקליכע געשטאַלטען

און מען ריכט זיך אויף איהם יעדען טאָג, יעדע מינוט,״ און נון איז שוין אָנגעקומען צו אונז אויך די שרעקליכע בעשטעטיגונג. אין יעלי-סאַוועטגראַד קומט איצט פֿאַר אַ פּאָגראָם. וואָס דאָרט טהוט זיך אָב בענוי, ווייסט מען נישט, נאָר די נאַכריכט וועגען אַ פּאָגראָם דאָרט האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט. אויף צווי טעלע-גראַמען, וועלכע איך האָב געשיקט צו בעקאַנטע אין יעליסאַוועטגראַד, האָב איך ביז איצט קיין אַנטוואָרט נישט בעקומען.

•

אין אַ טעלעגראַם פון דער פּעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור, וועלכע איז איצט אָנגעקומען, ווערט געזאָגט אין איהר בעקאַנטען נוסח, פלוצלינג, מיר נישט דיר נישט, „אַז די נ אַ כ ט אין יעליסאַוועטגראַד איז אַ ר י ב ע ר ר ו ה י ג. די קראַמען האָ ב ע ן ז י ך ש ו י ן ג ע ע-פֿ ע נ ט. דער פּאָליציימייסטער (ווי דער אַלטער מנהג איז, אַלעמאָל נ אָ ך אַ פּאָגראָם) האָט מודיע געווען, אַז ער וועט נישט דערלאָזען קיין שום גוואַלדטהאַטען״. וואָס אָבער עס איז פּאָרגעקומען פֿ אַ ר דער „רוהיגער נאַכט״ און איידער „די קראָמען האָבען זיך ווידער געעפענט״, דאָס נאַטירליך דערצעהלט אונז נישט די פּאָרזיכטיגע טעלעגראַפען-אַגענטור.

אין די היעגע יודישע רעדאַקציעס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם: „אין יעליסאַוועטגראַד האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם. צווישען די יודישע איינוואוינער הערשט אַ פירכטערליכע שרעק. עס איז דער-הרג׳עט געוואָרען איין יוד און עס זענען דאָ עטליכע פצרוואונדעטע. די איינוואוינער אַנטלויפען ווי נאָר יעדער קאָן״.

זו דומא וזה שכרה!

פינפאונדדרייסיגסטער בריוו

נישט דער סופיט פון דער דומא — ניין, א ל ע ס אין רוסלאנד פאלט, דאס גאנצע לעבען האלט ביים איינפאלען, אלע ווענד שאקלען זיך, דער באדען אונטער די פיס בויגט זיך און קרימט זיך, און יעדע מינוט איז מורא צו האבען, אז אט אט זאל נישט איבער'ן קאפ דער גרויסער, אומענדליכער דאך פון אונזער גאנץ לעבען און אונזער לע-בענס-געביידע איינברעכען און אונז אלע לעבעדיגערהייט בעגראבען. זיי האבען אונז געפעלשט אונזערע קריגס-שיפען און אלעס איז געווען נאר אויפ'ן פאפיר, זיי האבען אונז געפעלשט אונזער ברויט פאר הונגעריגע פויערים און האבען עס געליפערט נאר אויפ'ן פאפיר, זיי האבען אונז געפעלשט אונזערע דעכער און אונזערע געביידעס פאר אונזערע פאלקס-אויסגעוועהלטע און האבען דערלאנגט חשבונות אויפ'ן פאפיר; דאס איז שוין אזוי ביי אונז פון אייביג אן — און אזוי אויך האבען זיי אונז געפעלשט און פעלשען אונזער גאנץ לעבען און אונזער לעבענס-געביידע, און זיי ווייזען דער וועלט ווי שעהן און ווי פעסט עס איז, און פארט איז דאך אלעס נאר לויטער שפינוועבס. זיי זאגען אייך, די דאזיגע עהרליכע ליפעראנטען, וואס אלץ זיי האבען אונז שוין געליפערט און וואס אלץ זיי ווילען אונז נאך ליפערן — גלויבט זיי נישט, למען-השם גלויבט זיי נישט, עס זענען ר ו ס י ש ע ל י פ ע ר א נ ט ע ן ! און דער סוף פון א רוסישער ליפערונג איז א טסושימא, א גורקא-לידוואל-סקאנדאל, א סופיט-קאטאסטראפע, א לאנד-אונטערגאנג! — און דא שטעהט דער פרעמיער-מיניסטער, שטאלץ און פעסט און שטארק, אויף דער טריבונע, הינטער זיך א מיליאן סאלדאטען מיט פיקעס און שטיקעס און פון פארענט די חברה פאגראם-סקאנדאליסטען, וועלכע ער האט זיך גענומען אין זיין דומא אריין, און ער לייענט אייך — זיין „דעקלאראציע“ מיט א הויך קול און מיט א געאיבטער צונג און דרש'ענט אייך פון טויזענד רעפארמען, וועלכע ער וויל איינפיהרען

און ברענגט אייך אַן׳אונענדליכע רייהע פון נייע געזעץ-פּראָיעקטען, וועלכע קלעקען פאַר קינדער און פאַר קינדסקינדער, און לאָזט אייך הערען קונציג-אויכגעשליפענע פראַזען — און דאָס אויסלאַנד פּאַטשט בראַוואָ, און דאָס אויסלאַנד גלויבט, און דאָס אויסלאַנד זאָגט שוין מוסר אונז, ווי מיר בעדאַרפען זיך צו פיהרען און ווי מיר זאָלען נישט די רעגירונג אויפרייצען און ווי מיר זאָלען נאָר רוהיג און פיין און שטיל „אַרבייטען" מיט דער ליעבער רעגירונג צוזאַמען. אוי דאָס אויסלאַנד אוי ווי די וועלט בעט זיך, מען זאָל זי נאַרען, און ווי וויל זי גענאַרט זיין! און דאָס דאָזיגע אויסלאַנד האָט שוין פערגעסען אָדער מאַכט זיך נישט וויסען, וואָס עס איז געוועזן עהערנעכטען, אַ מעשה מיט אַן׳איינגעפאַלענעם דאַך, און ווי דער דאָזיגער איינגעפאַלענער דאַך האָט אויסגעדעקט פאַר די אויגען פון דער וועלט טויזענד נייע שענדליכקייטען און אונגעהויערליכקייטען, און זיי פערגעסען וואָס זיי אַליין האָבען דעריבער געזאָגט און געשריבען און וואָס זיי אַליין האָבען געטראַכט און געדאַכט. זיי פערגעסען און מאַכען זיך נישט וויסען, אַז מיט די הענד האָט מען אָט-וואָס ערשט געמאַכט אַ פּאָגראָם — און אין דער דומא זענען עס שעהנע רעדען נאָר מיט׳ן מויל; אין דער ווירקליכקייט האָט דער מיניסטער-געהילף קריזשאַנאָווסקי אָט-וואָס ערשט געגעבען אַ בעפעהל דעם גובערנאַטאָר פון קיעוו, אַרויסצוטרייבען פון דער שטאָדט אַלע יודישע פרייע צוהערער פון דער אוניווערזיטעט — און די גלייכבערעכטיגונג פון די נאַציאָנען אין דער דומא זענען נאָר ווערטער; פּאַקטיש טראָגט דער יוסטיץ-מיניסטער אין די דומא אַריין אַ פּראָיעקט, אַז די דומא זאָל בעוויליגען אויפצובויען נייע געפענגענישען — און די פרייהייט, פון וועלכער מען רעדט אין דער דומא, איז נאָר גערעדט; טהאַטזעכליך האָט מען די בריעף, וועלכע דער דעפוטאַט ביעלאָאוסאָוו האָט בעקומען דעם ערשטען מערץ, געעפענט פריהער אויף דער פּאָסט — און די פערזיכערונג אין דער דומא וועגען שוץ פון פּריוואַט געהיימניש איז נאָר געזאָגט. און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. און פאָרט גלויבט מען מעהר דעם געזאָגטען וואָרט ווי דער געשעהענער טהאַטזאַך. עטליכע שעהנע פראַזען זענען אַ וועלט ליעבער ווי טויזענדער מעשים טאָגטעגליך, וועלכע שטעכען אויס די אויגען! איבריגענס האָט דער פּרעמיער-מיניסטער אין דער

דומא, נאָך זיין ליבעראַלער דעקלאַראַציע, אויך גע‍זאָגט אַזעלכע ווערטער: „די דומא איז נישט דאָ, אום צו זאָגען, זי איז מסכים מיט דער רעגירונג אָדער זי איז נישט מסכים — דאָס פרעגט מען נישט ביי איהר; איך האָב זי גערופען, זי זאָל אַרבייטען (אַקטען קאָפּירען, פּראָיעקטען אָבשרייבען א.ז.וו.) און נישט זי זאָל אַגיטירען”. ווילען אפשר אַזעלכע ווערטער סוף כל סוף זאָגען, וואָס מען מיינט באמת?

אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע איז נאָר אַ ביטערע איראָניע, און מיי-ען מיינט מען, צו רייצען זיך מיט די אומגליקליכע מענשען אין דער דומא, ביז זיי וועלען פערליערען זייער ביסעל געדולד און זייער ביסעל „טאַקט” און וועלען אַרויס מיט דער שפּראַך, און דאַן וועט מען די גאַנצע בודע קאָנען בעקוועם שליסען. נישט בלויז מען לאָזט נישט רעדען וועגען אַנ׳אַמנעסטיע, נאָר עס קומט דער יוסטיץ-מיניסטער און רייצט זיך און פערלאַנגט, די דומא זאָל געבען געלד אויף נייע געפענגעני‌שען; נישט בלויז מען לאָזט נישט רעדען וועגען פּאָגראָמען, נאָר עס קומט קיילבאַרס, דער בעוואוסטער קיילבאַרס, און רייצט זיך און זאָגט: „פּאָגראָמען וועלען שוין נישט זיין, דען איך און די חברה פון די עכט-רוסישע לייט (קרושעוואַן, פּורישקעוויטש א.ז.וו.) וועלען די יודען פון היינט אָן שיצען”; נישט בלויז מען וויל נישט געבען יודען קיין רעכט, נאָר עס קומט דער מיניסטער-געהילף קריזשאַנאָווסקי און רייצט זיך און טעלעגראַפירט קיין קיעוו, מען זאָל יודישע סטודענטען אַרויסטרייבען; נישט בלויז מען וויל נישט לאָזען אַ פרייע מיינונג און אַ פריי וואָרט, נאָר עס קומט דאָס מיניסטעריום פון אינערען און רייצט זיך און פערלאַנגט, די דומא-זיצונגען זאָלען פאָרקומען ביי פערמאַכטע טהירען און די בעריכטען פון דער דומא, וועלכע ווערען געבראַכט אין די צייטונגען, זאָלען זיין אונטער צענזור, כדי די רעדעס פון די לינקע דעפּוטאַטען אין דער דומא זאָלען נישט האָבען קיין „שלעכטע” ווירקונג אויפ׳ן פּובליקום. אפשר, אַזוי מיינט מען, וועט אַזאַ בייסענדע איראָניע געבען אַ נעהם ביי דער נשמה און דער עולם וועט אַרויסשפּרינגען פון דעם געדולד און די דומא-קאַטאַסטראָפע וועט זיין פערטיג. עפּעס קומט מיר פאָר דער גאַנצער סטאָליפּין ווי אַ דרעסירער פון חיות אין אַ צירק מיט אַ קנאַל-בייטעל אין דער האַנד, און ער קנאַלט און קנאַקט, און די חיות שפּרינגען דורך די פייערדיגע

רייפען, און ברומצן בייזערהייט און פאָלגען, און ער גיט זיי אַמאָל אַ גלעט איבער'ן פעלכעל, און אַמאָל ווידער ווערט אַזאַ חיה ווילד און בייסט, און ער שטעהט מיט'ן רעוואָלווער און מיט'ן קנאַל-בייטשעל און קוקט אין די אויגען אריין און בענדיגט זי אָדער ער לאָזט אַראָב דעם פאָרהאַנג, און די פאָרשטעלונג הערט אויף אין דער מיטען.

און ־עלכע עצות אַזאַ סטאָליפין האָט אַלץ דעם אויסלאַנד געגעבן איבער! צו דער פּאָליטיק אין קליינעם איז ער אַ מייסטער. למשל האָבען מיר אַ „פעטערבורגער טעלעגראַפען-אַגענטור", און דער דאָזיגער אַגענטור איז געווען אָנגעזאָגט געוואָרען, זי זאָל, ווי ווייט זי קאָן, נישט ברענגען קיין נאַכריכטען וועגען באָמבען-אַטענטאַטען און עקספּראָפּריאַציעס און רציחות און אָנפאַלען, און די דאָזיגע אַגענטור האָט זיך אַזוי נוהג געווען וועהרענד די גאַנצע זיבען חדשים פון סטאָליפינ'ס ממשלה און האָט כמעט קיינמאָל נישט געבראַכט אַזעלכע נאַכריכטען וועגען פּאָגראָמען אין פערשידענע ערטער — כדי צו ווייזען דער וועלט, ווי רוהיג עס איז אין רוסלאַנד און ווי זעהר עס איז דעם פּרעמיער-מיניסטער געלונגען דאָס לאַנד צו בערוהיגען. קוים אָבער איז די דומא צוזאַמענגעטרעטען, און שוין האָט דיזעלביגע אַגענטור, ווי עס שיינט, געקריגען אַנדערע אינסטרוקציעס, און זי ברענגט איצט טאָגטעגליך נאַכריכטען וועגען רציחות און אָנפאַלען און עקספּראָפּריאַציעס, און עס איז נישטאָ אַ צעבראָכענע שויב אין דעם לעצטען דאָרף, וועלכע זאָל נישט געבען דער אַגענטור אַ געלעגענהייט צו ברענגען וועגען דעם אַ טעלעגראַם — כדי צו ווייזען דער וועלט, ווי אונרוהיג עס איז געוואָרען אין רוסלאַנד זינט עס איז פאַרהאַן אַ דומא, און דער פועל-יוצא דערפון איז, אַז די דומא איז אַנ'אומגליק פאַר דעם לאַנד און מען מוז זעהען זי צו צעטרייבען. אַ גרויסער מיניסטער מוז געדענקען אויך אין קליינע זאַכען!

אַז אַ קליינהייטס-פּאָליטיק איז אויך געווען, ווי מען זאָגט, אין דער מצשה מיט דעם סופיט פון טאַווערישען פּאַלאַץ און נישט בלויז מען זאָגט, נאָר עטליכע דעפּוטאַטען אין דער דומא האָבען עס אויך בעהויפּטעט. איך וויל מיך אָבער נישט אַריינלאָזען אין השערות. גענוג איז, אַז מען האָט שוין פריהער געוואוסט, ווי שוואַך דער סופיט איז, און מען האָט שוין פריהער גענוג דערפון גערעדט און אויך דאָס מיניסטעריום

האָט עס געוואוקסט און מען האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. גראָד איז אַ נאַכט פאַר דעם איינפאַלען, נאַטירליך נאָר צופעליג, אַ כחנה געהיים-פאָליציי געוועזען אויפ'ן דאַך און האָט אונטערזוכט, נאַטירליך נאָר אונטערזוכט, און אינדערפריה איז דאָס אומגליק געשעהן. און דאָס מיניסטעריום האָט פריהער שוין געוואוסט, ווי עס וואַך דער דאַך איז און האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. איי וואָס, עטליכע הונדערט דעפוטאַטען קאָנען געהרג'עט ווערען און די דומא קאָן ווערען דאַדורך אַ קליין ביסעלע געשטערט! אויך מיר אַ דאגה, אין וועלכען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ווערען אין רוסלאַנד נישט עטליכע הונדערט מענשען געהרג'עט, און וואָס שייך דער שטערונג אין דער דומא, דאָס אפשר וויל מען דאָך גאָר. אַ גרויסער מיניסטער מוז אָן אַלע קליינינקייטען, און אפילו אָן דומא-דעפוטאַטען, געדענקען!

און אויך אין די שרעקליכע פאָגראָמען פון דער הייניגער וואָך אין רומעניען וויל מען אַ קליינע רוסישע פאָליטיק זעהען. אַ פאַקט איז, אַז די אָנפיהרער פון די דאָזיגע פאָגראָמען זענען געוועזען רוסישע סטודענטען פון בעסאַראַביען, אויס דעם חדר פון דעם בעסאַראַבישען קרושעוואַן. מיט עטליכע וואָכען פריהער זענען דאָרט געזעהן געוואָרען עטליכע אָנפיהרער פון דער חברה עכט-רוסישע, די מערדער פון הערצענשטיין קוכאָווסקי און פאָלאָניצוו און מען האָט אַלץ נישט געוואוסט, צו וואָס האָבען זיי זיך אויסגעזוכט רומעניען פאַר אַן עיר-המקלט, אום דאָרט אַהין צו אַנטלויפען, יעצט ווייסט מען, וואָס זיי האָבען דאָרט געטהון. די פאָגראָמען זענען דאָרט געמאַכט געוואָרען אין דעם גרויסען סטיל גענוי לויט דעם רוסישען מוסטער.

און דער צוועק? עלנהיי זאָל די וועלט זעהן, אַז פאָגראָמען זענען נישט נאָר אַ רוסישע פריווילעגיע און נאָר רוסלאַנד האָט אויף זיי אַ „קאָפירייט", ניין, זיי זענען פאָרגעקומען אויך אין אַנדערע לענדער. למשל אין רומעניען, און ווען עס וועלען דאָן זיין פאָגראָמען אין רוסלאַנד, זאָל מען נישט מעהר פרעגען קיין קשיות. אומעטום אין ציוויליזירט לאַנד, וואו עס זענען דאָ מאַסען-יודען, מוז זיך דאָס „עקספלואַטירטע" פאָלק אָן זיי נוקם זיין!

און נון קומט אויך די פאָליטיק אינ'ם גרויסען סטיל: אַ „קרייץ-צוג" פון די עכט-רוסישע מענשען. עס גלהט צריבער אַ גרויל איבער

די הײַט, אַז מען דערמאָהנט זיך, וואָס דער סוף פון אַזאַ קרײַץ-צוג קאָן זײַן! פאַר עטליכע וואָכען האָט ד"ר דובראָווין, דער פאָרזיצענ-דער פון די עכט-רוסישע, צוזאַמען מיט דעם אַרכימאַנדריט אַרסעני און מיט נאָך פיעל אַנדערע זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ-ישראל, אום „צו בעטען דאָרט אויף די הייליגע קברים". מען האָט גאָרנישט פער-שטאַנען, וואָס איז עפּעס פּלוצלינג אַזאַ פרומקייט אָנגעפאַלען אויף די דאָזיגע לייט. יעצט קומט דער שריפטשטעלער אַמפיטעאַטראָוו און ערקלערט אונז, וואָס עס געהט פאָר. דאָס עולה-רגל זײַן צום הייליגען לאַנד איז ניכט אַזוי גלאַט אום תפילה צו טהון, נאָר עס איז אַן אָנהויב פון אַ קרײַץ-צוג, וועגען וועלכען גרינגמוט האָט אָפענהער-ציג אויסגעפּלוידערט דעם סוד: אַ הקדמה צום „פערגיסען גאַנץ רוסלאַנד מיט בלוט", אַזוי ווי עס האָט נאָך מעהר אָפענהערציג גע-זאָגט דער דומא-דעפּוטאַט קרושעוואַן. אין ירושלים ווילען די קרײַץ-ציגלער קריגען אַ נייעם פאָהן, געהייליגט דורכ'ן ירושלימער פּאַטרי-יאַרך, און די דאָזיגע פאָהן וועט שפּעטער זײַן די קריעגס-פאָהן פון די שוואַרצע הונדערטער. דער פּאַטריאַרך האָט זיי אין ירושלים צו בענשען און זיי מוחל צו זײַן אַלע זייערע עבירות פון פריהער און פון איצט און פון שפּעטער. און ריין פון עבירות און מיט אַ ריין געמיט וועלען די „קרײַץ-ציגלער" נאָך דער רוסישער פסחא „זיך צעשיטען איבער גאַנץ דרום-רוסלאַנד און וועלען אָנרייצען צו פּאָגראָ-מען אויף אַלע ליבעראַלע מענשען אין רוסלאַנד, און נאַטירליך גאַנץ בעזונדערס אויף יודען. „איך גלויב", זאָגט אַמפיטעאַטראָוו, „אַז דער פּלאַן פון דער דאָזיגער טייוולאָנישער פערשווערונג בעדאַרף נישט קיין שום ערקלערונגען. די אויטאָריטעט אין בעצוג אויף פּאָגראָמען, גע-הייליגט דורכ'ן פּאַטריאַרכ'ס פאָהן און דורך זײַן ברכה און די מחילה פון אַלע עבירות, וועט מיט זײַנע שרעקען פערטונקלען אַלע שרעקען פון די צייטען פון זשעלעזניאַק און גאָנטאַ... מען זאָגט אַז די גאַנ-צע זעעלע און דער איניציאַטאָר פון דער דאָזיגער פערשווערונג איז דער אויבער-גייסטליכער וואָסטאָרגאָוו, דער בעקאַנטער פיהרער פון די טיפליסער שוואַרצע הונדערטער. ער איז די שפּרינגפעדער פון דער גאַנצער פערוויקעלטער מאַשינאַציע, וועלכע וויל מיטאַמאָל גע-בען אַ זעץ אין אַכצעהן גרעסטע שטעדט פון רוסלאַנד". און אַמפי-

טעאַטראָוו פּאָדערט אויף אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון רוסלאַנד, זיי זאָלען נישט דערלאָזען די דאָזיגע שרעקליכע פאַרבערייטונגען און זייערע פאָלגען.

ווי אַזוי אָבער נישט דערלאָזען? — אין איינעם פון מיינע פריהערדיגע בריעף האָב איך שוין דערמאָהנט די מעשה מיט וואָס-טראָגאָוו'ן און זיינע פּלענער וועגען די אַכצעהן גרעסערע שטעדט אין רוסלאַנד. מיט וואָס און ווי אַזוי אָבער זאָלען מיר זיך רעטען? דאָס אויסלאַנד שווייגט, דאָס אויסלאַנד קוקט דעם מיניסטער סטאָליפּין גיין מויל אַריין און פרייט זיך מיט זיינע שעהנע ווערטער און בענוגענט זיך מיט זייע הבטחות, און וויל נישט פערשטעהן, ווי ווייט ער אַליין איז דער מיטשולדיגער אין אַזעלכע אומגליקען, און דאָס דאָזיגע אויסלאַנד וועט ערשט זעהן דענסטמאָל ווען עס וועט שוין זיין געשעהען.

דאָס אויסלאַנד איז פאָרלויפיג צופריעדען דערמיט, וואָס אַ פּאָ-גראָם אין יעליסאַוועטגראַד איז אָבגעלאָפען פערהעלטניסמעסיג אַזוי לייכט און עס האָט נישט געקאָסט מעהר ווי נאָר עטליכע קרבנות.

די „בריעף פון רוסלאַנד“ האָט פרישמאַן גע-שריבען אין די יאָהרען 1906–1907 אַלס קאָ-רעספּאָנדענצען צו דעם לאָנדאָנער יודישען וואָכענבלאַט „די אידישע וועלט“

4-טע רשימה פון די אבאָנענטען אויף אַלע ווערק פון דוד פרישמאַן*)

דאַנציג

לעאָ אָקס
י. ביעלאָגוסקי
ה. בערגער
י. בעלאָוס
י. גאָלדבערגער
י. גאָפינקעל
י. גרינבערג
י. דיאַמאַנטשטיין
ה. האַלבערטהאַל
ה. מ. הערמאַן
דיר. א. ווײנקראַנץ
ש. ווײנגראָוו
י. זאָנענבערג
י. ליווּשיץ
ל. מאַרקוס
אדולף מאזור
מומעס
ש. מלכיגער
דויד מענן
ל. מערקין
ש. פינקעלשטיין
כרוי י. קאַרלין
קראַקאָווסקי
וו. ראָזענטהאַל
מ. ראָזענצווייג
ז.ב. שעמיאָן
א. שפיעגעלמאַן

לאָנדאָן

י. אַלטשולער
ס. אַלמאַן
א. אַנדזשעל
ד. אַקערמאַן
ד"ר א. אַראָנסאָן
ד. בוכמאַן
וו. בילמעס
י. בעטשלער
ל. בערמאַן
ר. גאָרניק
וו. גאָלדשטיין
א. גוד
ל. גראָס
מ. גראַד
מ. גראָסמאַן
דזשואיש קאָלעדזש

*) די ערשטע 3 רשימות זענען פערעפענטליכט געוואָרען אין באַנד I, II, IV. די ווייטערדיגע רשימות — אין די קומענדע בענדער.

דזשואיש פרי רידינג	א. סווירמאַן
ב. האַרטשטיין	ס. סימיא
ש. היל	ב. סיידער
ל. הירש	וו. סלאָוואָצקי
מ. הערשמאָן	י. סליווקאָ
וו. וואָלף	ב. סמאָליצער
סעם וואָלפסאָן	ל. סעגאַלאָוו
ש. ווהייט	י. סערעס
י. וויינרעב	פאָדרוזשניק
ב. ווילסאָן	מ. פאָלאטאָווצקי
מ. ווילענסקי	פר. ט. פאַיענסאָן
וו. וויקטאָר	ד"ר ב. פייוועל
וו. זייפערט	ד"ר נ. פינעס
א. זינגער	י. פיצרמשוק
י. מ. זיעף	י. פעפער
א. טאַרלא	פ. פעפערמאַן
ד"ר. יאָכעלמאַן	א. פערעלמוט
מ. לאַכאָווסקי	י. פרעסמאַן
י. לאַסקי	וו. צוקערמאַן
מ. לוסקין	פ. קאָהן
ס. לוריע	ס. קאָלין
ד. לייבאָוויטש	י. קאַפיטאַנטשיק
י. לעוויט	קאָפעלאָוויטש
ב. לעווין	מ. קירשנער
מילוואָרד	ד. קליימאַן
י. מאַקאָווער	לואיס קעיע
מאָריס מייער	מ. ל. קעיע
א. מייקעלסאָן	ס. קראָם
ב. מלאָווסקי	מ. קראַפס
מ. נאַסאַטיכין	ד"ר קרוכעניא
ב. סאַקאָוו	וו. קרעמער
ר. סאָקאָלאָוו	וו. קראָסנער
ד"ר א. סאָרסביי	ראָזענגאַרטען
ד. סאלאמאנס	א. ראָזענבוים

מ. ראָזענבוים
ל. רעזניק
ל. שניאורסאָן

פאריז

ה. איטקיס
ר. אַלטערהויין
ה. ביין
א. בערלין
ל. בערמאַן
מ. בראָן
י. גאָלדמאַן
ד. גוטמאַן
ס. גאָלוס
אַדוו. גלעזער
מ. װיגדערהויז
ס. װייסבראָד
מ. װענדעל
ס. טעפּערמאַן
פּראָפ׳ ר. יאַקובאָוויטש
ר. לאָס

ב. ליוואַרעק
מ. לעווין
ה. מאַרקביין
י. ניידיטש
צ. סאלאָמאָן
מ. סעגאַל
י. עפראָיקין
ד״ר ל. פּילטערמאַן
י. פעלדמאַן
ר. פּרוכט
ס. פאָליאַק
א. צוקער
י. קאָדריאַנסקי
מ. קריינין
א. ראָזענבערג
א. ראָטהאפּ
ס. ראָטציינ
מ. שאַגאַל
פ. שאָלץ
ס. שינדלער
י. שיק
מ. שמולעוויטש

Druk. „Grafia", Warszawa

Dzieła Dawida Fryszmana

Wyd. L. Fryszman, Warszawa.

Druk. „GRAFIA“, Warszawa.